הירשע-דוד מעינקעס

דער

# פלאַכער שפּיץ

הירשע־דוד מעינקעס

# דער פלאַכער שפּיץ

## מעשיות פון ווילנער גובערניע

פאַרלאַג „דריי שוועסטער"
ראָזון ד׳וויילז
תשנ"ג
לפ"ק

Heershadovid Menkes

# Y Copa Gwastad

## a storiau Idish eraill o Dalaith Filna

The Flat Peak
Tales of the Province of Vilna

This volume was published through the generosity of David and Beth Tabatznik, in memory of

Mendel Tabatznik
Yiddish poet and novelist
(1894–1975)

LLUN Y CLAWR TRWY GAREDIGRWYDD BWRDD YMDDIRIEDOLWYR AMGUEDDFA VICTORIA AC ALBERT
COVER PRINT BY COURTESY OF THE BOARD OF TRUSTEES OF THE VICTORIA AND ALBERT MUSEUM

Gwasg y Tair Chwaer – Three Sisters Press
Cae Fadog Farm
Rowen, County Gwynedd
Wales LL32 8YP
Britain

© 1993 Heershadovid Menkes

ISBN 1 874386 01 3

Cedwir pob hawl – All rights reserved

# דעם פעטער עלטשיק׳ן



עלע=לייזער (אליהו אליעזר) כ״ץ (חייט) ז״ל
דער בכור ביי הירשע=דוד כ״ץ (חייט) איש סוויר
און באַדאַנע אהרן=וועלוול׳ס (גובערסקי) אשת מיכאַלישעק
עלטסטער ברודער פון בערקע, מעינקע, בלומקע, יעיסקע, מעישקע

געבאָרן אין סוויר,
תר״ם (1900), געלעבט
אין סווינציאַן, געהאַט אַ שם פאַר
אַן עילוי. ער מיט זיין כלה דוועירקע האָבן
אייביקע ליבע געשוואָרן ביים אויפגעעפנטן ארון
קודש אין „אַלטן בית=מדרש" אויפן סווינציאַנער שולהויף

געשטאָרבן אין בואוויץ צו זיבעצן מיט אַ האַלב יאָר, ימים
נוראים צייט תרע״ח (1917), בעת צוואַנג=אַרבעט
אין ביסטרעץ ביי דער דייטשישער אַרמיי
געבראַכט צו קבורה אויפן
מיכאַלישקער
בית=עולם

דוועירקע איז עלטשיק׳ן געבליבן געטריי ביז איר אומקום, ימים נוראים
צייט תש״ב (1941), ביים מאַסן=קבר „פּאָליגאָן" אין סווינציאַנקע
(ניי סווינציאַן), וואו די דייטשן און זייערע מיטהעלפער
האָבן אויסגעשאָסן די סווינציאַנער יידן. הי״ד

מאַריאַשע מיטן מקובל 3

די גאָלדענע שטאָט 35

ציזע לאָקשנדריי 53

דער פלאַכער שפּיץ 83

האָדעלקע תרשיש 123

איצעלע מיטן שטעקל 165

טילע הנביאה 177

# מאַריאַשע מיטן מקובל

# מאַריאַשע מיטן מקובל

ווער ס׳האָט פרייטיק צו נאַכטס אין מיכאַלישקער בית־מדרש ניט געדאַווענט; ווער עס האָט אין הויכן פענצטער דעם פלאַמפייערדיקן מיכאַלישקער זונפאַרגאַנג ניט באַקלערט; און ווער ס׳האָט ניט דערהערט ווי עס יאָגן זיך אָן בשעת מעשה די ווילדע וואַסערן, הינטערן מאַרק און פון יענער זייט חזיר געסל; אַטאָ דער אָ האָט קיין שבת ניט טועם געווען. קיין שום פויער, קיין שום אפיקורס, וועט ניט גיין לייקענען, אַז די זון מיט די וואָלקנס מיט די הויכע הימלען, נעמען פרייטיק צו נאַכטס און ריסעווען אויס אין הימל וואונדער חיות מיט פליענדיקע וועזנס און געשפענסטער, מיט פאַרבן פון ווייטע וועלטן, געלן וואָס זיינען קיין געל ניט, רויטן וואָס זיינען קיין רויט ניט, און גאָלדן וואָס זיינען ניט קיין גאָלד.

די ריטמישע וואָכעדיקייט איז איבערגעאַנדערשט געוואָרן אויף גראַמלאָזער שיכורהאַפטיקער שבתדיקייט, ניט ביסלעכווייז און ניט בהדרגה, נאָר בבת אחת און שאַרף־חלפדיק. די רגע פון גרויסן שינוי איז ניט געווען ביים ליכטצינדן, ניט ווען דער מיכאַלישקער חזן האָט מיטן האָב־און־גוטס פון זיין נשמה אויסגעזונגען „לכו נרננה״, און אפילו ניט דאַמאָלסט אַז די לעצטע עמידה איז מיט גאָט׳ס אַ נס, ניט קיין קליינעם, פלוצלונג אַריינגעפאַלן אין „ויכולו השמים והארץ וכל צבאם״. די

וואונדערפולע רגע, במציאות און דאָך ווי אין חלום, איז אַלע וואָך געוואָרן, פון זינט ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ מיכאַלישעק, דאַמאָלסט אַז דער חזן האָט מיט אַ בלחשדיקן טאָן געזאָגט: „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד״, און אין בית־מדרש איז געוואָרן שטאָק שטיל. און שטיל איז אויף אַ ווײַלינקע געבליבן, די שענסטע ווײַלינקע, איטלעכער האָט געקוקט אין הויכן פענצטער און באַנומען די שבתדיקע אײַנשטילעניש וואָס פאַרלויפט זיך אין די הויכע היכלות, צום טאַקט פון די ווילידע וואַסערן וואָס האָבן רויש און שאָרכעניש אויסגעביטן אויף אַ רואיק־גלאַטיקער פּליסעניש. עלעהיי דורכן רבונו של עולמ׳ס אַ סודותפולן סימן, האָט דער חזן דערשפּירט דעם כל־שהוא־פון־אַ־רגע ווען די לעצטע וואָכעדיקע דאגות זײַנען בײַם אײַנגע־שפּאַרטסטן מיכאַלישקער צעגאַנגען, און אין אײַן אויגנבליק האָט ער שבתהאַפּטיק, ניט ערב־שבתדיק, מיט געמאָסטענע טענער פון אויסגעלײַטערטן עקסטאַז, און מיט גאָר אַן אַנדער קול, גענומען זינגען „לכה דודי לקראת כלה״. דאַמאָלסט איז ניט געווען וואָס צו ריידן, ס׳איז געווען: שבת.

די ערשטע געשעעניש אום שבת גופא איז אויך געווען אַ באַשטענדיקע. אַלע פרײַטיק צו נאַכטס האָט אין מיכאַלישעק עולה רגל געווען אַ ייד פון אַ דאָרף ניט ווײַט, מאַרקון ט׳עס געהייסן, וואָס אויפן קאָזשאַרניקער וועג, פאַזע דער ווילידע, אַ העלפט די וועג קיין בואַק. ער איז געווען אַ קלײנער, אַ ביינערדיק־שלאַנקער, ער איז געלאָפן, ניט געגאַנגען. בײַ אים איז געווען אַ צעשויבערטע קאָפּ לאַנגע ווײַסע האָר וואָס האָבן ווי אַ שלײער דעם שטערן און אַ גרויסן טייל פּנים פאַרבאַהאַלטן, עס האָבן מערניט אַרויסגעשטאַרצט די געל־ווײַסע שפּיציקע באַקן. די שפּיצן און שפּיצעלעך פון דער מעכטיקער לאַנגער ווײַסער

באָרד האָבן ווען יאָ ווען ניט אָנגעגרייכט ביז צום גאַרטל, געווענדט אין זיין שטאַנד. די לאַנגע שוואַרצע סאַמעטענע קאַפּאָטע, אַזוינס האָט מען אין יענע מקומות ניט געזען, איז געווען ביז די פּיס אַראָפּ די לענג. אויפן קאָפּ ט׳ער געטראָגן אַזאַ מאָדנע־ווייס היטל מיט אַ קופּאָל, ווי ביי די טערקן, ווערליק דעם וואָס ס׳איז געשטאַנען געשריבן אין די מעשה ביכלעך.

אין מיכאַלישעק איז ער געקומען, דער ייד, מערניט איינמאָל אין דער וואָך צו קבלת שבת. מער ט׳מען אים ניט געזען. געוואוסט האָט מען נאָר אַז ער לעבט צווישן פּויערים אין אַן אַלטער כאַלופּע, עק מאַרקון, האַרט ביי דער ווילִיע. גערעדט האָט מען אַז חיונה ט׳ער אויפן שפּיץ מעסער געצויגן פון אַ נישטיקער הכנסה, אַ ירושה פון אַ ווילנער עלטערמומע וואָס איז אַ פּאַרזעסענע געשטאָרבן. מ׳האָט אויך גערעדט אַז דער ייד איז אַ מתמיד אַ מקובל וואָס גריבלט זיך טאָג און נאַכט אין די ספרי ח״ן.

געדאַוונט האָט ער שטילערהייט. ניט פון די ליפּן איז קיין וואָרט ניט אַרויס, ניט די ליפּן האָבן זיך אַ ריר געטאָן. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, ס׳האָט קיינעם ניט געשטערט ווייל ער האָט בקביעות געדאַוונט ביי אַ שטענדער סאַמע סוף, הינטער אַלע שטעט, האַרט לעבן די צוויי גרויסע טירן וואָס האָבן אַריינגעפירט אין פּאָליש. געשאָקלט האָט ער אויכעט ניט, ער איז געשטאַנען אַ מעזמעריזירטער, אין אַ הינערפּלעט, אָנגעזאַפּט מיטן אין־סוף.

נאָר וואָס, צום סוף, האָט ער גענומען שאָקלען און דאַוונען אויף אַ קול, אַ ביסל פּאַר עלינו, אַז ס׳האָט געהאַלטן ביים „במה מדליקין ובמה אין מדליקין״. אָנגעהויבן האָט ער מיטן מאַכן מיט די ליפּן און שורותווייז איז ביי אים אויסגעוואַקסן אַ שטימע, אַ

הילכיקע און אַ זיסע, וואָס מער האַסטיק און בראַנדיק, ביז צו אַ קרעשענדאָ:

אֲבָל אִם חִבְּרָהּ הַיּוֹצֵר מִתְּחִלָּה׳ מֻתָּר ׳ מִפְּנֵי שֶׁהוּא כְּלִי אֶחָד:

לֹא יְמַלֵּא אָדָם קְעָרָה שֶׁמֶן ׳ וְיִתְּנֶנָּה בְּצַד הַנֵּר

וְיִתֵּן רֹאשׁ הַפְּתִילָה בְּתוֹכָהּ ׳ בִּשְׁבִיל שֶׁתְּהֵא שׁוֹאֶבֶת

וְרַבִּי יְהוּדָה מַתִּיר:

דעם „ורבי יהודה מ⸗אַ⸗אַ⸗טיר” האָט ער שוין אַרויסגעלאָזט אַ באַנומענער. די אויגן האָבן זיך פאַרקלאַפּט. צווישן די צעקאָרטשעטע ברעמען האָט זיך אויסגעקריצט אַ טיפער חלל אין דער הויט מיט אַ צורה פון אַן עץ⸗הדעתל. פון די ציטערנישן פון קערפּער האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער קען אַנידערפאַלן אויף דר׳ערד ווי אַ געשלאָגענער אויף דער פאַליקע. דאָס ביסל איבעריקע האָט ער שוין ווידער געזאָגט בלחש און איז געקומען צו זיך.

נאָכן דאַוונען, איז ער אַזוי פלינק אַנטלאָפן געוואָרן דורך די טירן, אַז קיינער האָט אים ניט באַוויזן בעטן אויף שבת, לאַנגע יאָרן וואָס קיינער׳ט ניט געפּרואווט אַפילו. ער האָט זיך געשווינד געלאָזט אין וועג אַריין, אַהיימצוצו אויף מאַרקון. מער האָט מען דעם יידן ביז איבעראַכטאָג שבת ניט געזען. אַ גאַנצע וואָך האָט מיכאַלישעק פאַרגעסן אין דעם אַז ס׳איז גאָר דאָ אויף דער וועלט אַזאַ ייד. און טאָמער איז אים איינמאָל אין אַ יובל אויסגעקומען צו דערמאָנען, האָט מען אים גערופן ניט אַנדערש: ור׳ יהודה מתיר — „וירעבּיודע⸗מאַטיר”.

## ב

איין מיכאַלישקער האָט גראַדע וועגן ווירעביודע־מאַטיר׳ן אַלע ווײַלע געטראַכט. מאַריאַשע די קרומע ט׳מען איר גערופן, זי האָט פון קינדווייז אָן אונטערגעהונקען אויף אַ פוס, און קיין קרומען חתן, קיין אַנדערן מיט אַ פּגם ט׳זי ניט געוועלט נעמען. איר פּנים, האָפּערדיק און ראָזעווע־רויטלעך, און די האָר, שוואַרצע ווי קוילן, האָבן געגלאַנצט מיט לעבנסלוסט און כח נוקבא. זי איז געווען קליין און שלאַנק, האָט האָלט געהאַט רייצנדיקע קאָלירן. זי איז געגאַנגען מיט רויטע קליידלעך, אַ זעלטענע זאַך ביי יידישע־קינדער. געלעבט האָט זי אין אַ שטיבל ביי דער ווילִיע, אין דער זייט פון מיכאַלישקער הויף.

מאַריאַשע איז געווען אַ קײלעכדיקע יתומה, די עלטערן מיט די צוויי ברידער זיינען אומגעקומען נאָך אין די ערשטע מיכאַלישקער שריפות. קינדווייז האָט זי געלעבט מיט די יתומים וואָס אין הקדש, דער רב מיט דער רביצין האָבן זיי ווי אייגענע קינדער געהאָדעוועט און מיט זיי געלערנט. דאַמאָלסט איז נאָך געווען רב אין שטאָט דער מיכאַלישקער גאון, ר׳ שבתי פיינבערג, דער „אפיקי מגינים”. קיין מער וואוילגעלערנטע קינדער ווי די יתומים אין הקדש האָט מען יענע יאָרן ניט געטראָפן. יתומים, אַזוי ט׳ער געזאָגט, דער מיכאַלישקער רב, דאַרפן לערנען ביים רב און ניט ביים דרדקי מלמד, „אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה” האָט עס ביי אים געהייסן. מ׳האָט גערעדט אַז ייִנגלווייז האָט דער רב צוגעקוקט מיט שרעק ווי חדר ייִנגלעך לאַכן אויס אַ ייִנגעלע און זינגען אים אויס מיטן טראָפּ פון דער הפטורה: „האָסט ניט קיין טאַטע, ווּעסט קיין שידוך ניט

טאָן, וואָס קענסטע שוין ווערן, אַ געשוואָלענער האָן".

מאַריאַשע האָט נישקשה פאַרדינט פון כאַפּן פיש אין דער וויליע האַרט לעבן שטוב. אויסשפרייטן די שעטקעס, וואָס זי האָט פון ליין פאָדים אויסגעפלאָכטן, זיי האָבן אויסגעזען ווי אַ שפינוועב, האָט קיינער ווי מאַריאַשע ניט געקענט. געכאַפּט האָט זי מער און בעסערע איידער מאַנסבילן פישערלייט מיט זייערע בוטשעס. צווייערליי וויליע פיש האָבן זיך געמערט אַרום מיכאַלישעק, וואַנצאַקעס מיט לעשטשן. איבער זיי האָבן זיך וויבער אויף די מערק געקריגט. יאָרן לאַנג האָט זי די פיש פאַרקויפט אַלע מיטוואָך אויפן סווינציאַנער מאַרק. דער אָרעמסטער סווינציאַנער פורמאַן, אבא־שלעימע דער טיכערניק ט׳מען אים גערופן, איז געקומען צו פאָרן אַלע דינסטיק ביינאַכט אין מיכאַלישעק איר אָפּנעמען. פון זיין קליאַטשעס זיינען געהאַנגען שטיקער מיסט וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט: שטרוי, אָפּפאַל, שישקעס. דער פורמאַן ט׳איר אָנגעלאָדן דעם וואָגן מיט די הילצערנע קאָשיקעס, אין זיי האָט זי די פיש אָנגעפּאַקט, און אַרומגעלייגט מיט אייז, זיי זאָלן זיך ניט איבערפירן. מ׳איז אַרויסגעפאָרן פון מיכאַלישעק אינמיטן נאַכט, יורקע קאַפּיטאַן האָט מען געדאַרפט איבערוועקן, ער זאָל דעם וואָגן אַריבערפירן איבער דער וויליע מיטן פּראָם. אַז מ׳איז פאַרטאָג אָנגעקומען אין סווינציאַן איז אבא־שלעימע אַוועק אַהיים זיך אַנידערלייגן. פאַרקויפן די גאַנצע פיש האָט מאַריאַשע׳ן קיין האַלבן טאָג ניט געדויערט. זי האָט פאַרקויפט אויך אַ פולע אויף הורט, סווינציאַנער סוחרים, וואָס האָבן די פיש וויטער פאַרקויפט פרייטיק אויפן פיש מאַרק. באַלד ווי דער וואָגן האָט זיך אויסגעליידיקט איז זי אַוועק צו אבא־שלעימע׳ן, אים איבערגעוועקט, און ער׳ט איר אָפּגעפירט אין מיכאַלישעק. אָט

אַזוי זײַנען מאַריאַשע׳ן אַדורך די דינסטיק־מיטוואָכן, אַזוי זײַנען איר אַוועקגעלאָפן די מיידלשע יאָרן.

אַלע אירע יאָרן האָט מאַריאַשע אַן אויג געהאַלטן אויף ווירעביודע־מאַטיר׳ן. זײַן מראה, זײַנע מלבושים, זײַן הילוך, זײַן דאַווענען און מער פון אַלץ זײַן נעלם ווערן, דאָס אַלץ האָט מאַריאַשע׳ן דערמאָנט אין די אַמאָליקע צדיקים וואָס דער רב ר׳ שבתי האָט וועגן זיי דערציילט אַלערלייאיקע וואונדער מעשיות, דאַמאָלסט אַז זי איז נאָך געווען אין הקדש אַ יתומה. ר׳ שבתי איז שוין לאַנג געווען אויפן בית־עולם. פּונקט ווי צו קיין קרומע בחורים און בעלי־מום האָט זי מיידלוויז ניט געגלוסט, פּונקט אַזוי האָט איר אַלם עלטערע מויד ניט געצויגן צו קיין אלמנים, גרושים, קאַליקעס, לאַ־לנוס. מאַריאַשע׳ן האָט געצויגן נאָר צו אין ווירעביודע־מאַטיר׳ן, וואָס ניט זי האָט מיט אים ווען קיין וואָרט אויסגערעדט, ניט זי׳ט געוואוסט ווי דער ייד הייסט אויף דער וואָר. איר האָט אָפּגעדאַכט אַז דער נסתר ווירעביודע־מאַטיר האָט מיטן רבונו של עולם אָפּגעשלאָסן אַן אָפּמאַך, אַז אָנשטאָט אויסלעבן די יאָרן דאָ אויף דער וועלט נאָכאַנאַנד, לעבט ער איינמאָל אין דער וואָך פרייטיק צו נאַכטס, און קלייבט זיך אָן זײַנע יאָרן אין גאַנג פון דאַוויים וויפל דורות. זי האָט אים געדענקט, ווי ער זעט אויס פּונקט אין זעלביקן עלטער פון זינט זי האָט געגנומען גיין דאַוונען פרייטיק צו נאַכטס. מאַריאַשע׳ן איז געווען באַשיימפּערלעך קלאָר אַז ער איז וואָרהאַפּטיק איינער פון די קדמונים און וועט נאָך הונדערטער און הונדערטער יאָרן זיך אַראָפּלאָזן דאָ אויף דער וועלט אויף די מיכאַלישקער קבלת־שבתן.

און בעת מעשה האָט מאַריאַשע׳ן געצויגן צו ווירעביודע־מאַטיר׳ן, איצטערט־אָ און דאָ־הי. זי האָט געוואוסט אַז מ׳רעדט

אַז ער לעבט זיך איינער אַליין אין מאַרקון אין אַ שטיבעלע ביי דער ווילייע. איר האָט זיך אָפּטמאָל געחלומט אַז זי איז זיין ווייב און זיי לעבן זיך אויס די יאָרן אין פריידן אין מאַרקון, אַ ביסל ווייטער ביי דער זעלביקער ווילייע, אַ מהלך קיין דריי וויאָרסט אויכעט ניט. וויפל זי האָט בייטאָג ניט געהאָפּט אַז ער אַליין וועט איר צו חלום קומען בייננאַכט איז ער ניט געקומען. אין די חלומות האָט זי געזען מערניט זיך אַליין אין מאַרקון, אַרום אים, לעבן אים. ער איז אויך אין חלום געבליבן דער זעלבער ניט־צום־דערטאַפּן.

ווינטער האָט זיך איר געוועלט כאַפּן אַ פור, זיך אַרויפלאָזן ביי אַ פויער אויפן שליטן און אָפּפאָרן אין מאַרקון. זומער איז איר ניט איינמאָל איינגעפאַלן צופאָרן מיט איר שיפעלע אַזש ביז ווירעביודע־מאַטיר׳ס מאַרקונער שטיבעלע, קעגן שטראָם פון דער ווילייע. פרילינג און אָסיענצייט האָט זי געקלערט אַרויפכאַפּן זיך אויף אַ וואָגן, דעם פויער דערלאַנגען אַ פּאָר פרישע לעשטשן און אים אַ זאָג טאָן: „נאַ מאַרקונע". גאַנצע צוועלף חדשים אין יאָר האָט איר געצויגן צוגיין פשוט צופוס מיט עפּעס אַן אויסרייד און צו דעם יידן אַריינפאַלן. די יאָרן זיינען אַוועק. זי איז אין נאָענט־ווייטן מאַרקון ניט אָנגעקומען, ניט מיט קיין שליטן און ניט מיט קיין שיפל, ניט מיט קיין וואָגן און ניט מיט די פיס.

אַז זי איז אין אַ פראָסטיקן טאָג אין שבט געוואָרן פערציק יאָר, האָט זי זיך אָנגעטאָן אַ מוט און באַשלאָסן אַז זי וועט זיין אין מאַרקון. יענעם פורים האָט מען לויטן פורימדיקן דין געזשלאָקעט בראַנפּן, איינגעריבן המן־טאַשן, געטראַסקעט און געטומלט. גבירים האָבן די גאַנצע שטאָט, די יידן מיט די גויים, מכבד געווען אויפן מאַרק צו גלעזלעך י״ש. ווער עס האָט זיך

אָנגעטאָן ווי אחשוורוש און ווער פאַר ושתי׳ן זיך פאַרשטעלט. מאַריאַשע איז אַריין צו צוויי פריינדינעס,ביידע זיינען געווען הינערניצעס, און נאָכן ווערן בגילופין, איז זי אַוועק אַהיים. זי האָט גענומען אין האַנט אַריין אַ פּעקל מיט פיש און איז אַוועק צו מאַלע־אסתר דער בעקערין, זיך אָנגעקויפט מיט המן־טאַשן, יאַגדע טאָרטן, מאָן פּלעצלעך, האָניק לעקעך. מיט פיש און געבעקסער אין די הענט, האָט זי, שוין אויפן קול און ניט אין די דמיונות, אַ שריי אויס געטאָן צו אַ פּויער מיט אַ וואָגן:

— נאַ מאַרקונע!

אונטערוועגנס האָט דער שוואַרצער פערד, אַזוי׳ט מאַריאַשע׳ן געדאַכט, אויסגעקלאַפּט „לכה דודי לקראת כלה״. מאַריאַשע האָט געקוקט נאָר צו לינקס צו, צו דער ווילִיע. איר האָט געדאַכט אַז זי פאָרט אַ קוק טאָן יענע וועלט. אַז מ׳איז אָנגעקומען אין מאַרקון האָט איר אַ צופּ געטאָן אין האַרצן. זי האָט דעם פּויער געהייסן שטיין בלייבן. ער האָט געגעבן אַ פּויערשן „בבבררררר״, און דער פערד האָט זיך ראַפּטעם אָפּגעשטעלט. אַ וואָלקנדל מיט זאַמד האָט זיך אַרום דעם וואָגן אַרויפגעלאָזט. מאַריאַשע איז אַרויסגעשפּרונגען ווי אַ קליין מיידעלע און אַ פרעג געטאָן ביי מאַרקונער פּויערים וואו עס לעבט אַ ייד אַ קליינינקער מיט לאַנגע ווייסע האָר און אַ לאַנגער ווייסער באָרד. מ׳האָט איר באַלד אָנגעוויזן, ער לעבט סוף דאָרף אין יענער זייט, צו לינקס צו, האַרט ביי דער ווילִיע. זי איז צוריק אַרויף אויפן וואָגן, דער פערד האָט אַ שפּרונג געטאָן גאַלאָפּ אַז ער האָט דערהערט דעם פורמאַנישן „נאָ״. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך דאָס שטיבעלע אָנגעזען פונדערווייטנס. פון וועג ביז צום שטיבל איז קיין סטעזשקע ניט געווען, נאָר אַ סאָד מיט באַרנביימער, וואָס צווישן זייערע שפּעט־ווינטערדיקע

נאַקעטע צווייגן האָט מען אַ שטיבעלע דערבליקט, וואָס איז קרום געשטאַנען, אָנגעלענטערהייט, ביים ברעג וויליע. מאַריאַשע האָט באַצאָלט פאַר דער פור, דעם פויער אָנגעזאָגט ער זאָל איר ניט אָפּוואַרטן, די פּעקלעך אין די הענט אַריין גענומען. ניט קוקנדיק אויף הינטערווײַלעכץ איז זי צוגעגאַנגען ביז צו דער טיר מיט די זיכערע טריט פון אַ דורכגעטריבענער פיש הענדלערין.

ג

ס׳האָט שוין געהאַלטן שפּעטלעך אין טאָג. מיטן באַהאַרצטן מוט וואָס האָט זיך ביי איר דורך די יאָרן אָנגעקליבן, און וואָס, צו אירע פערציק, די פּורימדיקע לחיימס האָבן צו מעשים דערשאַרט, האָט מאַריאַשע אַנידערגעלייגט אויף דר׳ערד די פּעקלעך ביי דער דרויסנדיקער טיר און די טיר אויפגעעפנט. זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין דער צווייטער טיר מיט אַ מיידלשער קונדס־מעסיקער קלאַפּעניש.

— אַ? — האָט אַ פאַרוואונדערטער אַ זאָג געטאָן ווירעביודע־מאַטיר, וואָס איז ניט געווען צוגעוואוינט מ׳זאָל ביי אים אָנקלאַפּן. מאַרקונער פויערים האָבן געוואוסט אַז דעם יידן טאָר מען ניט שטערן.

— אַ יידישע! פון מיכאַלישעק געקומען מיט שלח מנות! ר׳ ייד, ס׳איז דאָ אַ פּורים אויף דער וועלט!

— אין מאַרקון איז ניטאָ קיין פּורים! נעמט אייערע שלח מנות, זייט מוחל, און צעטיילט די אָרעמע גויים דאָ אין מאַרקון.

— וואָס גויים? וואו גויים? און אַריינגיין מעג מען ביי אייך?

— נו, אינדרויסן שטיין איז דאָך קיין קונץ ניט. אַוואָס זיינט איר דאָ געקומען? קומט אַריינעט.

מאַריאַשע איז אַריין, זי האָט צניעותדיק אַראָפּגעקוקט צו דער פּאַדלאָגע. אינעווייניק האָט זי פּאַמעלעך אַ הייב געטאָן די קאָפּ און געשטאַנען אַ פּאַרגאַפטע. אין שטיבעלע איז געווען מערניט איין גרויסער צימער. דער גרעסטער טייל איז געשטאַנען פּוסט, מיט אַ שימלדיקן גערוך פון ניט־באַוואוינטע יאָרן. אין אַ ווינקל, ביי אַ פענצטער אין וועלכן מ׳האָט די ווילדע געזען פאַרביירוישן פונקט דערלעבן, איז געווען אַ טיש מיט אַ בענקל. פוןביידע זייטן פענצטער זיינען געשטאַנען פאַכן מיט אַלטע ספרים מיט אָפּגעריבענע איינבונדן, זיידענע און לעדערנע. קיין בעט איז בכלל ניט געווען, נאָר אַזאַ מין ברעט אויף דער פּאַדלאָגע, לעבן די אונטערשטע ספרים. אַ ביסל ווייטער איז געווען אַן אַלטער אויוון. אויפן אויוון איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט ערד. לעבן טיש איז געשטאַנען ווירעביודע־מאַטיר אַליין, עלעהיי ער וואָלט געווען פון די מטלטלין וואָס אין צימער. ער איז געווען אָנגעטאָן מיט אַ לאַנגן ווייסן כאַלאַט און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן דאָס זעלבע היטל וואָס אין בית־מדרש. די ווייסע באָרד איבערן ווייסן כאַלאַט האָט דעם יידן פאַרהילט אין אַ שיידימדיקער, תכריכימדיקער ווייסקייט. ער האָט זיין גאַסט באַטראַכט מיטן אומגעלומפּערטן אומוועלטישן בליק פון דעם וואָס האָט דאַווייס ווי לאַנג קיין גאַסט ניט אויפגענומען, ווער רעדט נאָך אַ פרוי.

— געבענטשט זאָלט איר זיין, איר האָט אַ גוטע האַרץ וואָס איר זיינט דאָ פון מיינטוועגן צוגעקומען, נאָר איך דאַרף קיין זאַך ניט האָבן. ביי מיר איז ניטאָ קיין פּורים. איך וואוין דאָ איינער אַליין. איר זיינט דער ערשטער מענטש וואָס איז דאָ אַריינ־געקומען פון זינט — —

— אַז איר׳ט ווען קען איך די מינוט אויכעט אַוועק, — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ טאָן פון אַ הענדלערין אויפן מאַרק וואָס שרעקט זיך ניט איבער איינס און צוויי.

— ניין, ניין, זיצט, נאַט אייך אַ בענקל, נאָר די שלח מנות ט׳איר מוזן צונעמען. איך עס מערניט אויפֿס אום שבת, מאָנטיק און דאָנערשטיק. די אַנדערע טעג פאַסט איך. איך בין אַ מקובל.

— די גאַנצע צייט לערנט איר?

— איך בין אַ תלמיד ביי ר׳ חיים וויטאַל וואָס איז געווען אַ תלמיד ביי אר״י הקדוש, דער איינציקער תלמיד פונעם אר״י וואָס האָט אים ריכטיק פאַרשטאַנען און ערלעך פאַרשריבן.

— אין מאַרקון אי׳ דאָ דאָ אַ רב!?

— ניין, ניין, מיין רבי, נו, ער האָט געלעבט אין עיר הקודש צפת, אין ארץ ישראל, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, נאָר זיין נשמה קומט דאָ אַריינעט, אָטאָ דאָ אָ, אין אָטאָ דעם שטיבעלע ביי דער ווילִיע. איר דאַרפט פאַרשטיין, נשמות פון מקובלים ציט צו פליסנדיקע וואַסערן. ר׳ חיים וויטאַל פלעגט תפילה טאָן ביי קוואַלן וואָס לויפן אַריין אין כנרת. דער כנרת פליסט אַריין אין ירדן. דער ירדן אין ים המלח. און דער ים המלח ווייטער אין ים אַריין. די ווילִיע פליסט אַריין אין נעמען. דער נעמען, ווידער אין ים אַריין. זאָגט דאָך קהלת: „כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא״, אַלע טייכן גייען צום ים און דער ים ווערט ניט פול. ווייטער זאָגט ער, שלמה המלך: „אל מקום שהנחלים הולכים שם הם שבים ללכת״, פאַרשטייט איר מיר, אָט אי׳ די מעשה, צום אָרט וואוהין די טייכן דערגייען, צו דעם אָרט קערן זיי זיך אום. אין די תיקוני זוהר שטייט געשריבן בפירוש אַז דאָ גייט די רייד אַז מ׳קערט זיך אום איז ניט סתם, נאָר וואָדען מיט אַ שליחות. און ביים ווילנער גאון האָט דאָס געהייסן אַז דאָ גייט אין די

מלאכים, אַ מלאך אַז ער קערט זיך אום פון זיין שליחות דאַרף ער דאָך וויסן וואוהין אין דער מרכבה של מעלה זאָל ער זיך אומקערן. אין די רייד פון קהלת׳ן ליגן פאַרבאָרגן די העכסטע סודות פון אַלע וואַסערן. אַלע ימען זיינען איין יש, צווישן זיך זיינען זיי געבונדן און געקניפּט, אַ וואַסערדיקער צאַם אַרום אַלע עקן וועלט. האָט ר׳ חיים וויטאַל, פאַרשטייט איר מיר, ער האָט מיר געהייסן אַריינפאָרן דאָ אין מאַרקון, אין אָטאָ דעם שטיבעלע ביי דער ווילי‌ע, ווייל אויף די ברעגן פון דער ווילי‌ע האָבן זעקס הונדערט יאָר געלעבט און געלערנט תורה מער אויסגע־לייטערטע נשמות ווי ביי אַלע טייכן וואָס זיינען ווען געווען און אַלע טייכן וואָס וועלן נאָך זיין.

— איר׳עט מיר מוחל זיין אַ נאַרישקייט, איך בין אַ פּרוי אינגאַנצן, אַז ער לעבט ניט, טאָ ווי אַזוי׳ט ער מיט אייך דאָס אַלץ גערעדט?

— ביינאַכט! איך לערן אַ גאַנצע נאַכט און נאָך דעם ווי די זון גייט אויף זאָג איך שחרית און לייג זיך שלאָפן אַ צוויי־דריי שעה.

— פאַרוואָס שלאָפט איר ניט ביינאַכט?

— וועגן דעם האָט מיט מיר ר׳ חיים גאָרניט געדאַרפט לערנען, — האָט ווירעביודע־מאַטיר צום ערשטן מאָל אַ לאַך געטאָן מיט אַ האַלבן מויל. ער האָט גענומעןריידן מיט די רייד פון דעם וואָס קען אַלץ פון אויסנווייניק און ס׳פאַלט אים גאָרניט איין אַז יענער כאַפּט קיין וואָרט אויכעט ניט. — ער׳ט דאָך עס געשריבן אין די „שערי קדושה“: יכנס בבית יחידי, בטבילה ובקדושה במקום שלא יטרידוהו קולות בני אדם וצפצופי עופות, ואם יהיה אחר חצות הוא יותר נכון לכל הדברים, ויסגור עיניו, ויפשיט מחשבתו מכל עניני העולם הזה כאילו יצאה נפשו ממנו, כמת שאינו מרגיש כלל. אחר כך — און ביי דעם האָט דער ייד

גענומען ריידן מיט אַ ניגון — יתאמץ ויתחזק בחשק אמיץ להרהר בעולם העליון, ולהתדבק שם בשורש נשמתו ובאורות עליונים, וידמה בעצמו, כאילו יצאה נפשו ועלתה למעלה, ויצייר עולמות העליונים כאילו עומד בהם!

— איר׳עט מיר אַוודאי נאָכאַמאָל מוחל זיין, אַז איך בין געווען אַ מיידל אין הקדש, איך בין אַ יתומה, האָט מיט אונדז געלערנט דער מיכאַלישקער גאון, ר׳ שבתי עליו השלום, נאָר ווער קען עס אַלץ געדענקען? איך בין דאָך אַ פרוי צו אַלע צרות. איך בין אַ פיש הענדלערין. וואָ׳ז דער טייטש?

— בקיצור הייסט עס, נו, איך וועל אַריינקוקן אינעווייניק און אייך גערן פאַרטייטשן. — פאַרטייטשן יענעם פון אויסנווייניק איז ער ניט געווען איינגעוואוינט, און מאַריאַשע האָט דערשפּירט אַן ערשטן זיסן שמץ פון נצחון. — נאַ, אָט האָט איר! — האָט ער גיך אויפגעמישט אין די „שערי קדושה״, אַלץ שטייענדיקערהייט, ער איז ניט געווען צוגעוואוינט אַריינקוקן אין אַ ספר שטייענדיק, האָט ער אַלע ווײַלע געדאַרפט אַ שאַר טאָן אָן אַ זייט די באָרד, ס׳זאָל אים דעם ספר ניט פאַרשטעלן. ער האָט גענומען טייטשן, שוין אָן דעם פּחד הבריות פונעם פּרוש, און מיט אַן אויספיינערישן טאָן וואָס האָט אים פאַרדראָסן נאָך בשעת די רייד. — כדי צו זיין מיט גאָט נאָענט דאַרף מען אַוועק אין אַ שטיבעלע און זיין דאָרטן איינער אַליין, פּראַווען טבילה און קדושה, דאָרטן וואו קיין קול פון אַ מענטשן קומט ניט שטערן (דאָ אין מיין שטיבעלע הער איך ניט קיין מענטשן זאָלן ריידן, די פּויערים וויסן ניט צוצוגיין), און אויך ניט קיין צוויטשערן פון פייגל. דערפאַר איז אַמבעסטן צו די אַלע זאַכן נאָך האַלבע נאַכט (דאַמאָלסט ׳עט איר קיין פייגל דאָך ניט הערן). מ׳מאַכט צו די אויגן און מ׳פאַרטרייבט אַלע טראַכטענישן פון ד ע ר וועלט,

פּונקט אַזוי ווי די נשמה וואָלט אַרויס, דאָס הייסט, ווי ביי אַ מת וואָס קיין שום זאַך שפּירט ער ניט. ערשט דערנאָך טוט מען זיך אָן אַ כח, אַ גוואַלדיקן כח, מיט אַ מעכטיקן חשק, און — זיין קול איז געוואָרן זיס, געלאַסן, רואיק, און ער האָט גענומען ווידערריידן מיטן ניגון — מ׳טראַכט נאָר פון דער אייבערשטער וועלט, און דאָרטן באַהעפט מען זיך מיטן שורש פון דער אייגענער נשמה, און מיט די הימלישע ליכט, און מ׳שטעלט זיך פאָר אַז מ׳איז געשטאָרבן און מ׳איז שוין אַרויף אויבן, מ׳מאָלט זיך אויס די אייבערשטע וועלטן אַזוי ווי מ׳וואָלט אין זיי בפירוש געשטאַנען!

זיין שטימע האָט צום סוף אָפּגעהילכט מיט אַ בת־קול פון יענעם קרעשענדאָ וואָס מאַריאַשע האָט אַ גאַנץ לעבן געהערט אַלע פרייטיק צו נאַכטס ביים „ר׳ יהודה מתיר״. זי האָט זיך דערמאָנט אַז זי וויים גאָרניט ווי ער הייסט.

— זייט מוחל, מ׳זעט אייך פרייטיק צו נאַכטס אין בית־מדרש און מ׳וויים גאָרניט ווי מ׳רופט אייך.

— ווי איך הייס טאָר איך ניט אויסזאָגן. אַז אַ פּרוש גייט און זאָגט אימיצן אויסעט ווי ער הייסט איז עס די גרעסטע גאווה! גאָט פאַסט אַ נאָמען. אַ מלאך אפשר אויכעט. מיר מענטשעלעך זיינען אַש און פאָרעך, שטויב און שוויים — —

— איך בין דאָך ניט קיין פּרוש, וועל איך אייך אויסזאָגן אַ גרויסן סוד. „מאַריאַשע״ רופט מען מיר. טאַטע־מאַמע מיט אַלעמען, אַלע זיינען אַוועק נאָך אין יענע מיכאַלישקער שריפות. אַ קינד בין איך געווען אין הקדש. דער מיכאַלישקער רב, דער גאון, ר׳ שבתי פיינבערג, אַליין ט׳ער מיט די יתומים געלערנט. אַ רגע! איר׳ט איצטער ניט געזאָגט אַז ווען איר מאַכט צו די אויגן נאָך האַלבע נאַכט דאַכט זיך אייך אַז איר זיינט פאַר קיינעם

געדאַכט — —

— טויט! קיין גרעסערע פרייד איז ביי אַ מקובל ניטאָ! טויט! כל־זמן מ׳לעבט דאַרף מען אַלע טאָג האָבן צו טאָן מיט ביטול זמן, מיט קטנות דמוחין. דאַמאָלסט אַז מ׳ווערט פּטור פון קערפּער, קען זיך די נשמה אויסלייטערן. איז וואָס טוט מען? מ׳פּראַווועט תעניתים, אָפּגעזונדערטערהייט לעבט מען, ביים וואַסער. מ׳באַהעפט זיך מיט די נשמות פון די גרעסטע מקובלים פון דור־דורות. מיט דעם אַלעמען, קען מען אַ ביסעלע גובר זיין אַלצדינג וואָס איז קליין און מיאוס און וואָס האָט צו טאָן מיט ד ע ר וועלט, מיט גשמיות, מיט צרכי הגוף — —

— און וואָס עפּעס אָפּפּאַסטן אַזויפל תעניתים?

— געזונט זאָלט איר זיין, פון וואַנענט זאָלט איר די זאַך פאַרשטיין? בלויז דער בעל־תענית קען די פרייד פון תענית פאַרשטיין.

— און החתונה האָבן טאָר מען ניט?

— חס ושלום. סיידן אַ ווייב וואָס׳עט מסכים זיין קומען נאָר אום שבת. אין צפת זיינען אַזעטקענע ווייבער געווען, נאָר היינט, גייט, מ׳עט דאָך זאָגן אַז דער וואָס זוכט אַזאַ ווייב איז גאָר פון זינען אַראָפּ.

— און פּורים ׳עט איר פון די גאַנצע שלח מנות קיין ברעקל אין מויל ניט נעמען? — האָט זי דעם שמועס איבערגעפירט, און בשעת מעשה אָנגעקליבן מוט פרעגן וועגן דעם וואָס ליגט איר אַזוי לאַנג אויפן האַרצן.

— אויבע אייך איז ניט צום האַרצן פּאַרטיילן דאָ אין מאַרקון די גויים, ט׳איר מיכאַלישקער יידן אָרעמעלייט ביי אייך אין שטאָט אויסטיילן.

— און אַ ווייב וואָס׳עט מסכים זיין קומען נאָר שבת?

— זאָלט איר מיר געזונט זיין, ס׳איז דאָך ניטאָ. נאָך ביי היינטיקן טאָג. וואָס ווייב, וואו ווייב, איך בין אַן אַלטער ייד. איך דאַרף ניט קיין ווייב.

— מיר וואָלט דאָס גוט געווען! — האָט מאַריאַשע דעם יידן איבערגעשראָקן אימת מות, מיט אַ האָפּערדיקער שטימע, עלעהיי זי וואָלט מיט איבערמענטשלעכע כוחות אויסגעזוכט ביי זיך אין אינגעווייד גלעזלעך פּורימדיקע משקה פון פריער, און זיי געמאַכט פאַר ערשט געטרונקענע.

— וואָס איז, קיין מאַן האָט איר ניט? איר זיינט דאָך אַ יונגע!

— איך בין אַ פאַרזעסענע מויד. איבער די פערציק. איר׳ט ניט באַמערקט אפשר, איך הינק אונטער אויף אַ פוס. אין די ספרים קען איך זיך ניט אויס, און שטאַרבן גייט מיר, כ׳ל אייך דעם ריינעם אמת זאָגן, אויך ניט אין לעבן. פון די גאַנצע צדיקתטעם בין איך קיינמאָל ניט געווען נאָר שבת היט איך, זאָל איך צער האָבן אויב איך זאָג ליגן. איך וואוין אויכעט אין אַ שטיבעלע איינע אַליין. איך וואוין אויכעט פּונקט ביי דער ווילע. ס׳אי׳ די זעלביקע ווילע! מיין שטיבעלע איז ניט וויט פון מיכאַלישקער הויף, פון יענער זייט שטאָט.

וויִרעביודע־מאַטיר האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש און אַ שטומער אַרויסגעקוקט אין פענצטער. ער האָט אָפּגעגעבן יישר־כח פאַר די שלח מנות, געבעטן מחילה פאַרן ניט קענען נעמען, און קיין שום זאַך ניט, מאַריאַשע׳ן רואיק און בנעימות אַ זאָג געטאָן:

— גייט. אַ ישוב הדעת דאַרף מען האָבן. אַ פרוי דאַרף האָבן אַ מאַן זיבן מעת־לעת אין דער וואָך. ניט אויף קיין שבתים אין מאַרקון! טאָמער איז עס אייך פּאָרט אַן עסק, איכ׳ל דערווייל פרעגן אַן עצה ביי ר׳ חיים וויטאַל׳ן, קומט צוריק, אָטאָ דאָ אָ,

אין דריי יאָר אַרום, אום פּורים, און מ׳וועטריידן ווייטער. זאָל דער אייבערשטער זיין מיט אייך. גייט געזונטערהייט.

ד

מאַריאַשע האָט זיך אומגעדרייט צו דער טיר פון ווירעביודע־מאַטיר׳ס מאַרקונער שטיבעלע אָן אַ געזעגענונגס־וואָרט. זי איז אַרויס, אין די הענט זיינען געווען די זעלביקע פּעקלעך מיט וועלכע זי איז אַריין, זי׳ז אַדורך דעם סאָד און אַרויף אויפן וועג. ניט קוקנדיק אויף הינטערווייליעכץ ניט צו דער כאַטע ניט צו דער ווילִיע, האָט זי זיך געלאָזט אין וועג אַריין אויף רעכטס, אויף מיכאַלישעק. וואו נאָר זי האָט אָנגעגעגנט אַ פּויער אונטער־וועגנס, האָט זי אים דערלאַנגט אַ פּיש, אַ קיכל און אַ המן־טאַש. מ׳האָט גענומען, אָפּגעדאַנקט, און באַטראַכט די פרעמדע אין מאַרקון פאַר אַ לייטזעליקער און ברייטהאַרציקער משוגענע.

איר האָט זיך פאַרוועלט מאַכן אַ לאַנגן שפּאַציר, האָט זי קיין פור ניט אויסגעזוכט, און באַשלאָסן גיין צופוס. זי איז געגאַנגען מיט אַ ריטעם, איר אונטערהינקען אויף אַ פוס האָט זיך קאַם באַמערקט. טיף אין וועג שוין, די שקיעה האָט זיך אָנגערוקט, איז זי אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין ביי אַ פּויעריש שטיבל. אין גאָרטן איז געשטאַנען אַ קאַטוך מיט הינער. אַן אַלטע פרוי האָט צו די הינער אויסגעלאָזט די גאַנצע פּויערשע תוכחה, מיט אַלע קללות וואָס אין דער קאָרט. די שרייענדיקע פרוי האָט מאַריאַשע פריער געהאַט באַמערקט, צופאָרנדיק אין מאַרקון, איר געהאַלטן פאַר אַ צעדרייטע. איצטער האָט זי געקלערט, אַז ווען די פרוי רעדט מיט די הינער, שרייט אָנעט אויף די הינער, דערגייט זי צו

ווער ווייס וואָס און ווער ווייס ווען. אַלץ וואָס נאָך מאַרקון האָט גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט איידער דאָס אַלץ וואָס ביז מאַרקון.

פון דעם אַלעמען וואָס האָט זיך מיט איר אין מאַרקון אָפּגעטאָן, האָט מאַריאַשע קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. טעג און וואָכן זיינען אַוועקגעלאָפן גיכער ווי געווײַנלעך. זי האָט אויסגעזען יינגער און שענער. דאָס פּנים האָט ביי איר געגלאַנצט, די באַוועגלעכקייט איז געווען געראָטן אין אַ יונגער מיידל. מ׳האָט גערעדט אַז יענעם פּורים האָט זי שטילערהייט גענומען טרינקען. כניאָקעס האָבן דעם נאָמען אירן אָנגערופן, אַ ראיה אַז אויך ערלעכע יידן וואָס טרינקען פּורים צופיל קענען אַריינפאַלן אין פלאַש. אַנדערע האָבן געשמועסט אַז זי האָט זיך אויסגעזוכט ערגעץ אַרום מיכאַלישקער הויף אַ גויאישקן ליובאָווניק.

פרייטיק צו נאַכטס אין בית־מדרש האָט זי פון איר קביעותדיק אָרט אויבן אין עזרת נשים, אויף איר באַשערטן האַסטיקע בליקן געכאַפּט. אַ גאַנצע וואָך האָט זי זיך רק געגריבלט אין יעדן וואָרט פונעם אַמאָליקן איינאיינציקן שמועס מיטן מערקווערדיקן מקובל וואָס האַלט אַז אויסזאָגן ווי מ׳הייסט איז גאווה. זי איז גאַנצענע נעכט געבליבן וואַך. די פרימאָרגנס האָט זי פאַרשלאָפן. ווינטער, אין לבנהדיקע נעכט אויפן הינטערהויף, איז זי געשטאַנען ביי דער ווילדע האַלבע נאַכט. פון איילנדיקע קריעס, וואָס האָבן זיך געיאָגט אונטערוועגנס פון ווילייקע ביז ווילנע, האָט זי איין קריע אויסגעקליבן און עם געהיט מיט אַ שאַרף אויג ביז וואַנען עס איז אַוועקגעשוואומען ווייט־ווייט. זי איז געווען זיכער אַז אָטאָ די קריע האָט ווירעביודע־מאַטיר געבענטשט ווען ס׳איז זיין שטיבעלע אין מאַרקון פאַרבייגעשוואומען, פאַרן אָנקומען אין מיכאַלישעק. און

אין הייסע זומער טעג אויפֿן הינטערהויף, האָט מאַריאַשע באַטראַכט, בעת זי האָט געכאַפּט פֿיש מיט אירע וואוילפֿאַרטראַכטע נעצן, די פּליטן, וואָס וואַלד סוחרים האָבן קיין ווילנע געלאָזט טרייבן אויף געהילץ. די פּליטן זײַנען געלאַסענערהייט געשוואומען מיט די כוחות פֿון דער ווילִיע. זי האָט מיט אַ שאַרף אויג אויסגעזוכט אַ שטעקעלע אויף אַ פּליט, געווען זיכער אַז אָטאָ דאָס שטעקעלע האָט ווירעביודע⸗מאַטיר אַליין געבענטשט דאַמאָלסט אַז דער פּליט איז ביי אים אין מאַרקון אַדורך.

מער פֿון אַלצדינג האָט זיך מאַריאַשע אַרײַנגעלאָזט אין דעם וואָס ווירעביודע⸗מאַטיר האָט איר אַ זאָג געטאָן אַז אַלע גייאיקע וואַסערן, די טײַכעלעך מיט די טײַכן, פֿליסן אַרײַן אין די ימען און די ימען זײַנען אײן וואַסערדיקער וועזן. טאָ וואָס קען שוין זיין נעענטער איידער צוויי שטיבעלעך ביי די ברעגן פֿון דער ווילִיע אין דער זעלבער ליטע, וואָס דער מהלך צווישן זיי איז דער מהלך, פֿון מיכאַלישעק און ביזקל מאַרקון? אָפּטמאָל האָט זיך איר געדאַכט אַז אַ פּלוצימדיקער שאָרך פֿון אַ כוואַליע איז דעם מקובל׳ס אַ סימן צו זיין באַשערטער; אַ ווינטל פֿון מאַרקון זייט, זיינער אַ צוגעבלאָזענער קוש.

מיט קיין רויטע קליידלעך איז זי שוין ניט געגאַנגען, נאָר אין ווייסן און אין שוואַרצן. זי האָט וואָסאַמאָל ווינציקער אַליין די פֿיש אירע געגעסן. קיין תעניתים האָט זי ניט געפֿאַסט, נאָר עטלעכע טעג אין דער וואָך האָט זי געגעסן מערניט אויפֿס.

דריי יאָר האָט זיך מאַריאַשע צוגעגרייט צו דער צווייטער באַגעגעניש מיט ווירעביודע⸗מאַטיר׳ן. שפּעט בײַנאַכט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים פֿענצטער אַקעגן דער ווילִיע, צוגעמאַכט די אויגן און געפּרוּווט דערגיין צו יענע הייכן וואָס דער מקובל

האָט איר געשילדערט, נאָר פאַר די צוגעמאַכטע אויגן האָט זי דערזען ניט חיים וויטאַל׳ן און ניט קיין הויכע היכלות נאָר איין ווירעביודע־מאַטיר אין מאַרקון. איינמאָל ט׳זי אים דערזען ווי ער זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן און פאַרטיפט זיך אין די הימלען. אַן אַנדערש מאָל ווי ער לערנט ביים טיש און זיצט מיט די אויגן פאַרגליווערט אין איינעם פון די אַלטע ספרים מיט קליינינקע לעכעלעך פון אוראַלטע ווערעמלעך. ווען ניט ווען, ווי ער שרייבט אַליין אָנעט אַ ספר. זי האָט קלאָר געהאַט פאַרגעדענקט די בויגנס פּאַפּיר מיט אַ פעדער מיט צוויי פלעשלעך טינט וואָס זיינען ביי אים אויפן טיש געלעגן.

מערניט איין זאַך האָט איר די גאַנצע דריי יאָר באַנג געטאָן, אַלמאַי זי האָט ביי אים ניט אָנגעפרעגט מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען פאַר דעם אַלעמען. צי איז ער אַמאָל געווען אַ בשר־ודם ווי אַלע, פאַרטאָן מיט די קליינע זאַכן? ס׳האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, ס׳איז איר געבליבן אַ חודש ביז פּורים. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח און ביי זיך אָפּגעמאַכט אַז דאָס וועט זי אים די ערשטע זאַך אַ פרעג טאָן, נאָך איידער ער וועט איר מגלה זיין איר גורל, לויטן וואָרט פון חיים וויטאַל׳ן.

ה

די וואָך ביז פּורים האָט זיך מאַריאַשע בכלל ניט צוגעשפּאַרט, מערניט אינמיטן טאָג האָט געטראָפן אַז זי האָט זיצנדיקערהייט געכאַפּט אַ דרעמל. זי האָט באַנומען אַז די אָ וואָס וועט אין מאַרקון אַוועק איז גאָרניט די אייגענע וואָס מיט דריי יאָר פריער. זי האָט וואויל תופס געווען איר גליק וואָס זי לעבט

ביי דער ווילֹיע, וואָס ביי אירע ברעגן האָבן געלעבט מער אויסגעלייטערטע נשמות ווי ביי אַלע אַנדערע טייכן וואָס זיינען ווען געווען און וואָס ווען זיין.

פּורים איז מאַריאַשע געבליבן ביי זיך אין שטיבעלע ביז שפּעטלעך אין טאָג. זי האָט זיך מיט קיינעם ניט געטראָפן און קיין משקה ניט טועם געווען. זי האָט זיך אין האַרצן דערפרייט מיט איר באַשערטן מיט אַ מעכטיקער פרייד. זי האָט מיט אַ פּאָר טעג פריער געהאַט אָפּגערעדט מיטן זעלביקן פויער וואָס דאַמאָלסט. ער איז איר געקומען אָפּנעמען ביי איר שטיבעלע, אין וועלדל ביים מיכאַלישקער הויף. דאָסמאָל איז זי אויפן וואָגן אַרויף מיט ליידיקע הענט, אָן שלח מנות פּאַר אַ יידן וואָס אים איז שלח מנות סתם אַ פּאָרציע גשמיות. ביים פויער האָט זי געבעטן ער זאָל איר צוערשט צופירן אויפן מיכאַלישקער בית=עולם. זי איז גלייך אַוועק צום קבר פון באָבע=זיידע. זי׳ט זיי דערציילט צו וועמען און צו וואָס זי פאָרט אָפּ אין מאַרקון. זי האָט געקוקט אין מיכאַלישקער הימל אַריין, און אַלצדינג דערציילט די עלטערן. פון זייער געביין איז נאָך די שריפות קיין סימן ניט געבליבן.

זי איז אַרויף אויפן וואָגן. דער פערד האָט דעם וואָגן געפירט אין ווילנער גאַס אַריין און ביזן מאַרק, האַרט לעבן פּראָם. דער פורמאַן האָט די רעכטע לייצע אַ צי געטאָן און דער פערד איז אַריין אין מאַרקונער גאַס אַריין. אונטערוועגנס האָט זי ווידער געקוקט צו לינקס צו, צו דער ווילֹיע, און געזוכט די פויערטע וואָס האָט דאַמאָלסט געמאַכט אַ ויצעקו אירע הינער אין קאַטוך. די כאַטע איז געשטאַנען אַ פאַרוואָרלאָזטע, אַ סימן אַז די פרוי איז שוין געווען אויפן צווינטער. סוף כל סוף איז מען אָנגעקומען אין מאַרקון און ביז צום ברעג פונעם סאָד ביים שטיבעלע וואָס

נאָכן דאָרף. זי האָט דעם פּורמאַן באַצאָלט און איז אַדורך דעם סאָד צו ווירעביודע־מאַטיר׳ס שטיבעלע.

די ביידע טירן זיינען דאָסמאָל קרומלעך געהאַנגען אָפּענע, אַ סימן אַז ער האָט זיך אויף איר געריכט. ער איז געווען אָנגעטאָן מיט די מלבושים מיט וועלכע זי האָט אים די אַלע יאָרן אין שול געזען דאַוונען, צו קבלת שבת, ניט מיטן כאַלאַט וואָס מיט דריי יאָר פריער. דאָס האָט זי באַטראַכט פאַר אַ גוטן סימן. ער איז געווען אַביסל מטושטש און האָט איר געהייסן אַוועקזעצן זיך אויפן זעלביקן בענקל וואָס דאַמאָלסט. אין שטיבעלע איז אַלץ געווען ביים אַלטן. די רייד וואָס זי האָט אַזויפל מאָל איבערגעחזרט ביי זיך, האָט זי איצטער געבראַכט פאַר די ליפּן, כאילו זי וואָלט זיי יענע רגע צוגעקלערט.

— טייערינקער, איך ווייס גאָרניט ווי מ׳רופט אייך אַפילו, דריי יאָר טוט מיר באַנג וואָס איך האָב ביי אייך דאַמאָלסט ניט געפרעגט צי זיינט איר ניט אַמאָל אויכעט געווען אַ פּשוטער מענטש, פאַרטאָן מיט די זאַכן פון דער וועלט. ווי אַזוי זיינט איר עפּעס געקומען צו קבלה?

— גוט, מאַריאַשע, וואָס איר טוט פרעגן. אַ מקובל ווערן קען מען זיך ניט אויסקלייבן. ניין! רחמנא לצלן! דער וואָס וויל דווקא אַ מקובל זיין איז אַ פּושע ישראל! נביאי השקר זיינען זיי אַלע! קונצנמאַכער און זשוליקעס! מיט טויבן און מיט האָזן! ני׳ דאָס! אַ מקובל איז דער, וועמענס שטערן עס האָט אַ קוש געטאָן אַן אַנדער מקובל, געווי ווי שמואל הנביא האָט גענומען דעם האָרן מיטן אייל און דוד׳ן אין בית־לחם געזאַלבט.

— איז ווער האָט אייך געזאַלבט?

— ניט געזאַלבט. זאַלבן זאַלבט מען אַ מלך, אַ מקובל קושט מען מיטן הייליקן קוש פונעם רבונא דעלמא׳ס אַ משולח. אַ מלך

איז אַ גיבור וואָס געוועלטיקט איבער מענטשן און וואָס אים גלוסט וואָס לענגער איבער זיי געוועלטיקן. אַ מקובל איז אַ פּרוש וואָס אים ציט נאָר צו קנעכטשאַפט און צו דער אויסלייטערונג פון זיין נשמה, און צום טויט, ווען קיין קערפּער וועט זיך ניט אַריינמישן מיט די קליינע באַדערפעניש און די נשמה קען זיך אויסלייטערן ווי ס׳דאַרף צו זיין. צוועלף יאָר בין איך געווען, אַ יינגל, געוואוינט האָט די משפּחה אין ווילנע, אויף גלעזער גאַס, גאָרניט ווייט פונעם גאונ׳ס קלויז. איינעם אַ טאָג גייט צו צו מיר אין גאַס ר׳ לפּידות אשכנזי, ער׳ט געשטאַמט פון דעם ר׳ לפּידות אשכנזי וואָס האָט די זעלבע רייד גערעדט מיט חיים וויטאַל׳ן ווען אים איז געווען דריי און צוואַנציק יאָר. ס׳שטייט אַלץ געשריבן אינעם „ספר החזיונות”. דער ווילנער יורש זיינער האָט מיר דאַמאָלסט צוגערופן צו זיך אין הויף, ער׳ט מיר אַזוי געזאָגט: „אויב, מיין קינד, דו וועסט דיינע מחשבות בפירוש אַוועקקערן פון די ענינים פון דער וועלט, וועסטו קענען דערגיין צו זייער אַ הויכער מדרגה וואָס איז ניט משער צו זיין”. איך האָב אים געהאָרכט. נאָך דער בעל־מצווה בין איך אַוועק לערנען אין סווינציאַן. צו מיינע אַכצן יאָר איז צו מיר ווידער געקומען ר׳ לפּידות אשכנזי, דער ווילנער, דאַמאָלסט איז ער שוין געקומען צו מיר צו חלום, ער איז שוין געווען אין די הויכע הימלען. ער האָט מיר געהייסן אין אַ שטיבעלע אין אַ סאָד אויסלעבן די יאָרן, ביים ברעג פון דער הייליקער וויליע, וואָס ביי אירע ברעגן זיינען געווען מער אויסגעלייטערטע נשמות ווי ביי אַלע אַנדערע טייכן וואָס זיינען ווען געווען און וואָס וועלן ווען זיין. פון סווינציאַן בין איך אַוועק צופוס. ביי דער האַנט האָט ער מיר געפירט, ר׳ לפּידות אשכנזי, ביי דער האַנט. אַוועק בין איך באַלד אינדערפרי. אָנגעקומען בין איך פאַרנאַכט דאָ אין מאַרקון, אָטאָ

דאָ אָ. ס׳איז געווען אַ פּאַרוואָרלאָזטע כאַטע וואָס האָט אַן אַלטן פישער געהערט, ער איז שוין אַריבער צו די קינדער זיינע דאָ ניט ווייט. פּאַר אַ שיבוש האָב איך די שטוב מיטן סאָד ביי אים אָפּגעקויפט. איז זעט איר דאָך, איך האָב אייך אויף אייער פרעגן אָרנטלעך געענטפערט. אַ מקובל האָט ניט קיין אייגענע סודות, די סודות וואָס ער זוכט זיינען די רזין דאורייתא.

— ראָזן? רויזן? איז וואָס׳עט זיין?

— נאָכדעם ווי איר זיינט דאָ ביי מיר געווען, היינט איז דאָך פּורים, איז געוואָרן דריי יאָר; דאַמאָלסט, אין די טעג נאָך אייער ערשטן קומען אַהער, האָב איך געפּרואווט דערגיין די זאַך ביים לאָזן די נשמה מיינע פליען ביינאַכט. ניט נאָר וואָס איך בין קיין זאַך ניט דערגאַנגען, מיט מיר האָט זיך געמאַכט אַזאַ מין מעשה. איך האָב אינגאַנצן אָנגעוואָרן דעם כח זיך אַרויסצוכאַפּן פון קערפּער, אַפילו אויף אַ רגע. ביסלעכווייז האָב איך גענומען איינזען אַז זיין מיט אַ פּרוי איז אויכעט אַן ענין פון גאווה, פּונקט ווי די אַלע זאַכן פון אָטאָ דער וועלט וואָס שמידן צו דעם מענטשן צו דער ערד ווי מיט בלייענע קאָסטנס, מיט — —

ער האָט די רייד זיינע איבערגעריסן און אַ קוק געטאָן אויף מאַריאַשע׳ן, וואָס איז אים געזעסן אַנטקעגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ניט הייבנדיק די אויגן האָט זי אים געבעטן ריידן ווייטער.

— יע?

— נו, חדשים לאַנג האָב איך געהאַט אויף אייך פּאַראיבל וואָס איר זיינט מיר געווען דער גורם, די נשמה זאָל איינגעזונקען ווערן ווי אַ שטיין אין דער ווילע. אַוועק אַ יאָר, וואָס רייד איך, מער ווי אַ יאָר, האָב איך זיך געכאַפּט אַז שולדיק בין איך. איך אַליין און ווייטער קיינער. אַ מקובל, זייט וויסן, איז ניט קיין צדיק

און ניט קיין רשע, ער איז דער וואָס לייטערט אויס אַ נשמה דורך לערנען, אָפּפאַסטן תעניתים און מער פון אַלצדינג דורך פרישות, דערוויטערונג פון מענטשן און באַהעפטונג מיט גאָט און מיט אַנדערע הייליקע נשמות. פּרישות, פאַרשטייט איר מיר, איז דאַוויים ווי וויכטיק. באַלד ווי דער מענטש האָט צו טאָן מיט נאָך אַ מענטשן ווערט ער נכשל. אַז ער פּראַוועט התבודדות, קען ער דערגיין. מיין עלנט דאָ אין שטיבעלע איז דאַמאָלסט געוואָרן נאָך שענער. ר׳ חיים וויטאַל׳ס נשמה איז דאָ געקומען אָפטער ווי ווען ניט איז פריער. פון זיינע רייד האָב איך אָפּגעשריבן אַ ספר, אָ׳ דאָ ליגט ער. איך האָב אייך, איר זאָלט קיין פאַראיבל ניט האָבן, פאַרטריבן פון די מחשבות, פּונקט ווי דאַמאָלסט, ווען איך האָב יינגלווייז געמוזט פאַרטרייבן אַלע מחשבות פון אייגענע טאַטע־מאַמע, די ברידער מיט די שוועסטער, געגומען פּראַוועון התבודדות שוין בעתן לערנען אין סווינציאַן, און שפּעטער צו, אָטאָ דאָ אָ אין מיין שטיבעלע. איז עס מיר שוין געווען ניט קיין שווערע הלכה. ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, איז אייער באַזוך מיר ווידער אַרויף אויפן זינען, פּראַכטפול און וואונדערלעך, ניט ווי דאַמאָלסט ווען דער ענין איז געווען אַ שטער די נשמה זאָל זיך בייַנאַכט אָפּשיידן פון גוף, נאָר ווי אַ רייטוואָגן פון פייער וואָס הייבט די נשמה נאָך העכער. און ר׳ חיים וויטאַל האָט מיר מודיע געווען אַז די זאַך, אייער קומען דאָ אין מאַרקון, אַלצדינג, ס׳אַ באַשערטע זאַך. אייך וועט גוט זיין, מיטן מאַן זיין נאָר אום שבת. איך האָב דאָ אַ רינגל וואָס ר׳ לפּידות אשכנזי האָט מיר אין ווילנע געשאָנקען, אינעם טאָג ווען ער האָט מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן. איר זיינט זיכער אַז איר ווילט מיט מיר חתונה האָבן?

— זיכער ווי גאָלד!

— הרי את מקודשת לי כדת משה וישראל.
מאַריאַשע׳ן האָט די קאָפּ געגומען דרייען פאַר פרייד. ביי זיך אין דמיון האָט זי דריי יאָר געטרוימט חתונה האָבן מיטן מאַרקונער מקובל. חתונה האָבן האָט ביי איר געהייסן שטעלן אַ חופּה אַז ס׳קוקט זיך צו די גאַנצע שטאָט, צוצאָלן די כלי־קודש. און וואָס פאַרא חתונה קען שוין זיין, אַז ר׳ שבתי איז שוין לאַנג אויפן בית־עולם, די משפּחה אַוועק נאָך דאַמאָלסט אין די שריפות. בייזע צינגער וואָלטן אַלע לשון־הרעס אויספּלאַפּלען. ער איז אָן אַ שיעור עלטער פאַר איר. וואָס איז דאָס פאַרא מאַן, אַזוי׳ט מען זאָגן, וואָס מ׳זעט אים איינמאָל אין דער וואָך שבת און אינדערוואָכן גיי זוך אים מיט ליכט אויף יענער זייט סמבטיון. לאָזט זיך גאָר אויס, קיין שום חתונה ניט! קיין געסט ניט! קיין דרשות און קיין כלי־קודש אויך ניט! זי איז שוין זיין ווייב. ער האָט גענומען ווייטער ריידן.

— איצטער קענט איר אַוועק אַהיים. פרייטיק צו נאַכטס נאָכן דאַוונען וועלן מיר אינאיינעם אַהיימגיין אויפן מאַרקונער וועג.

אַזוי איז געווען. קיין מער פריידפולע מאַן־און־ווייב האָט מען אין גאַנץ ליטע ניט געטראָפן. חיים וויטאַל׳ס נשמה האָט זיך מיט ווירעביודע־מאַטיר׳ן אַלע נאַכט אינדערוואָכן באַהאָפטן, און פאַר אים אויסגעזאָגט דעם ספר „מיא דוויליא״ איבער דער קדושה פון גייאיקע וואַסערן. אַז ער האָט דעם ספר אָפּגעשיקט אין ווילנע דרוקן, דריי יאָר נאָך זיין חתונה האָבן מיט מאַריאַשע׳ן, האָט ער דעם נאָמען פון ריכטיקן מחבר אָנגעגעבן אויפן שער־בלאַט: לר׳ חיים ויטאל זלה״ה. פון זיינע רייד האָט ער איטלעך וואָרט אָפּגעשריבן אין די שפּעטביינאַכטן אין שטיבעלע אין סאָד וואָס ביי דער ווילדע הינטער מאַרקון. מאַריאַשע האָט אַ גליקלעכע געלעבט ניט נאָר אום שבת נאָר משבת לשבת. די וואַסערן וואָס

זיינען אַלע נאַכט פון מאַרקון ביז מיכאַלישעק געלאָפן, אַז זי האָט
זיי דערזען לעבן איר שטיבעלע, האָט זי געשפּירט אַז אויך איר
נשמה האָט זיך יענע רגע אַוועקגעריסן פון קערפּער. און אַלע
איבעריקע זאַכן, פון מאַריאַשע׳ן און פון ווירעביודע⸗מאַטיר׳ן,
און פון ספר „מיא דוויליא״, דאָס אַלץ האָט אַפּראָימאָרע דער
סופר אין מיכאַלישקער בית⸗מדרש פאַרשריבן אין גרויסן פּנקס.

# די גאָלדענע שטאָט

# די גאָלדענע שטאָט

די יידן אין פיליפּאַן האָט באַנג געטאָן אַלמאַי מ׳רעכנט זיי פּאַר ישובניקעס, העקלייט, דערפישע קעפּ. פיליפּאַן איז וואָרהאַפּטיק אַ דערפל, צווישן וואַרניאַן און אַסטראָוועץ. קיין חדר איז קיינמאָל ניט געווען און עברי ט׳מען געקענט מערניט אויפן שפּיץ מעסער. איין מאָל אין יאָר, צו יום־כיפּור, איז מען אַוועק אין וואַרניאַן צו כל־נדרי, דאָרטן געגעכטיקט ביי יידן און באַלד נאָך נעילה זיך געלאָזט אין וועג אַריין אַהיים. אויף מעריב איז מען ניט געבליבן. כשרות האָט מען אין פיליפּאַן געהיט, קיין טיר אָן אַ מזוזה האָט מען ביי זיי ניט געטראָפן, פון מחלל שבת זיין איז קיין רייד ניט געגאַנגען. די דריי יידישע משפּחות האָבן זיך דור־דורות משדך געווען נאָר צווישנאַנאַנד. אַ פיליפּאַנער, צי אַ מאַנספּאַרשוין צי אַ פּרוי, איז געווען צום דערקענען אויפן בליק: שלאַנקע, קליינע מענטשעלעך מיט שמאָלע שפּיציקע נעז, פּייער־רויטע האָר, און האָריקע הענט וואָס זיינען געווען צו גרויס צום קערפּער. ביי די מענער האָט זיך קאַם אָנגעזען ברייטערע פּלייצעם איידער ביי די פּרויען. ביי די פּרויען האָט זיך קאַם אָנגעזען ברייטערע לענדן און האַרצברעטלעך ווי ביי מאַנסבילן. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען מיט לאַנגע ווילדע האָר, וואָס אין יענע מקומות האָט עס געהייסן „ווי ביי דעם ראָגעטשאָווער”. פונדערווייטנס האָבן זיך אויסגעטיילט

די מענער מיט די לאַנגע רויטע בערד וואָס זיי האָבן זיך פאַרקאַמט אין צוויי לאַנגע שפּיצן. די דריי פאַמיליעס האָבן געהייסן: גראַגער, גאַזער און פיליפּאַנער.

אַלע נאָכשבת, אַפילו אין די שפּעטע אין סיוון און תמוז, האָבן זיך פיליפּאַנער יידן אָנגעזאַמלט ביי גדאַלע דעם שמיד. ער איז געווען דער העכסטער פון זיי אַלעמען, דער „מענטש פון דער וועלט", דער איינציקער פיליפּאַנער ייד וואָס איז ווייטער דערגאַנגען איידער וואַרניאַן אין איין זייט און אַסטראָוועץ אין יענער זייט. ער איז געווען אַ שמיד איינער אין ליטע, און פאַרנומען האָט ער זיך נאָר מיט אָנציִען שינעס אויף די הילצערנע רעדער פון אַ וואָגן. פון פּורים ביז חנוכה איז ער צוויי מאָל אין חודש אַרומגעפאָרן, אומגעפּער אויף אַ וואָך, אַזש ביז פּאָלאָצק אין איין זייט און וואַלאָזשין אין יענער זייט. מ'האָט אים אַוועקגעגעבן די רעדער, ער האָט זיי צוגענומען צו זיך אין דער פיליפּאַנער קוזניע און אין אַ חודש אַרום ט'ער זיך מיט די רעדער אומגעקערט, אַרומגעשמידט אַ מאכל. מער האָט מען יענע ראָד שוין קיין שינע ניט געדאַרפט אָנציִען.

אַנדערע שמידן האָבן ווינטערצייט באַשמידט שליטנס, ניט גדאַלע. ער האָט געזאָגט אַז אַ מענטש איז געגליכן צו אַ בער און דאַרף דעם ווינטער איבערשלאָפן. אַלע צרות און קרענק קומען פון דעם, אַזוי ט'ער געטענהט, וואָס דער מענטש איז אַ חזיר, גייט אוים נאָך גרעסערע רווחים און לויפט אַרום ווי די ווינטערדיקע מייז אַבי אַריינרייבן נאָך אַ פּאָר רובל. דעם ווינטער האָט גדאַלע אָפּגעלעבט אין זיין כאַטע, הינטער דער קוזניע, וואו ער האָט זיך צוגעבויט אַזאַ ריזיקן אויוון, אַלע פיליפּאַנער יידן זאָל זיך פאַרוועלן שבתע=נאַכט דאָרט צוזאַמענקומען די ביינער, דערציילן מעשיות, לאַכן און פּלוידערן.

די ווייב, איידע ט׳מען איר גערופן, האָט זיך אַ גאַנצע וואָך געפּאָרעט אַרום באַק־אויוון, די „מלווה שבת״, אַזוי׳ט ביי זיי געהייסן שבתע־נאַכט די סעודה, זאָל זיין כיד המלך. די קינדער, אַ זון מיט צוויי טעכטער, האָט גדאַלע שוין אויסגעגעבן אין פּיליפּאַן, זיי פלעגן זיך יאַוועו מיט די איניקלעך באַלד ווי עס האָבן זיך אויפן פּיליפּאַנער הימל באַוויזן דריי קליינע שטערן ביינאַנד.

ב

אין אַ פּראָסטיקן נאָכשבת אין שבט, די לבנה נאַכט האָט אויסגעווייסט דעם שניי־באַדעקטן פּיליפּאַן מיט אַ שיידימדיקער אָפּגליאונג, איז מען ווי אַלעמאָל אַריין צו גדאַלע׳ן. דאָסמאָל ט׳ער געהאַט וואָס צו דערציילן, אַן ענין וועגן וועלכן ער האָט זיך איבערגעלייגט פון זינט עס האָט זיך יענעם יאָר ביי אים אָנגעהויבן דער ווינטערדיקער „אשרי יושבי ביתך״.

די קינדער זיינען געזעסן אויפן אויוון. איידע האָט דערלאַנגט כיבוד. מ׳האָט געזשלאָקעט בראַנפן פון די פלעשלעך וואָס גדאַלע האָט פאַר חנוכה אַראָפּגעבראַכט פון בושעווסקי׳ס ספּירט פאַבריק אין לינטיפּ. ביי דער ערשטער שטילשווייגעניש, אַז אַלע האָבן זיך פאַרנומען מיטן עסן און מיטן טרינקען, האָט גדאַלע פּלוצלונג גענומען ריידן, אויף אַ העכערן, מער האָפּערדיקן קול ווי געוויינלעך.

— אַ פינצטערער יאָר! חי ק״ק סערעבראָם איז ביי זיי אַלע דער גאַנצער פּיליפּאַן! אויך מיר אַ שטאָט! פּיליפּאַן־שמיליפּאַן! פאַרשטייט איר מיר, די זאַך פון דעם איז אַזוי, זיי האַלטן, די

אָנגעשוואָלענע קעפּ, אַז ביי זיי איז דאָ אַ פּאָר גאַסן, אַ רב מיט אַ קלויז, אַ שוחט מיט אַ בוינע, איז שוין — — אָדעם. ביי זיי איז אַסטראָװעץ אַ שטעטל און װאַרניאַן אַ דאָרף, ביי זיי איז דער גאַנצער פּיליפּאַן — — גאָר אויף דער װעלט אַזאַ אָרט ניטאָ. יידן! איך בין מיטן װאָגן אַרומגעפאָרן, מיט די שינעס, יע, איך קען די מקומות און דער פערד מיינער קען די מקומות. כ׳האָ׳ שוין געזען װי מ׳מאַכט עס. יאָפּטװאָיו מאַט, ס׳אַ נעכטיקער טאָג! אַ נעכטיקער טאָג! מ׳ברענגט צו טראָגן, איך װייס פון װאַנענט, די זיבן זאַכן, דעם רב מיטן שוחט מיט װייס-איך-װאָס און מ׳װאָיעט װי אַ װאָלף: אַ ס ט ר אָ װ ע ץ! װ ו אַ ר נ י אַ ן! פּ אַ ל ו ש! שוין! אַראָפּ פון מאַרק! ס׳דאָ אַ שטאָט, מ׳װייס, גיי און זאָג נאָר אַז ניט, ׳עט מען שרייען: סאַמאַסעיץ!

— נו גוט, טאָ װאָזשע נאַרייעסטע, גדאַלע, אַ? — האָט אים מיט אַ װידערשפּעניקייט אַ פרעג געטאָן טאַנכע, זיינער אַ שװעסטערקינד, אַ שװאָגער און נאָך עפּעס װאָס, און בשעת מעשה אים אַ קלאַפּ געטאָן די גלאָז.

— זיי געזונט! אויפן גאַס ליגט ער, דער סוד! מ׳דאַרף מערניט צוקלערן אַ מעשה און די גאַנצע װעלט ׳עט קלינגען מיט פּיליפּאַן. ק ל י נ ג ע ן! זאָלסט האָרכן די רייד! נאַרעלע, װאָס האָסטע אין סוויר? אַ פּאָר פּישעלעך אי׳ דאָ אין סוויר. און אין לינטיפּ? אַ פּאָר פלעשעלעך אי׳ דאָ אין לינטיפּ. און װאָס אי׳ דער גאַנצער טראַסק אין װאַרניאַן? אַ ביסל פּאָליציי, אַ גרויסע מעשה, אויך מיר אַ שטאָט. און אין װאַלאָזשין איז אויכעט גאָרניט׳אָ, אַ פּאָר יינגלעך קוקן אַריינעט אין די אותיות, פון מיינטװעגן זאָלן זיי קוקן און געזונט זיין. מ׳קלאַפּט און מ׳האַקט ביז װאַנענט מ׳נעמט ריידן אַז דאָרטן איז אַזוי און אַזוי. ס׳אי׳ קיין זאַך אין ערגעץ ניטאָ! פון אַלץ מאַכט מען אַ שפּענצער, אָ׳ ד אָ ס

איז די מעשה! וואָס, זעסטע! אָ ט איז די מעשה!

די פיליפּאַנער זײַנען שטאַר געזעסן, באַצויבערטע פון גדאַלע׳ס רייד. מ׳האָט אַ ווײַלינקע געשוויגן, פּאַמעלעך גע־טרונקען, פאַרביסן מיט איידע׳ס טייגלעך, דער האָניק איז פון זיי אַראָפּגערונען יעדן איבער די האָריקע הענט. מ׳האָט גענומען ווי די קעץ אויסלעקן די הענט. אין צימער איז געוואָרן אַ דערהייבעניש. דער אייבערשטער האָט זיך סוף כל סוף דערמאָנט אַז אויף זײַן וועלטל איז אויך דאָ אַ פיליפּאַן. אַ יונג ווייבל האָט איר גלעזל אַ הייב געטאָן אינדערלופטן, אַ קלאַפּ געטאָן יעדן אין גלאָז אַרײַן, און אויף די העכסטע טענער אויסגערופן:

— לחיים פיליפּאַן! פיליפּאַן איז אויכעט אַ שטאָט!

— פּי־לי־פּאַן! — האָבן אַלע געענטפערט, און בשעת מעשה זיך געשאָקלט אויף רעכטס און אויף לינקס.

מ׳האָט געטרונקען און פאַרביסן, געפּלאַפּלט און געהוליעט.

אַוועק אַ ווײַלינקע, האָט ריינע, גדאַלע׳ס אַ שוועסטערקינד, אַ שווענערין און נאָך עפּעס וואָס, אים אַ פרעג געטאָן, סיי אָפּלאַכעריש סיי קאָקעטיש, קונציק אַראָפּפירנדיק אַ טרייסל דורכן קערפּער:

— גדאַלע, גדאַלע! דאַלקעלע! ריידן אי׳ דאָך קאַ קונץ ניט! ווי׳סט עס מאַכן, אַ? אַ גאַנצער קנאַקער איז ער געוואָרן פון אַרומפּאָרן אַזויפל מיטן וואָגן. ׳סט צוקלאַפּן אָן אַ בוים אַ ברעטל „באַברויסק״ און אין באַברויסק ׳עט מען נעמען ציטערן אַז מ׳נעמט ביי זיי צו די גאַנצע געשעפטן? אַ, גדאַלע?

גדאַלע האָט אויסגעהערט מיט געדולד, מיט יענער פאַרשטענדעניש צו אַראָפּרייסער וואָס מ׳טרעפט ביי די וואָס זײַנען זיכער מיט די רייד זייערע. ענדלאָזע מינוטן האָט ער

געוועלט מערניט איין זאַך, מ׳זאָל אים אַ פרעג טאָן ווי אַזוי ט׳ער עס מאַכן. דעם עולם ט׳ער געהאַט ביי זיך אין קעשענע, און ער האָט זיך מיט זיי אַ שפּיל געטאָן:

— אַזוי גאָר? אָט אי׳ די מעשה! אייך ציט איך זאָל אייך אויסזאָגן ווי׳ט מען עס מאַכן? אָ׳דאָס ווילט איר וויסן, אַ?

— נו, יע, וואָדען? — האָט מען געענטפערט פון פאַר=שידענע ווינקלעך.

— גוט. כ׳ל אייך אויסזאָגן. וואָס איז די מעשה, ק י י נ ע ר קען דאָך ניט די גובערניע ווי עס קען די גובערניע גדאַלע פיליפּאַנער. וועגן דעם ׳עט מען זיך ניט שפּאַרן, אַ? וואָס איך בין אויסגעפאָרן אַ וועלט מיט די שינעס, וואָס איך האָב אַרומגעשמידט די רעדער, רעדער פון יידן און רעדער פון גויים, פון בעל=עגלות און פון פּריצים, איבער וועגן וואָס חיים=מאיר דער סווירער האָט גאָרניט געוואוסט אַז זיי זיינען דאָ אויף דער וועלט. כ׳האָ׳ שוין געזען וואָס טוט זיך. איין זאַך מערניט, איר׳עט מיט קאָפּ אויסהערן? מיט קאָפּ, אַ! אין מאַלאַגאַן, ס׳גאָרניט גרעסער פון פיליפּאַן, איז דאָ אַן אַלטע יידישע מכשפה, מאַטלע רופט מען איר, פרעגט ניט, ס׳ניט אויף היינט, אַ לאַנגע מעשה, דעם אַמאָליקן פּאָסטעווער רב׳ס אַ טאָכטער איז זי. זי׳ט זיך געשמדט איבער אַ ציגיינער, דער טאַטע׳ט קריעה געריסן. דער סוף איז געווען, דער ציגיינער ט׳מיט איר געלערנט דעם גאַנצן כישוף. אָבער דעם גאַנצן! אַלע קונצן. כל הדעות! דערנאָך אַז זי׳ט זיך אַביסל פאַרעלטערט, ט׳ער איר איבערגעלאָזן, אַוועק מיט אַ יונגע, נו, אַ נייע מעשה. די מאַטלע איז נאַכער אין מאַלאַגאַן אַריינגעפאָרן. ביי איר אי׳ דאָ אַ מיידל, די מיידל אי׳ ניט אירע, עפּעס די זעלביקע מעשה, אַ יידישע, זי׳ז אַוועק מיט אַ גוי חתונה האָבן, זי׳ט עפּעס אין קלויסטער ביי זיי

געמאָדלעווועט. אָט איז די מעשה, אויכעט ניט געגאַנגען. אַז ניט געגאַנגען איז פאַרפאַלן. מיט קיין רבנים ׳עלן זיי שוין ניט טאַנצן. די מכשפה, מאַטלע, איצטער וויל זי מערניט איין זאַך, די שטיפטאָכטער זאָל פאָרט חתונה האָבן מיט אַ ייד. מאַלע וואָס מ׳וויל, אַז — —

— וואָס אי׳ מיינע דאגות? — איז אים ריינע אין די רייד אַריינגעפאָרן. — אַנדערשטוואו פעלט צרות? אַנדערשטוואו איז קאַ׳ משוגעים ניטאָ? וואָס באַרעט ער אָן אַ קאָפּ? — און בשעת די רייד איז ריינע געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט אַקעגן גדאַלע׳ן, מיט אַ נייעם רייצנדיקן צי פון וואוילגעפורעמטן קערפּער, גדאַלע׳ן אַ סימן, ער זאָל דעם סוד זיינעם די פיליפּאַנער באַלד אויסזאָגן.

— די מכשפה, די מאַטלע, פון ב ל ע ך, בלעך ווייסט איר דאָך וואָ׳ דאָס איז? פון בלעך מאַכט זי: ג אָ ל ד! גאָלד ווייסט איר דאָך וואָ׳ דאָס איז? דריי גרויסע קעסלען אי׳ דאָ ביי איר. אין אַלע דריי אי׳ דאָ אַזעטקענע זודיקע געמישעכצער, אַזאַ מין זאָט, קאַם וואָס מ׳קען דאָרטן אָטעמען, נאָר ביי איר רעכנט זיך עס די בעסטע לופט. אין שטיבל זיינען די פענצטער פאַרקלאַפּט מיט לאָדנס און מיט קלעצער איבער די לאָדנס, קיין ביסל ליכט זאָל אויך ניט אַריין. געלט דערפאַר בעט זי ווייניק, אויף אויסקומען און ווייטער גאָרניט. איך האָב איר באַלד געגעבן אַן עצה זי זאָל אַריינפאָרן צו אונדז אין פיליפּאַן. דאָ׳ט איר זיין פּריילעך. וואו דען ׳עט זי טרעפן יידן וואָס ס׳גייט זיי ניט אָן, אַ פּאַראַיאָריקער טאָג, ווער איז געווען דער מאַן און וואָס זי׳ט אַמאָל אָפּגעטאָן ביי אַ גלח. געזונט זאָל זי זיין. אין פיליפּאַן קוקט מען ניט די ציצית. אין אַן אַנדער שטאָט זיינען זיי ביידע טרייף=פּסול, מ׳עט זיי קיין גוט=מאָרגן אויך ניט אָפּגעבן. איין זאַך מערניט גייט איר אין

לעבן, מאַטלע׳ן, אַן אײדעם אַ ייד, און אָט פיר איך זײ בײדן דאָ אַריבער אַפילו היינט. ניט נאָר דאָס, דאָ ט׳זי מאַכן די גאָלד און קיין גראָשן ׳עט זי דערפאַר ניט — —

— או־אַ! פסס! גדאַלע׳ט פון שטאָט אַרויספאָרן אינמיטן ווינטער? גדאַלע מיט אַ שליטן? דערלעבט יאָרן! — איז אים ריינע אין די רייד ווידער אַריינגעפאַלן. — זאָג נאָר, גדאַלע, ווער׳ט גיין לויפן חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער, ניין, זי׳ דאָך קאַ׳ טאָכטער אויכעט ניט, אַ ממזרטע! אַ ממזרטע ביי אַ מכשפה! אַ גליק ט׳אונדז געטראָפן! דיין זון ׳עסט דאָך פאַר אירטווען ניט אויסגעבן! אַ מכשפה פעלט אונדז אין פיליפאַן! אַ מכשפה! דו׳סט דאָך די קינדער אויסגעגעבן!

— נאַ־רעלע! — האָט גדאַלע פאָטעריש ריינע׳ן גענומען איבערצייגן, — אַלערלייאיקע מכשפות אי׳ פאַראַן. זי׳ דאָך אַ ג ו ט ע מכשפה, מאַכט גאָלד פון בלעך און קיין מעות ׳עט זי ניט מאָנען, וואָס נאָך ווילסטע האָבן? אַקאַשעפּאַ־מעשה! אין פיליפאַן גייט מען אַראָפּברענגען אַ פרוי וואָס פון בלעך מאַכט זי, ניט קופּער ניט זילבער, נאָר ג אָ ל ד, קומט מען צו גיין און מ׳זאָגט: בלאָ! אַ, און די מיידל. די מיידל, די מיידל. מיט קאָפּ הער אויס! אָטאָ די מיידל וואָס זי׳ט צוגענומען צו זיך פאַר אַ טאָכטער, וואָס זי וויל גיין חתונה מאַכן אי׳ דאָך אַ פאַרשיין או־וואַ! — און ביי דעם האָט גדאַלע אַ וויז געטאָן מיט אַ פינגער צו דער סטאָלעוואַניע און די קאָפּ אויף לינקס און אויף רעכטס געשאָקלט.

— אַזאַ פאַרשיין? — האָט יונג־בחוריש און נייגעריק־ערנסט איבערגעפרעגט ריינע׳ס אַ ברודער, בערע ט׳מען אים גערופן. אים האָט גראַדע ניט געצויגן צו קיין מיידלעך ביי די גראַגער, די גאַזער, מיט די פיליפּאַנער. אַ גוטער מכשפה׳ס אַ טאָכטער, אַ

קראַסאַוויצע, איז געווען ביי אים יענע גדולה. ער׳ט דערמיט זיין דער ערשטער פּיליפּאַנער אין דאַוויים וויפל דורות, וואָס ווער חתונה האָבן ניט פּאַר קיין פּיליפּאַנער.

— אָהאָ! מאַלאַדיעץ! — האָט גדאַלע מיט די שמשונדיקע כוחות דעם בחורעץ אַ הייב געטאָן אינדערלופטן. — וואַ! די שענסטע מיידל אין גאַנץ ליטע ׳עט דיין כלה זיין! די שענסטע! דאָס האָט גדאַלע פּאַרטראַכט, פּאַרטראַכט און געמאַכט! וואָדען!?

מ׳איז שוין געווען גוט אָנגעפּיאַנעוועט. די פּיליפּאַנער יידן, אַלע זיינען זיי געווען ביי גדאַלע׳ן אין שטוב, האָבן גענומען פּרייען זיך אויף וואָס די וועלט שטייט. איין קליניקייט, מעשיות מיט מכשפות, גאָלד, שיינהייטן, אַ שידוך פּאַר בערע׳ן. נאָר איין ריינע איז ניכטער געבליבן.

— טראַ־לאַ־לאַ אינגאַנצן! א י נ ג אַ נ צ ן! אַ ל ע! ס׳פעלט אין שטאָט אַ מכשפה! אויף בערע׳ן וואַרפט ער אָן דאַוויים וואָס פּאַראַ פּאַסקודסטווע. ער׳ט איר אַפילו נאָך ניט אָנגעקוקט די גרויסע פּאַרשיין און שוין טאַנצט מען! און וואו׳סטע אַהינטאָן די מאַמע אירע, אַ? די מכשפה! פּאַר אַ ליובאָוויצע סט׳איר נעמען, גדאַלע, אַ?

— פון מיינטוועגן זאָל ער נעמען! מאַלאַדיעץ! — האָט אָנגעטרונקענערהייט געגעבן אַ צי מיט די פּלייצעס איידע. — זאָל ער מאַכן ווי ער פּאַרשטייט אַליין. פּאַר אַ מכשפה האָב איך קיין מורא ניט! זאָל זי נאָר מאַכן פון מיינע שמאָנצעס גאָלד! וואָס אַרט עס מיר? גאָלד ׳עט זי מאַכן! ניט קיין זילבער! זילבער פּאַסט צו די קאַרגע חזירים! אַ קורקול גייט מיט זילבער! אַ קורקול!

אויפסניי דערהערט „גאָלד״, איז דער עולם אַ ביסל

ניכטערער געוואָרן. מ׳האָט גענומען איינזען אין וואָס דאָ גייט. אין פיליפּאַן וועט זיצן אַ פּרוי וואָס מאַכט פון בלעך גאָלד. קיין געלט וועט זי ניט מאָנען. דאַרפן דאַרף מען נאָר אויסזוכן אַ חתן אַ ייד פּאַר דער מיידל וואָס זי׳ט צוגענומען צו זיך, אין אַ שטאָט וואו ס׳איז ניטאָ קיין רב און מ׳וועט כלה׳ם צד דעם יחוס ניט פאַרהערן. און אַז בערע, וואָס צו די פיליפּאַנער מיידלעך האָט אים במילא ניט געצויגן, וועט חתונה האָבן פּאַר אַ פרעמדער וועט דאָס קיינעם אויך ניט שאַטן.

— אויבע אַזוי, אויבע ס׳אמת די מעשה מיט די גאָלד, איז ער דאָך ניט קיין נאַר, גדאַלע, ניט קיין נאַר, — האָט ריינע שוין אָן די קאָקעטישע העוויות און אין אַ מער אונטערטעניקן קול צוגעגעבן. זי האָט זיך דערמאָנט אין קופּערנעם לייכטער וואָס ביי איר אויפן טיש, אין איר באָבע׳ס אַ זילבערנעם רינגל וואָס ביי איר אין שופלאָד. — פון ב ל ע ך מאַכט זי גאָלד, און וואָס אי׳ מיט ק ו פּ ע ר? און מיט ז י ל ב ע ר?

— וואָס פאַרא פראַגע, ריינע, די מאַלאַגאַנער מכשפה, פון אַלץ וואָס גלאַנצט מאַכט זי גאָלד.

— גדאַלע מלך ישראל! — האָט מען גענומען אויסשרייען. — זאָל לעבן גדאַלע! ווילנע׳ט מען אַ פאָרשטאָט פאַררעכענען. די גאַנצע וועלט ׳עט וויסן מערניט איין זאַך, אַז פיליפּאַן אי׳ די גאָלדענע שטאָט! די גאָלדענע שטאָט, איין קליינקייט!

ג

גדאַלע האָט זיך ניט אונטערגעפּוילט. וויפל ער׳ט ניט האָלט געהאַט דעם וואָגן, פיינט געהאַט דעם שליטן, האָט ער זיך אויף

מאָרגן אויפגעכאַפּט פּאַרטאָג, איינגעשפּאַנט אין שליטן דעם פערד און זיך אַוועקגעלאָזט אויף מאַלאַגאַן. ער איז געווען אַ ייד אַ גיבור, קיין מאַנטל האָט ער ניט געטראָגן, מערניט אַן אַלטע קאַמעזשיילקע און אַ שוואַרצלעכן פּיזשאַק. אַ ווייכער שניי האָט די רויטע באָרד צוביסלעך פאַר אַ ווייסער געמאַכט.

אָנגעקומען אין מאַלאַגאַן, איז ער אַריין צו מאַטלע׳ן און די בשורה טובה איר באַלד אויף אַן אָרט אָנגעזאָגט. אַליין האָט ער אויסגעפירט סאַק און פּאַק, קיין האָר האָט ניט געפעלט. ביי איר אין שטוב איז געשטאַנען גרויסע שוואַרצע ליכט פון אַלע זייטן. פון דרויסן איז קיין שטראַלעכל ניט אַריין. מאַטלע און די מיידל וואָס זי האָט צוגענומען צו זיך פאַר אַ טאָכטער, יאַניע ט׳מען איר גערופן, זיי האָבן אַ כאַפּ געטאָן איינע די אַנדערע פאַר די הענט, אַ לינקע האַנט פאַר אַ רעכטער, אַ רעכטע פאַר אַ לינקער, און פאַר פרייד אַרומגעטאַנצט אַרום דעם קעסל וואָס אינמיטן. יאַניע וועט חתונה האָבן פאַר אַ שיינעם יונגנמאַן אין פילימאַן, בערע, קיין רבנים וועלן איר די קאָפּ ניט דרייען, און דער רויט⸗בערדיקער שמיד וועט זיי אַליין אַריבערפירן אין אַ שטוב אין פילימאַן. שוין איינמאָל אַ גדאַלע.

גדאַלע האָט אין מאַלאַגאַן גענעכטיקט. ער האָט גענומען צוויי פּויערים מיט שליטנס און מ׳האָט מאַטלע מיט יאַניע׳ן מיט זייער גאַנצן האָב⸗און⸗גוטס אויף מאָרגן געבראַכט צו פירן אין פילימאַן. דערהערט ווי די דריי שליטנס זיינען געקומען צו פאָרן, מאָנטיק שפּעטלעך איז עס געווען, ווידער איז געפאַלן אַ לייכטער שניי, זיינען די פילימאַנער יידן זיי אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן מיט בראַנפן און מיט טייגלעך אויף רונדע הילצערנע טאַצן. איידע האָט זיך צעקושט מיט מאַטלע׳ן און מיט יאַניע׳ן, זיי אַ זאָג געטאָן אַז אָט אָט וועט אויפזיידן דער סאַמאָוואַר.

בערע האָט זיך געשעמט אַרויסגיין פון שטוב אַרוים. די יידישע שטיבער אין פיליפּאַן זיינען געווען אויסגעשטעלט אין צוויי רייען ווי אַ נון, ער האָט געוואוינט אין שטוב אין ווינקל וואו די ביידע רייען קומען זיך צוזאַמען. גדאַלע איז צו אים אַריין און ביי אַ פּאָלע דעם יונגנמאַן אַרויסגעשלעפּט צו דער כלה, יאַניע, וואָס איז געשטאַנען אינדרויסן. מאַטלע מיט יאַניע האָבן אָנגעזאָגט אַז זיי גייען ניט אַריין אין קיין שום שטוב ביז וואַנען זיי וועלן דעם חתן פאַר די אויגן ניט אָנקוקן. יאַניע׳ס לאַנגע שוואַרצע צוויי צעפּ האָבן דורכגעגלאַנצט דורך די ווייסע שנייעלעך וואָס זיינען ביי איר אויפן קאָפּ דורכזיכטיק געוואָרן. די שנייאיקע זעעניש איז גוט אַדורך.ביידן איז געווען געפעלן דאָס וואָס די אויגן האָבן באַנומען.

מ׳האָט אַלע צוגעלייגט אַ האַנט און האַסטיק אַריינגעטראָגן אינעווייניק אין אַ ליידיקער כאַטע, וואָס מ׳האָט פון מאַטלע און יאַניע׳ס וועגן אויפגעראַמט, דאָס אַלץ וואָס איז אויף די דריי שליטנס געלעגן. די צוויי מאַלאַגאַנער פורמאַנעס האָט מען באַצאָלט מיט אַ צולאָג, זיי האָבן זיך באַלד גענומען אין וועג אַריין. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט ביז וואַנען מאַטלע האָט אָנגעצונדן די מאַכאַרייקעס וואָס אונטער די דריי קעסלען. זי האָט גענומען מישן מיט אַ גרויסן שוואַרצן שטעקן פּראָשיקעס, פליסיקייטן, טאַבלעטקעס, גראָזן. ביי גדאַלע׳ן האָט מאַטלע געבעטן, ער זאָל גלייך צוקלאַפּן קלעצער איבער די פענצטער, ווייל קיין גאָלד וועט ניט ווערן כל־זמן דער קלענסטער שטראַל, זון צי לבנה שיין, כאַפּט זיך אין שטוב אַריין. מ׳האָט פאַרקלאַפּט לויט מאַטלע׳ס וואָרט.

אויף מאָרגן האָט מען די חופּה געשטעלט, ווי תמיד אין פיליפּאַן, פיר קלעצלעך מיט אַ לייוונט, און שוין.

בערע מיט יאַניע האָבן גוט געלעבט. אַלע זיינע יאָרן האָט זיך בערע אויסגעפּיינט וואָס די ווייב איז ניט קיין רויט־האָריקע פּיליפּאַנערין נאָר אַ שוואַרצהנעווודיקע שיינהייט פון אַ ווייטער שטאָט מאַלאַגאַן.

גאַנצענע טעג האָט זיך מאַטלע געפּאָרעט אַרום די דריי גרויסע קעסלען. אירע וואונדער האָט זי אַלעמערשטנס אויפ־געטאָן מיט דעם אַלעמען וואָס פּיליפּאַנער האָבן איר צוגעטראָגן: רינגלעך, קייטלעך, בראָנזעלעטן, ברוסט־שפּילקעס. אַלץ האָט זי צוגענומען און געהייסן אָפּנעמען אין דריי טעג אַרום.

דערזען ווי דער קופּערנער לייכטער אירער איז געוואָרן אַ גאָלדענער, דער באָבע׳ס זילבערן רינגל — אויכעט גאָלד, האָט ריינע מאַטלע׳ן אַרומגענומען און איר אַ קוש געטאָן איןּ שטערן.

— אַ׳ דאָס אַ מכשפה, זאָל אומעטום אַ פולע מכשפות זיין!

מאַטלע האָט דאָס אייגענע געמאַכט פאַר די גויים אין פּיליפּאַן. פון דאַמאָלסט און ווייטער האָבן די פּיליפּאַנער גויים גענומען קרייצן זיך מיט אַ מגן־דוד איבער דער ברוסט און ניט מיט קיין צלם.

דער ביי ווענען ס׳איז איבער דער טיר געהאַנגען אַ בלעכענע צאַצקע האָט עס צוגעטראָגן מאַטלע׳ן. אַ זילבערנער טאַץ — מאַטלע׳ן. אַז אַלע מיני צירונג און שמאָנצעס זיינען אין פּיליפּאַן שוין געוואָרן גאָלד, האָט מען גענומען צוטראָגן די לעפלעך מיט די גאָפּלען מיט די מעסערס. אַז דאָס איז שוין אַלץ געוואָרן גאָלד האָט מען גענומען ביי די פערד די אַטאָשעס מיט די פּאָדקעוועס, און זיי אַוועקגעטראָגן מאַטלע׳ן. פון אַלצדינג — גאָלד.

פאַר פּורים האָט גדאַלע גענומען מיטן וואָגן אַרומפאָרן, ווי דער שטייגער זיינער איז געווען, אויסזוכן רעדער אויף אַרומצושמידן. ביים ערשטן קונד ביי ווענען ער האָט צוגענומען

אַ ראָד, אַן אַלטער ייד אין וואַרניאַן איז דאָס געווען, האָט ער דערזען צוויי זילבערנע לייכטער.

— גיט מיר אַוועקעט די לייכטער אייערע. ביי אונדז אין פיליפּאַן וויים מען ווי אַזוי מ׳מאַכט פון זילבער גאָלד. פאַרלאָזט זיך אויף מיר, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ברענג איך זיי אייך דאָ צו טראָגן, גאָלדענע און ניט קיין זילבערנע.

— ר׳ גדאַלע! איך קען דאָך אייך אַ שאָק מיט יאָרן! וואו גאָלד? וואָס גאָלד?

— קענט איר דאָך גדאַלע׳ן, וועל איך אייך ניט אַנטלויפן מיט די לייכטער אין היידוציטשעק! וואָס אַרט אייך, וועט ניט ווערן קיין גאָלד, האָט איר אייערע זילבערנע לייכטער. אייך ט׳עס ניט קאָסטן. ס׳אַ מתנה פון גדאַלע פיליפּאַנער. וואָס, איר׳עט ניט געוואוסט אַז פיליפּאַן רופט מען אָנעט „די גאָלדענע שטאָט״?

ער האָט דעם יידן געבראַכט צו טראָגן אַן אַרומגעשמידטע ראָד מיט צוויי גאָלדענע לייכטער.

— ניט צום גלייבן! ניט צום גלייבן! גאָלד! אָ׳ דאָס וויים מען ווי מ׳מאַכט אין פיליפּאַן? טויזנט איין נאַכט. טויזנט איין נאַכט!

גדאַלע האָט געבראַכט צו טראָגן פון איבער דער גאַנצער גובערניע רינגלעך, קייטלעך, כלים, לייכטער, בעכער. אַלץ ט׳ער אַוועקגעגעבן מאַטלע׳ן און פון אַלץ האָט זי געמאַכט גאָלד. פיליפּאַן ט׳מען שוין געוואוסט אומעטום.

אַוועק אַ פּאָר חדשים, איז מאַטלע, שוין אַ פרוי אין די הויכע יאָרן, נאָך שבועות געשטאָרבן. אַז מ׳איז די שבעה אָפּגעזעסן, האָט מען זיך אַלע געפּאָרעט מיט די דריי קעסלען. מ׳האָט אָנגעצונדן פון אונטן. מ׳האָט אַריינגעטאָן פּראָשיקעס מיט פליסיקייטן. מ׳האָט געמישט און געמישט. ס׳איז געווען אַרויס־

געוואָרפן די אַרבעט. ניטאָ קיין מאַטלע, איז ניטאָ קיין גאָלד.
כאָטש מער קיין גאָלד האָט מען אין פיליפּאַן ניט געוואוסט
ווי אַזוי מ׳מאַכט, איז געבליבן ביי די תושבים אין יענע מקומות,
די יידן אַזוי ווי די גויים, אַז פיליפּאַן איז די גאָלדענע שטאָט.

# ציזע לאָקשנדריי

# ציזע לאָקשנדריי

די לאָקשנדרייער, אַזוי׳ט מען זיי גערופֿן, האָט מען אַלע געקענט: אַ שבט ווילדע פֿרויספֿאַרשוינען וואָס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן טיף אין זאַבאָרטשער וואַלד, אין כאַלופֿעס וואָס זיינען געהאַנגען אינדערלופֿטן, אָנגעשפּאַרט אָנעם אייבערשטן שטאָק פֿון אוראַלטע סאָסנעס. די פֿענצטערלעך האָבן זיך איינגעפֿלאָכטן אין די העכסטע צווייגעלעך. זיי האָבן פֿון דאָרטן געקענט זען העט ווייט, נאָר פֿונדערווייטנס האָבן אַנדערע געזען נאָר דיביימער. אַרויפֿגעקראָכן אין דער הייך און איבערגעשפּרונגען פֿון איין כאַטע ביז צו דער אַנדערער האָבן זיי ווי די וועווערקעס. דאָס רעדל ביי זיי האָט געפֿירט זייער קעניגין, מלכה לאָקשנדריי האָט מען איר גערופֿן. די לאָקשנדרייער האָבן ניט געטאָרט דערלעבן צו קיין הויכע יאָרן. אַז די מלכה האָט באַמערקט אַז ס׳ווערט עמעצן שווערלעך דאָס קלעטערן, און די פֿלינקייט נעמט וואַקלען, האָט זי יענע אַרויפֿגערופֿן צום העכסטן וואַלד שטיבעלע, „דער פּאַלאַץ״ האָט עס געהייסן, פֿון אויבן איז געווען אַ שטרויענער קופּאָל, און איר אַ זאָג געטאָן קורץ און שאַרף: „שוין צייט״. שוין יענעם טאָג איז די אויסגעשפּילטע לאָקשנדרייערין אַליין אַוועק צופֿוס ביז צו די זומפּן וואָס הינטער ליטוואַן, זיך דאָרטן פֿאַרסמט מיט די גיפֿטיקע שוועמלעך וואָס פּאַזע די זומפּן, אָפּגעוואַרט די פּאָר מינוט ביז וואַנען די ווייטיקן

אין בויך זיינען געוואָרן ניט צום פּאַרטראָגן און זיך אַריינגעוואָרפן אין זומפּ אַריין. אויך די מלכה האָט זיך אַזאַ מין מעשה אָנגעטאָן דאַמאָלסט אַז זי האָט דערשפּירט אַז דאָס אַרויף און אַראָפּלאָזן זיך איז ניט דאָס וואָס געווען. זי האָט אויסגעטאָן די קרוין און אַוועקגעלייגט אינעם אַלטן דעמבענעם קעסטל וואָס האָט פון אויבן און פון די אַלע פיר זייטן שימערירט מיט אַלמאַזן. מיט אַ בלויזן קאָפּ האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט אויף ליטוואַן. זיבן טעג מיט זיבן נעכט האָבן די לאָקשנדרייער געפאַסט און געטרויערט נאָך דער מלכה. זיי האָבן שוין דורות קיין צורת אות ניט געקענט נאָר קדיש זאָגן האָבן זיי פאַרגעדענקט אָן אַ גרייז. ביינאַכט זיינען זיי אָנגעקומען אין די ליטוואַנער זומפּן און זיבן נעכט נאָכאַנאַנד קדיש געזאָגט פּונקט האַלבע נאַכט. דעם אַכטן טאָג האָבן די בעלנטעס אויף מלכה גענומען שלאָגן זיך מיט די בלויזע הענט אויף דעם נאָדלדיקן באָדן אונטערן דאָרף־וואָס־אין־די־ביימער. די לעצטע וואָס איז געבליבן אַ שטייענדיקע האָט מען באַלד אָנגעטאָן די קרוין. מ׳האָט איר אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, די הענט געהאַלטן אין דער הייך און בקול אחד אויסגעשריען:

האָלעקראַש לאָקשנדריי, באָזשעמאָי שטרוי מיט היי
ווי זאָל די מלכהלע הייסן?
מלכה לאָקנשדריי! מלכה לאָקנשדריי! מלכה לאָקנשדריי!

און עס איז געווען אַ נייע מלכה, וואָס האָט געוועלטיקט איבער דער וואַלדישער מחנה ווילדע יידישע פרויען אין זאַבאָרטשער וואַלד, וואָס צווישן סווירעאַנעק און מיכאַלישעק, הינטער זאַבאָרטש.

זעלטן וואָס די לאָקשנדרייער זיינען אַרויס פון וואַלד, נאָר איינמאָל אין אַ יובל האָט מען געזען די הויכע, מלכותדיקע פרויען, זיי האָבן געטראָגן לאַנגע בלויע ליילעכער מיט אַ ווייסן גאַרטל איבער די לענדן. די אויגן זיינען ביי זיי אַלעמאָל געווען שוואַרצע, די שוואַרצע האָר זיינען געווען פאַרפלאָכטן אין איין זייער לאַנגן צאָפּ וואָס איז געווען אַרומגעדרייט עטלעכע מאָל אַרום האַלדז מיט אַן עק וואָס איז געהאַנגען איבער דער פּלייצע. געלערנטע יידן האָבן געוואוסט צו דערציילן אַז דאָס זיינען די פרויאישע חיילות וואָס זיינען געגאַנגען אין מלחמה אַריין אין דינסט פון גרויסן ליטווישן קעניג וויטאָוטאַס, דאַמאָלסט ווען ער האָט איינגענומען פאַר ליטע יענע מקומות מיט דער שווערד און מיטן שפּיז. האַרט פאַר זיין טויט אין יאָר ק״ץ, האָט ער באַקרוינט די אָנפירערין פון די יידישע פרויאישע חיילות מיט אָטאָ דער קרוין, וואָס איז אין גאַנג פון די דורות אַריבער בירושה פון איין מלכה לאָקשנדריי ביז צו דער אַנדערער. פאַר קיין אַנדערן מלך האָבן זיי ניט געוועלט גיין אין שלאַכט. אין יאָר ק״ץ האָבן זיי איינגעוואַנדערט טיף אין זאַבאָרטשער וואַלד און זייער געלעגער געשטעלט, דאָרט וואו זיי וואוינען ביזן היינטיקן טאָג.

פּשוטע יידן האָבן געוואוסט מערניט אַז אין זאַבאָרטשער וואַלד איז דאָ אשמדאי׳ס חיילות, ריזן־פרויען וואָס שטאַמען פון לילית, גייען שפּאַצירן מיט אַ וואָלף ווי אַ פּויער מיט זיין הינטל, שפּילן זיך מיט אַ בער ווי מיט אַ קעצעלע וואָס וואַשט זיך מיט אימפּעט אויפן געהייצטן אויוון. פון יידישקייט האָבן זיי געוואוסט נאָר קדיש זאָגן נאָך אַ מלכה, תשעה־באב און יום־כיפּור האָבן זיי געפאַסט.ביידע יום־טובים זיינען לויטן לוח זייערן אויסגעפאַלן מיט עטלכע וואָכן פריער איידער ביי כלל ישראל. אַן אייגענער

תענית איז ביי זיי אויכעט געווען, י״ז בשבט, דעם טאָג ווען עס האָט זיך אין די ליטוואַנער זומפּן אַריינגעוואָרפן די ערשטע מלכה לאָקשנדריי אין יאָר ר״ז. דער טאָג האָט ביי זיי געהייסן „יאַזשוואַט״. גערעדט האָבן זיי אויף אַן אויסטערליש יידיש לשון.

ווער ס׳האָט אַריינגעוואַנדערט אין זאַבאָרטשער וואַלד, ניט ער איז צוריק אַ לעבעדיקער, ניט מ׳האָט געוואוסט וואוהין מ׳דאַרף זיין געביין גיין זוכן. אויף די בית־עולמס רונד אַרום זיינען געווען דאָ און דאָרט מצבות וואו עס איז געשטאַנען: „פּה לא נקבר פּלוני בן פּלוני אשר נסתלק ביערות זאבארטש״. קינדער האָט מען געמוזט דערלאַנגען פּעטש, זיי זאָלן אייביק מורא האָבן. „די מלכה לאָקשנדריי וועט דיר אויפפרעסן״ האָט יעדער יינגעלע און יעדע מיידעלע זיך פאַרגעדענקט אויפן גאַנצן לעבן. „ביי די לאָקשנדרייער אין קיך ׳עט מען דיר צו אָוונטברויט כשרן״ האָבן זיך קצבים געשאָלטן.

קיין מאַנסבילן זיינען ביי די לאָקשנדרייער ניט געווען. אַז די מלכה לאָקשנדריי האָט באַנומען אַז אַ לאָקשנדרייערין ווערט רייף, האָט זי מיט איר אַ יאָר צייט געלערנט ווי מען איז מאנס אַ מאַנסביל מיטן חלף אין דער האַנט. דער חלף איז אויך געווען ביי די לאָקשנדרייער פון דאַמאָלסט ווען זיי האָבן געדינט ביים גרויסן ליטווישן קעניג וויטאַוטאַס, עס האָט געהערט שמעון דעם שוחט וואָס האָט יענע יאָרן אויסגעבויט שימענישעק. אין אַ קעשענע אינעווייניק, צוגענייט אין די לינקע פּאַלדן פונעם בלויען ליילעך, האָט די לאָקשנדרייערין, וואָס איז אַוועק אינמיטן נאַכט ווערן מעוברת, געהאַלטן אַ פלעשעלע מיט אַ געמישעכץ פון וואַלד גראָזן. אַז עס טרינקט עס אויסעט אַ מאַנסביל ווערט אים די קאָפּ פאַרדולט און דער כח גברא אַ שרעק. מ׳האָט אויסגעקליבן אָדער אַ בחור אָדער אַ גרוש, נאָר ניט קיין אלמן, מחמת פּאַר

דער טויטער ווייב האָבן זיך דערשראָקן אויך די לאָקשנדרייער, און ניט קיין באַווייבטן, ס׳זאָל ניט קומען דערצו, מ׳זאָל אומזיסט דאַרפן קוילען אַ פרוי. צו דעם אַלעמען האָט דער מאַנסביל באַדאַרפט זיין אַ שיינער, קיין מיאוסקייט האָבן זיי ניט גענומען. אין די שטעטלעך אַרום און אַרום האָבן יידן געזונגען אַזאַ מין לידל:

אָט גייט די מלכה לאָקשנדריי:
„קראַסאַוויץ, סופּראַנטאַ? מאַלפּעלע ניע גערייו!״
קומט אין שטאָט, „וואָס האָסטע?״
פון לעבעדיקע סחורה איז זי באַלעבאָסטע.

אַלע פּאָר דורות האָט געטראָפן אַז אַ צדיק גמור האָט בשום אופן ניט געטרונקען פון פלעשעלע און די לאָקשנדרייערין האָט גענומען דרייען איבער איר קאָפּ מיטן חלף מיט אַזאַ גיכקייט אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ הימלדיקע קרויץ, און דער ייד איז שיעור ניט פאַר שרעק אומגעקומען. האָט ער זיך ניט אָפּגעגעבן, האָט זי אים אויף אַן אָרט געשאָכטן און אויף די מעכטיקע פּלייצעס איבערגעטראָגן אין וואַלד אַריין דעם מת. פונעם יאַגד האָט זיך די קריגס־פרוי אומגעקערט אין זאַבאָרטשער וואַלד, אָדער מיט אַ קינד פאַרזייט אין בויך, אָדער מיט אַ מת איבער דער פּלייצע. ס׳האָט ניט געטראָפן אַז אַ לאָקשנדרייערין זאָל זיך באַהעפטן מיט אַ מאַנסביל און ניט פאַרגיין אין טראָגן. זיי האָבן געוואוסט גענוי ווען זיך צו פאַרזייען זייער לייב, און פאַר דעם האָט מען געטרונקען אַזעטקענע געמישעכצער פון וואַלד גראָזן וואָס האָבן די זאַך זיכער ווי גאָלד געמאַכט.

אַז ס׳איז געבאָרן געוואָרן אַ מיידל האָט מען איר אַרום־

געטאַנצט און געבענטשט:

מיידעלע מיידעלע, לאָקשנדריי איימעלע
דעם קעניג וויטאַוטאַס אַ וועכטער אין ביימעלע
מיט שוואַרצישן צאָפּ און מיט בלויאישן ראָק
לאָקשנדריי לאָקשנדריי לאָקשנדריי.

אויב אַ ייִנגעלע, האָט מען אים אויף מאָרגן אַוועקגעטראָגן אינמיטן נאַכט אין איינעם פֿון די אַרומיקע שטעטלעך און איבערגעלאָזן ביי אַ טיר מיט אַ מזוזה, און מיט אַ דונערדיקן בריק די טיר איינגעבראָכן, די שטובלייט זאָלן באַלד קומען צו לויפֿן. די אויפֿגעטרייסלטע ייִדן האָבן דערזען פֿאַר די אויגן אַ וויינענדיק נייגעבאָרן ייִנגעלע. קיין סימן איז ניט געווען פֿון דער וואָס האָט אים צוגעטראָגן צו דער טיר.

אַמאָל האָט אין קאַמעלישעק געטראָפֿן אַ מעשה מיט אַ בחור, קיין איבערגעשפּיצטער איז ער ניט געווען, מענדל דער שטומפּיקער ט׳מען אים גערופֿן. ביי אים אין שלאָפֿשטוב האָט זיך אינמיטן נאַכט באַוויזן אַ הויכע יונגע פֿרוי וואָס איז געגאַנגען מיט בלויע ליילעכער און האָט געפֿאָכעט מיט אַ חלף. ער האָט זיך דערשראָקן אימת מות, דאָס פֿלעשעלע וואָס די פֿרוי האָט דערלאַנגט ט׳ער באַלד אויסגעטרונקען, ער׳ט זיך אָפּגעגעבן דער מאַנסטע מיט אַלע פֿאַרבאָרגענע מענערשע כוחות. אויף מאָרגן האָט ער שטאַרק חרטה געהאַט און איז אַוועק אין וואַרניאַן, דאָרטן איז געווען די פּאָליציי. ער׳ט זיי אויסדערציילט וואָס עס האָט אים אָפּגעטאָן אַ פֿרוי מיט בלויע ליילעכער און אַ חלף. מ׳האָט אים צוגעבונדן די הענט מיט די פֿיס, אַרויפֿגעזעצט אויף אַ וואָגן און אַוועקגעפֿירט אין ווילנע אין שפּיטאָל פֿאַר משוגעים וואו ער איז אַ האַלב יאָר צייט אָפּגעזעסן. פֿון זינט

דאַמאָלסט האָט מען אַרום און אַרום, אין יענע מקומות גענומען זאָגן אויף אַ מאַנסביל וואָס האָט נאָכגעקוקט מיידלעך מיט אַ הינטישער צונג, נאָר געבליבן איז ער ביים קוקן: „און אין וואַרניאַן לוינט אים ניט צופאָרן?"

ב

אין אייזיקן ווינטער און אין גרינעם זומער, אין זאַטע יאָרן און מאָגערע, פון וויטאַוטאַס דעם גרויסן און ביז ניקאָלאַי דעם צווייטן, האָט ניט געטראָפן אַז אַ לאָקשנדרייערין זאָל זיך פאַרווּעלן אַנטלאָפן ווערן פון זאַבאַרטשער וואַלד. וואָס האָט סוף כל סוף פּאַסירט ווייסן אַלע. ציזע לאָקשנדריי, די גאַנצע מיידל איז געווען אַ יאָר צוועלף, אַז זי איז אַוועק קלייבן יאַגעדעם ביים עק פון וואַלד אין וועג פון מיכאַלישעק, האָט זי דערזען אַ געזעמל מיט יידישע קינדער. איין יינגל, אַ געלער, ער איז געווען דער אָנפירער פון זיי אַלע, האָט אַ שריי אויס געטאָן:

— נאַזאַט! אַ מכשפה גייט! פון די לאָקשנדרייער! גיכער! פלעי—טע!

ציזע האָט זיי נאָכגעשריען מיט אַ פאַרוויינטן קול, זיך צעהעשעט און צעכליפּעט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד. די הענט האָט זי אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפּ, מ׳זאָל זען אַז קיין חלף איז ביי איר ניטאָ. זי האָט גענומען אויסשרייען:

— פאַרוואָסטע געלעיפן? ניט מכשפה! אַן אידישע! אַן אידישע!

עלעהיי די מיידל וואָלט וואָרהאַפטיק אַ מכשפה געווען, זיינען די קינדער ווי לוט׳ס ווייב אויפן אָרט געבליבן פאַרגליווערט,

דאָרטן ביים עק וואַלד, צווישן צוויי וועלטן. פון איין זייט האָט געטורעמט דער סודותפולער וואַלד מיט די אוראַלטע ביימער פון זאַבאָרטש. פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך סאָפּלאָז אויסגעשפרייט פלאַכע ווייטן מיט צעוואָרפענע פויערשע שטיבלעך. ניט ווייט האָט אַ פויער זיין קו ערגעצוואו געפירט מיט אַ שטריקעלע און די קינדער, וואָס זיינען געקומען צו זיך, האָבן אים מיט גרויס פּאַראַד אָפּגעגעבן שלום מיטן אַראָפּנעמען און אַ פּאָכע טאָן מיטן היטל. די קו האָט אַ פּיצל רגע זיך אָפּגעזאָגט גיין ווייטער, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען וואָס דאָ גייט מער איידער דער באַלעבאָס אירער. ענדלעך האָבן זיי זיך געלאָזט ווייטער אויף זייער וועג.

אַוועק אַ רגע, האָבן זיך אומגעקוקט די קינדער אין וועג פונעם וואַלד. די וואַלד מיידל איז געשטאַנען אויף אַן אָרט, די הענט ביי איר זיינען נאָך געווען אין דער הייך. זיי האָבן באַנומען אַן אויסטערליש־וואונדערפולע זעאונג. געווען איז דאָס אַ פּראַכטפולע מיידל אַ פּאַרשיין, וואָס איז העכער פאַר זיי אַלע מיט אַ קאָפּ געווען. איר פּנים, טונקעלער פאַר זיי אַלע, האָט געגליט מיט אַ לבנהדיקן גלאַנץ אין העלן טאָג. ס׳זיינען ביי איר געווען גרויסע שוואַרצע אויגן און אַ לאַנגער איינאיינציקער שוואַרצער צאָפּ וואָס האָט איר האַלדז אַרומגענומען ווי אַ שלאַנג. אַרום איר קערפּער איז געווען אַרומגעצויגן אַ מין בלויער ליילעך, פון האַלדז אַראָפּ ביז צו די פיס. זי איז געגאַנגען אַ באָרוויסע. פאַר אירע לאַנגע, אַביסל שפּיציקע פיס איז אַלדאָס שטעכיקע וואָס אויפן וואַלדישן באָדן געווען דער שענסטער טאַפּעט.

דער אָנפירער ביי די קינדער, דער געלער יינגל, האָט צו איר פונדערווייטנס אויסגערופן, מיטן קול פון אַ גענעראַל וואָס

באַלעבאַטעוועט מיטן באַזיגטן שונא וואָס האָט זיך פרייוויליק אונטערגעגעבן:

— אַ׳ דו ווילסט מיט אונדז ריידן איז ניט אין וואַלד. קענסט אונדז נאָכגיין, ניט נעענטער ווי איצטער, און מיר וועלן ריידן אַפּן קומסע אין מיכאַלישעק.

— גוטע. איך מאַך ווי זאָגסט. איך אידישע. ניט שלעכטע!

די קינדער זיינען צעזעצט געוואָרן לאַכנדיק פון איר לשון, נאָר זי האָט זייער לאַכן צום שלעכטן ניט אויסגעטייטשט. עס איז אַוועק אַ וויילינקע, אַ פּראַכטפולער טאָג אין תמוז איז דאָס געווען, און זיי האָבן דערשפּירט אַז קיין געפאַר שטייט דאָ ניט פאַר זיי. מ׳איז שוין געווען אין וועג, דאָ און דאָרט איז געווען אַ פּויעריש שטיבל, ס׳איז געווען אינמיטן טאָג, זיי זיינען געווען זיבן און זי איז איינע. דער געלער יאַט האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגערופן די לאָקשנדרייערין וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען מיט די הענט אינדערלופטן.

— קום אַהער! די הענט לאָז אַראָפּ שוין!

— איך קום. דאָ איך קיינעמאָל געזייט. וואו דאָס?

— מיכאַלישעק! דאָרטן איז די קומסע! — האָט ער איר אָנגעוויזן אויף אַ פעלד וואָס ביי זיין סוף האָט מען שוין געזען ווילנער גאַס און די צוויי הויכע שפּיצן פון קלויסטער פונדערווייטנס.

— איך פּאָרכט!

— וואָס טוסטו?

די מיידל מיטן בלויען ליילעך פון וואַלדישן לאַנד האָט מיט די הענט געמאַכט אַ מינע פון פאַרציטערטקייט.

— מורא האָסטע? ניטאָ וואָס מורא צו האָבן! מעגסט מיר גלייבן, אַז מיר האָבן פאַר דיר קיין מורא ניט, האָסטע פאַר אונדז

אַוודאי ניט וואָס מורא צו האָבן!

— גוטע, גוטע.

די זיבן קינדער האָבן ווייטער געכאַפּט בליקן איינער צום אַנדערן איבער איר לשון, נאָר געלאַכט האָט מען שוין ניט. דער בלויער ליילעך מיטן שוואַרצן צאָפּ האָבן שוין ניט אָפּגעשראָקן. ניט אַ מכשפה פון די לאָקשנדרייער האָט געכאַפּט אַ קרבן, נאָר זיבן קינדער וואָס זיינען אַוועק קלייבן יאַגעדעס האָבן צוגעפירט אַ וואַלד מיידל אין מיכאַלישעק אַריין. זאַלבעאַכט האָבן זיי מאַרשירט, איבער דער קומסע, ביז דער ערשטער שטוב וואָס אויף ווילנער גאַס, חיים דעם שמיד׳ס שטוב. ווייטער זיינען זיי ניט דערגאַנגען. די גאַנצע שטאָט האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט. זוסקע חיים=דעם=שמיד׳ס איז געשטאַנען פאַר דער טיר מיט אַ לאָם אין איין האַנט און אַ האַק אין דער צווייטער האַנט. בריינקע די עקרה, אַן אַלטע יידענע וואָס האָט אַלע פרימאָרגן צוגעטראָגן לינדזענע קניידלעך די בית=מדרש יידן, האָט גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות:

— די הענט מיט די פיס בינדט איר צו, גלייך! אַ מכשפה אי׳ דאָ אין שטאָט! קינדער ט׳זי אויפפרעסן! אויסשפּירן האָט מען איר דאָ געשיקט! אויסשפּירן! זוכן קרבנות! למלשינים אל תהי תקוה! וואָס, איר׳ט פאַרגעסן וואָס האָט געטראָפן שימע דעם בשמים הענדלער אין סוויראַנעק? איך בין שוין אַ יידענע אין די יאָרן! זאָל איך צער האָבן אויב איך געדענק ניט ווי נעכטן! זאָל איך צער האָבן! די הורגטע פון די לאָקשנדרייער, ימח שמם, האָט עם געשאָכטן ווי אַ קו אינמיטן נאַכט, אַז דער אַלטער ט׳זיך ניט געלאָזט! בינדן די הענט מיט די פיס! שטריק! יידן, שטריק!

די זיבן קינדער האָבן איצטער אַרומגערינגלט די מיידל פון

נאַכטיקן וואַלד, איר באַשיצט פון אָנגעברוגזטן המון. ברײנקע די עקרה האָט זײ דערלאַנגט אַ נײַע פּאָרציע:

— וואָס פאַראַ פּגע רע ט׳איר אין שטאָט געבראַכט, אַ? קינדער, אַהײם! אַוועק פון דאַנענט! אַלע! געגאַנגען! איר׳ט פון מיר כאַפּן אַזאַ פּראַסק אַז אָשמענע מיט אײסישעק ׳עט איר דערזען! אָשמענע מיט אײסישעק!

די זיבן קינדער, מיטן געלן גרויסן־קנאַקער בראש, האָבן זיך פאַר ברײנקע׳ן שטאַרק דערשראָקן, זי האָט אויף זײ געהויבן איר שטעקן, און פון זײ איז קײן סימן ניט געבליבן. די ערשטע אין גרויסן געזעמל זײנען געווען געזונטע יונגען מיט שטעקענער, רידלען, העק, מעסערס. זײ האָבן די וואַלדישע מײדל אַרומגערינגלט. זוסקע חײם־דעם־שמיד׳ס וואָס איז געווען געזינטער פאַר זײ אַלעמען איז געבליבן בײ זײן טיר, זײן שליחות איז געווען, אָפּהיטן די שטוב פון אַלדאָסבײז.

ציזע האָט פון קינדווײז אָן וואויל געוואוסט ווי אַזוי מ׳ווערט טראָגעדיק בײ די לאָקשנדרײער, זי האָט וואויל געוואוסט וואָס מ׳טוט אָפּ אַ מאַנסביל וואָס גיט זיך ניט אָפּ, און זי האָט פאַרשטאַנען אַז איצטער איז איר סוף, קהל וועט אין איר נקמה נעמען פאַר אַלע דורות לאָקשנדרײער, פאַר אַלע פאַרגוואַלדיק־טע מענער, פאַר די געשאָכטענע מיטן חלף. פון די ערשטע יאָרן האָט מען מיט איר געלערנט ווי אַזוי אַ לאָקשנדרײערין גרײט זיך צו איר סוף. זי האָט זיך פלינק אַוועקגעלײגט אויף דר׳ערד אויפן רוקן און אויסגעשריען אויף די העכסטע טענער:

— שמע ישראל! שמע ישראל! שמע ישראל! — און אין די זאַמדן פון ווילנער גאַס האָט זי זיך דרײ מאָל איבערגעדרײט עלעהײ דאָרטן וואָלט געווען די זומפּן וואָס הינטער ליטוואַן. אָנשטאָט אײנגעזונקען ווערן אין זומפּ וועט אײנער פון די

מעסער־יונגען איר באַלד שטעכן אין האַרצן, און אפשר אין פּנים, פּונקט ווי אירע באָבעס האָבן מיט חיהשן חשק אומגעבראַכט אַ מאַנסביל וואָס האָט זיך ניט אָפּגעגעבן.

נאָכן איבערקערן זיך דאָס דריטע מאָל האָט זי די ציינער פאַרפּרעסט, די אויגן צוגעמאַכט און דעם חלף אָפּגעוואַרט. מ׳האָט איר ניט אָנגערירט. נאָר וואָדען, צוויי געזונטע יונגען האָבן איר אַ הייב געטאָן פון אונטער די פּלייצעס און איר מיט אַלע כוחות צוגעהאַלטן, כאָטש זיי האָבן דערשפּירט אַז זי פּרואווט זיך גאָרניט אויסצורייסן פון זייערע הענט. זיי האָבן געציטערט טאָמער וועט זי מיטאַמאָל מיט דאַוויים וואָס פאַראַ שוואַרצע כוחות זיי ביידן צעממיתן און די שטאָט חרוב מאַכן פון דעם קלויסטער און אַזש ביז חיים דעם שמיד׳ס שטיבל ביי דער קומסע. אין געזעמל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז זי דאַרף מערניט אַ פּייף טאָן, געבן אַ מכשפהשן רוף, און באַלד קומט צו לויפן אַ פּאָלק מיט מכשפות פון זאַבאָרטשער וואַלד און אויס מיכאַלישעק. ברײנקע די עקרה איז שוין געבליבן צווישן די ווייכהאַרציקע. שלעימקע דער קצב, אַ הויכער ייד, געזונט ווי אַן אייזן, האָט אַ רוף אויס געטאָן:

— תמחה את זכר עמלק מתחת השמים! אַז מ׳עט די מכשפה ניט אָפּמעקן וועט קיין ייד אין מיכאַלישעק ניט בלייבן. קיין איין ייד אויך ניט!

חיים דער שמיד, וועלכער איז אַ שטיק צייט געשטאַנען לעבן זיין זון, זוסקע, ביי דער טיר, האָט ניט געקענט ליידן וואָס דאָ ווערט אַ בית־דין פון קצבים.

— זאָלסט, שלעימקע, בעסער שווייגן! אויף הרגענען וויים ער, דער חכם, ברענגען פון חומש! דעם רב דאַרף מען ברענגען! דעם רב! פון אַן אספסוף ׳עט קיין דין ניט זיין! דעם רב!

— דו אַליין, ר׳ קוזניע, זאָלסט שוין בעסער שווייגן! פון די סערפּן האָט ער זיך אויסגעשמידט אַ סערפּישן קאָפּ! אַז מיר וועלן איר קיין סוף ניט מאַכן וועלן די לאָקשנדרייער די מענער צונעמען אין שטייגן אין וואַלד אַריין! אין זאַבאָרטשער וואַלד! האָרכט וואָס כ׳האָב אייך געזאָגט! האָרכט! דאָ אי׳ פייער! פייער אי׳ דאָ!

איידער וואָס ווען איז שוין געווען דער רב, ענטין האָט מען אים גערופן. ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק וואָס דער שמיד מיטן קצב האָבן זיך געקריגט און איז באַלד צוגעלאָפן צו דער געפאַנגענער וואַלד מיידל, וואָס איז געשטאַנען צווישן די צוויי יונגען וואָס האָבן איר ביי די אָרעמס געהאַלטן.

— ווער ביסטו, מיין קינד?

— ציזע.

— וואו לעבסטו?

— אין זאַבאָרטשער וואַלד. — און ביי דעם האָט דער עולם אויסגעלאָזט אַ לייכטע קייכעניש.

— ווי רופט מען דעם טאַטן?

— ניט וויים.

— די מאַמע?

— אריאל.

— און די פאַמיליע?

— לל=ל=אָקשנדריי. — און דער עולם האָט אויסגעלאָזט אַ הויכע קייכעניש מיט אַ זיפצעניש. מ׳האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אַז מ׳ועט אַמאָל זען אַ קינד פון די לאָקשנדרייער אויף ווילנער גאַס אין מיכאַלישעק.

צום רב איז צוגעלאָפן הירשע=חנא דער פעלדשער מיט זיין דאָקטערשן קול=קורא.

— רבי! איידער מ׳פֿאָרט ווייטער זאָל מען איר צו מיר אַריינ־פֿירן און איך וועל בודק זיין צי איז דאָס אַ מיידל צי אַ שדיכע.

— ר׳ הירשע־חנא לעבן! זאָלט איר געזונט זיין! איך האָב שוין געפּסקנט אַז דאָס איז אַ מיידל. אַז זי׳עט אויף אַ גריפּע ליגן וועט מען צושיקן צום פֿעלדשער!

דער רב האָט געבעטן ביי די צוויי יונגען וואָס האָבן ציזע׳ן פֿעסט געהאַלטן, זיי זאָלן איר צופֿירן אין בית־דין שטיבל. דעם המון האָט ער געהייסן זיך אַוועקטראָגן צו די געשעפֿטן:

— אַ שטאָט לאָזט מען ניט אויף הפקר!

אַז מ׳איז אָנגעקומען אין בית־דין שטיבל האָט ער די צוויי יונגען געהייסן אַוועקגיין. זיי האָבן ביי אים געפֿרעגט, ווי אַזוי קען מען דאָס דעם רב איבערלאָזן מיט אַ מיידל פֿון אַ שבט קטלניתטעס פֿון זאַבאָרטשער וואַלד. ער האָט זיי גיך אָפּגעפּטרט, געגעבן צו וויסן אַז דער מיכאַלישקער רב קען זיין שטעטל באַשטיין. זיי זיינען אַרויס פֿון צימער, מאַכנדיק אַ מינע פֿון באַוואונדערונג איינער דעם אַנדערן. די מיידל האָט זיך מיט די דלאָניעס צוגעגלעט די אייבערשטע אָרעמס, ס׳איז געווען קענטיק אַז די יונגען האָבן איר אָנגעמאַכט ביטערע ווייטיקן. אירע בלויע ליילעכער זיינען געווען באַזאַמדיקט אָבער זי האָט זיך ניט געמיט דעם זאַמד אָפּצושאָקלען פֿון זיך.

— זעץ זיך אָטאָ דאָ אָ ביים טיש, מיין קינד, האָב ניט קיין מורא. די בחורים זיינען אַוועק. זאָג מיר ווידער ווי דו הייסט.

— ציזע אריאל׳ס.

— טאַקע פֿון די לאָקשנדרייער פֿון זאַבאָרטשער וואַלד?

— יע.

— דו ווייסט, מ׳באַשולדיקט דאָך די לאָקשנדרייער אין אַ סך האַרבע עבירות. אין באַצווינגען מענער און אין אַוועקהרגענען

מיט אַ חלף דעם וואָס גיט זיי ניט נאָך.

— איך ניט געדערהרגעט. איך יונגע מיידל.

— ווי אַזוי ביסטו אין מיכאַלישעק געקומען?

— איך געזען אידישע קינדער אין וואַלד און געגייט צו זיי. מיין מאַמע אַ שלעכטע. שלאָגט מיר מיט שטעקן, דאָ — —

דער רב האָט זיך וואָרהאַפטיק דערשראָקן אַז זי האָט גענומען אויסוויקלען פון אויבן דעם בלויען ליילעך. ער האָט פאַרשטאַנען אַז אין וואַלד שעמט מען זיך ניט מיטן אייגענעם לייב.

— ניין, מיין קינד, איך גלייב דיר אויפן וואָרט. — און שוין בשעת די רייד, האָט דער רב תופס געווען די זאַך. צום ערשטן מאָל פון זינט ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ מיכאַלישעק, און צום ערשטן מאָל פון זינט וויטאַוטאַס דער גרויסער האָט דאָס לאַנד צוגענומען פאַר ליטע, האָט זיך אַ מיידל פון די לאָקשנדרייער אין זאַבאָרטשער וואַלד פאַרבענקט נאָך אַ יידיש לעבן. דער רב האָט זיך משער געווען אַז די בענקעניש האָט זיך איבערגעגעבן אין זייערע נשמות פון איין דור ביזן ווייטערדיקן. דאָס פינטעלע ייד האָט זיך ניט געלאָזט אינגאַנצן עוקר מן השורש זיין, אַפילו ביי די ווילדע פרויען אין זאַבאָרטשער וואַלד.

דער רב האָט געפרעגט און ציזע לאָקשנדריי האָט געענטפערט. זי האָט אים מיט איינצלהייטן איבערגעגעבן, מיט איר מאָדנעם יידיש, דאָס אַלץ וואָס זי האָט געטראַכט ווען זי האָט דערזען די זיבן קינדער ווי זיי קלייבן די יאַגעדעס. ער האָט איר געגעבן אַ פירוש, אַז די זיבן קינדער זיינען פאַר איר געווען זיבן פענצטער דורך וועלכע עס הייבט זיך אַרויף אויף דער ערד אַ מענטש, וואָס איז פון זיין געבאָרן ווערן אַלע זיינע יאָרן אין אַ טיפער פינצטערער הייל געלעגן.

פון יידישקייט ביי די לאָקשנדרייער איז דער רב געוואָר געוואָרן אַז פון שבת איז ביי זיי פאַר קיינעם ניט געדאַכט קיין שפּור ניט געבליבן. פון טהרת המשפּחה איז דאָך ניט געווען וואָס צו ריידן. פון כשרות אַוודאי ניט, וויבאַלד זיי האָבן, מ׳זאָל זיין אָפּגעהיט, אַפילו עובר געווען אויפן אבר מן החי וואָס איז דאָך פון די בני נח. איידל און מיט קלוגשאַפט האָט זיך דער רב דערנעענטערט צום פרעגן וועגן דעם וואָס מ׳רעדט אַז מ׳עסט ביי זיי טויטע מענטשן. אויף דעם האָט ציזע צום ערשטן מאָל געענטפערט אויף אַ ביסל אַ העכערן קול.

— ליגן, ליגן! ניטע, ניטע! אין ליטוואַנער זומפּ וואַרפן. אין זומפּ! — און דער רב האָט איר געגלייבט אויפן וואָרט. ער האָט ניט איינמאָל געזען ווי אַזוי ביי קהל ווערט פון ווערעם שלאַנגען. זי האָט קדיש געזאָגט אָן אַ גרייז. די אויסשפּראַך איז געווען אַ מאָדנע און דער ניגון איז געווען ניט דער אייגענער נאָר די האַרציקייט און די עכטקייט פון איר נוסח האָבן אים איבער־געצייגט אַז די וואָס זיצט פאַר אים איז לחלוטין ניט קיין שלעכטע נשמה און אַ יידיש־קינד איז זי אַוודאי.

סוף כל סוף האָט ער ביי איר געפרעגט צי זי וויל צוריק אין וואַלד אַוועק. זי האָט גענומען וויינען.

— ניטע! דאָ וויל בלייבן! דאָ!

דער רב האָט אַ לענגערע צייט צוגעשוויגן. ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי מ׳דאַרף דערויף ענטפערן. דאָ איז אים אַרויף אין די מחשבות פּדיון שבויים, אָפּראַטעווען אַ יידישע נשמה, אויסלייזן אַ מיידל פון אַ כאַפּטע מערדערינס אין די וועלדער און איר מאַכן פאַר אַ כשר יידיש־קינד. ער איז געווען זיכער אַז ביי אים און ביי דער רביצין און ביי זייערע קינדער, קען מען דאָס פועלן, ער האָט דערשפּירט אין די רייד פון דער מיידל אַן

אָרנטלעכקייט און אַ תמימות וואָס איז אָפט ניט געווען ביי היינטצייטיקע. און בשעת מעשה האָט אים געטאָרעט אַ זיכערקייט אַז מיט אַזאַ מין מעשה וועט ער דאָס גאַנצע שטעטל שטעלן פאַר די גרעסטע סכנות. וואָס, אין וואַלד דאָרטן וועט זיי איינפאַלן אַז די ציזע איז אַנטלאָפן, געבעטן מ׳זאָל פון איר מאַכן אַ לייט צווישן יידן? און אַפילו אַז יאָ, זיי׳לן גיין דערלאָזן אַז איינע פון די זייעריקע זאָל אויספלאַפלען אַלע סודות פון די לאָקשנדרייער ביי אַן עולם וואו מ׳האָט וועגן וואָס זיך מיט זיי אָפצורעכענען? איר אַוועקשיקן אין אַן אַנדער קהילה ערגעץ ווייט, וועלן דאָך יענע קומען מיטן חלף אינמיטן נאַכט, אים צווינגען ער זאָל אויסזאָגן! צו ווינד און צו וויי, זיי קענען אים נאָך פאַרגוואַלדיקן. זיינע קינדער פאַר משכנות נעמען. ווער ווייס.

אים איז געוואָרן ניט איינגענאַם זיין שווייגן אַזוי לאַנג, און ער האָט מיט אַ ווייכן טאַטעשן קול איר אַ פרעג געטאָן, וואָס זי וואָלט געטאָן ווען זי גייט איצטער אין גאַס. זי האָט געענטפערט אַזוי גיך ווי דער קליגסטער יינגל אין חדר און געזאָגט, זי וועט גיין פון אַ שטוב ביז אַ שטוב, ביז וואַנען מ׳וועט איר ניט אַריינגעמען. ער האָט איר אָפן געפרעגט צי זי האַלט אַז מ׳עט קומען אין שטעטל איר זוכן יענע נאַכט. זי האָט אויפריכטיק געענטפערט אַז זי האָט קיין אַנונג ניט, ווייל אַזאַ מעשה האָט זיך ביי זיי קיינמאָל ניט געטראָפן. קיין שום לאָקשנדרייערין איז קיינמאָל פון וואַלד ניט אַנטלאָפן.

זיי האָבן גערעדט און גערעדט, דער מיכאַלישקער רב, ענטין, פון איין זייט טיש, און די בלוי=באַליילעכטע מיידל, ציזע לאָקשנדריי פון די זאַבאָרטשער לאָקשנדרייער, פון יענער זייט טיש. עס זיינען אַוועק שעהן און די שקיעה האָט דעם הימל אַ כאַפ=אָן געטאָן. די רביצין האָט אַ קלאַפ געטאָן אין טיר און

געבראַכט צו טראָגן אַ טאַץ מיט אַלדאָסגוטס. דער רב האָט מיט ציזעץ געגומען לערנען המוציא.

ג

ס׳איז געווען דאָנערשטיק. דער רב האָט באַשלאָסן אַז דערווײַלע דאַרף די ציזע בלײַבן בײַ זײַ אין שטוב אַ גאַסט, ביז וואַנען מ׳וועט זיך ניט צו קיין אויסוועג דערטראַכטן. גאָט איז אַ פֿאָטער און אַז מ׳זוכט דאַמאָלסט געפֿינט מען. די סכנה אַז פֿון וואַלד וועט מען אינמיטן נאַכט קומען די ציזע אָפּנעמען, אַז מ׳קען נאָך בעת מעשה דאַוויים וואָס אָפּטאָן זײַנע נײַן קינדער, אָט דאָס אַלײן האָט דעם רב אַ לאָך אין האַרצן אויסגעבויערט. שוין יענע נאַכט האָט קהל מסדר געווען אַ כאָפּטע ברייטע יונגען מיט מעסערס און העק, זיי זאָלן דעם גאַנצן מעת־לעת היטן. אַ ריי מיט יידן האָבן הינטער די געזונטע יונגען געהאַלטן לאַמטערנס. האַרט פֿאַר דער טיר זײַנען געשטאַנען דריי קצבים, איטלעכער מיט אַ חלף אין דער האַנט. אַ צווייטע וואַך האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום דער קומסע, אין דער זײַט פֿון זאַבאָרטשער וואַלד.

טויזנט איין נאַכט, האָט מען גערעדט, אַז אַ לאָקשנדרייערין פֿון זאַבאָרטשער וואַלד שטייט איין אַ גאַסט ניט מער און ניט ווייניקער, ביים מיכאַלישקער רב. אין שטאָט איז געוואָרן אַ בהלה. ווער קען וויסן אין וועמען די לאָקשנדרייער וועלן זיך נוקם זײַן? בײַ זײַ וועט דאָך אויסקומען ניט אַנדערש נאָר מ׳האָט צוגענומען מיט גוואַלד זייערע אַ טאָכטער און מ׳האַלט איר אַ פֿאַרשפּאַרטע. אפשר פֿאַלט זײַ גאָר איין אַז מ׳גייט איר קוילענען

פֿאַר די הונדערטער יאָרן מעשׂים רעים וואָס די לאָקשנדרייער טוען אָפּ ביי יידן?

שבתע־נאַכט האָט דער רב צונויפֿגערופֿן אין בית־מדרש אַן אסיפֿה. צו הבדלה האָט ער מכריז געווען אַז די גאַנצע שטאָט דאַרף קומען. פרויען קענען זיך אַוועקזעצן ווי תמיד אין עזרת נשים, און ריידן צו דער זאַך פּונקט ווי די מענער. די גויים האָבן שוין אויך געפֿונען שטאַרק מורא האָבן. וואָס ׳עט זיין אַז אַ לאָקשנדרייערין וועט זיך על פּי טעות אַריינכאַפּן ביי זיי אין אַ כאַטע האַלבע נאַכט מיט אַ חלף? פֿאַר שבת האָט דער גלח דעם רב צו זיך גערופֿן. קאַרגע צוויי שעה האָבן זיי אָפּגעשמועסט ביים גלח אין שטוב, לעבן דעם קלויסטער, אויפֿן הינטערשטן גאַניק וואָס אַקעגן דער ווּיליע. זיי האָבן ביידע געקוקט, איבער דער ווּיליע, אין וועג פֿון זשוקוין, עלעהיי פֿון דאָרטן דאַרף קומען אַ ישועה. דער רב, ענטין, האָט דעם גלח אַ תקיעת כּף געגעבן אַז די זאַך וועט מען מיט גוטן באַלד נאָך שבת דערפֿירן צו אַ גמר. אַז יידן מיט גויים האָבן זעקס הונדערט יאָר אין מיכאַלישעק גוט געלעבט וועט מען גיין איצטער אָנשיקן אויף שכנים אַ פּלאָג? גאָט זאָל אויסהיטן.

באַלד נאָך הבדלה האָט זיך די גאַנצע שטאָט אַריינגערוקט אין בית־מדרש אַריין. ביי די טירן זיינען געשטאַנען די מעסער־יונגען מיט די קצבים. פרויען האָבן געטראָגן אייזערנע טעפּ, די שדיכעס פֿון וואַלד צו דערלאַנגען איבערן קאָפּ טאָמער וועט עמעצער פֿון זיי אַריינפֿליען אין פֿענצטער פֿון עזרת נשים.

זיין שעמען זיך, אַלמאַי פֿאַר קהל ט׳ער קיין עצה ניט געהאַט, האָט דער רב ביי זיך פֿאַרגלעט מיטן טראַכטן: אַז אַלע טאָג פֿון אַ גאַנץ יאָר וואָלט געווען דער בית־מדרש אַזוי געפּאַקט ווי יענעם מוצאי שבת, וואָלט געווען ניט צו פֿאַרזינדיקן. דער רב,

ענטין, אַ מיטליעריקער, מיטלוואוקסיקער ייד מיט אַ שפּיציקער באָרד, שאַטען איז זי געווען, האָט זיך אַוועקגעזעצט פון אויבנאָן, אונטן פאַר דער בימה, מ׳האָט דאָרטן צוגעשטעלט אַ לאַנגן טיש וואו עס זיינען געזעסן פון איין זייט די כלי־קודש, פון דער צווייטער זייט די גרעסטע מלומדים אין שטעטל, בראש מיטן יידן וואָס מ׳האָט גערופן כתריאל־גבריאל תנא. ביי כתריאל־גבריאל׳ן איז געווען אַ פּנים פון דאגות. אַ לעבן ט׳ער אָפּגעגעבן זיין ספר מיט חידושים אין הלכות שבת, נאָר וואָס וויס ער צו אַלדי בייזע רוחות פון וועלדער מיט לאָקשנדרייער. אים האָט זיך אין יענער רגע געגלוסט מערניט איין זאַך, זיין דער פּשוטסטער עמך און זיצן אין דער לעצטער ריי מיט די יידן וואָס גייען איבער די הייזער, די קצבים, די קוימענקערער און די שמערעוואָדניקעם. צום ערשטן מאָל האָט אין דעם יידן געברענט צו זיי אַ קנאה.

אַחוץ דער רביצין, וואָס איז געבליבן מיט ציזע׳ן אין דער היים, און די דריי וואַכן, אַרום דעם רב׳ס שטוב, אַרום דעם בית־מדרש און איבער דער קומסע, איז יעדער מיכאַלישקער געווען אין בית־מדרש. אַז די אסיפה האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, איז קלאָר ווי אַ נייע גלאָז געוואָרן אַז מיכאַלישעק האָט זיך געשפּאָלטן אין צווייען. אין די ביידע מחנות גופא האָבן יד־אחת געמאַכט געלערנטע מיט עם־הארצים, שיינע יידן מיט גראָבע־יונגען, אָפּגעהיטע פרומעלייט מיט אפּיקורסים וואָס זיינען מחלל שבת בפרהסיא. איטלעכער צד האָט זיך אויסגעקליבן אַ ראש המדברים.

דער ערשטער איז געקומען צום פּסוק סענדער דער סופר סת״ם, אַ נידעריקער בייכיקער ייד מיט גאָלדענע האָר און גאָלדענע שפּאַקולן וואָס האָבן אויסגעזען ווי מ׳וואָלט זיי פון איין טייג געקנאָטן מיט די האָר. ער האָט גערעדט אויף אַ הויכן קול.

— רבותי! איך וועל עס מאַכן בקיצור. אונדזערע אבות אבותינו האָבן דאָ אַלע יסורים אויסגעשטאַנען פון די מכשפות אין זאַבאָרטשער וואַלד. אומשולדיקע בחורים און שלאַפע זקנים האָט מעט געשענדט. ווער ס׳האָט זיך ניט געלאָזט האָט מען געשאָכטן ווי אַ בהמה! געשאָכטן ווי אַ בהמה מיט אָט אַזאַ מין חלף! — און דער עולם האָט מיט שרעק געגאַפט אַז ער האָט אַרויסגענומען פון אַ קאַסטן, צוגעגרייט פון פריער אויף דער פּאַדלאָגע לעבן שטענדער, אַ חלף וואָס דער שוחט האָט אים אַוועקגעגעבן אויף אָפּצושרעקן קהל ביי דער אסיפה, מ׳זאָל ניט אָפּטאָן קיין נאַרישקייטן. — ניט שמייסן און ניט שיסן. הרגענען אַוודאי ניט. די מיידל דאַרף מען די רגע צופירן אין וואַלד! אין וואַלד אַריין! גיי שווים אַראָפּ אונטערן ים און נעם אַרויס פון דאָרטן אַ וואַלפיש און פיר עס אָפּ אין מיכאַלישעק. אין ים לעבט דער וואַלפיש. אַן עבירה אים אַרויסנעמען פון דאָרטן. מ׳דאַרף נאָך היינט ביינאַכט די יונגע מכשפה צופירן אין וואַלד און זאָל דער אייבערשטער נאָר געבן מ׳זאָל פון די וויסטע מכשפות מער ניט הערן און מער ניט זען דאָ אין מיכאַלישעק. אמן! — און אַ האַלבער עולם האָט אים נאָכגעזאָגט בפה אחד: אמן!

דער רב האָט גענומען קלאַפּן מיטן פויסטל אין טיש און אויפגערופן דעם צווייטן ראש המדברים, זלמן־לוי דעם ישיבה בחור, אַזוי׳ט מען אים גערופן. ער איז געווען אַ דראָטיקער יונגערמאַן מיט צו לאַנגע אָרעמס. גערעדט האָט ער צו דער זאַך נאָר זיין קול איז געווען אַ יינגלשער, אַ ניט־דערבאַקענער.

— רבותי! מיכאַלישעק איז מיכאַלישעק און סדום איז סדום! אַז אַ יידישע מיידל איז אַוועק פון אַ כאָפּטע מיט מרשעתטעס אין וואַלד, און וויל אויף זיך נעמען דעם יאָך פון תורה מיט מצוות, זי וויל זיך שפּילן מיט אַנדערע מיידלעך, רבונו של עולם,

די גאַנצע מיידל איז דאָך קיין דרייצן יאָר נאָך ניטאָ, זי איז דאָך קיין עבירות קעגן קיינעם פון אונדז ניט באַגאַנגען און דאָך בעט זי מחילה פאַר די מעשים פון איר משפחה. אַפילו ווען זי וואָלט אַליין באַגאַנגען עבירות וואָלט מען איר געמוזט על־פּי דין מוחל זיין. דער רמב״ם רעדט דאָך קלאָרע דיבורים אין הלכות תשובה, אַז טאָמער וויל ניט אַ מענטש אָננעמען, אַז אַ בעל־תשובה בעט מחילה, ברענגט מען דריי מענטשן, זיי זאָלן איבערצייגן דעם וואָס מ׳האָט באַעוולט, ער זאָל דעם בעל־תשובה מוחל זיין. איז ער ניט מוחל ברענגט מען נאָכאַמאָל דריי מענטשן. נעמט ער ווידער ניט אָן איז ע ר דער חוטא און ניט דער וואָס האָט לכתחילה אָפּגעטאָן די עבירה. אַז קהל ׳עט די מיידל אין וואַלד אָפּפירן איז אַ סברא אַז מ׳וועט איר דאָרטן נאָך קוילענען. יידן, הערט אויס מיט קאָפּ! דאָס איז אַלץ דעם רבונו של עולמ׳ס אַ נסיון. אויף מיין ערן — —

ווייטער איז ער ניט דערגאַנגען. די מחמירים האָבן גענומען אויסשרייען וואָס אין דער קאָרט:

— זאָל ער מיט איר חתונה האָבן, דער גרויסער צדיק, און אַוועק מיט איר לעבן אין פּאָלאָצק!

— אַדרבא! נאָר צו וואָס אין פּאָלאָצק? ער קען דאָך מיט איר אַוועק אין זאַבאָרטשער וואַלד אָטאָ דאָ אָ! אַוואָס דאַרף מען פּאָלאָצק אַז דאָ אי׳ דאָך דאָ זאַבאָרטש!

— וואָס ׳טער זאָגן אַז מ׳עט שעכטן מיט אַ חלף אַ יידן! וועגן דעריין שווייגט ער, דער תנא־ברא!

— מ׳עט גאָר מאַכן מיט די מכשפות אַן אויסטויש. ז י ׳ ע ט בלייבן ביים רב דאָ אין מיכאַלישעק און ע ר ׳ ע ט אַוועק צו די לאָקשנדרייער אין וואַלד און אָנמאַכן ביי זיי אַ פּאָר מנינים מיט קינדער. אין וואַלד ׳עט ער מעביר זיין די סדרה און אין וואַלד

ט׳ער לערנען די גמרא! אין וואַלד!

אין בית־מדרש איז געוואָרן אַ קלאַפּעניש מיט אַ דולעניש, אַ גרילצנדיקע תקיעה גדולה. דער רב האָט איין זאַך נאָר געבעטן ביים עולם, מ׳זאָל יעדן לאָזן אַראָפּריידן זיך פון האַרצן. עס האָט אים קיין זאַך ניט געהאָלפן. מ׳האָט גערעדט און געשריען אַלע אויפּאַמאָל. איידער וואָס ווען איז געווען נאָך חצות. פון די הינטערשטע רייען האָט זיך אַ הייב געטאָן אַ יונגערמאַנטשיק, אַ דאַר בחורל מיט ריזיקע אויערן וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון קאָפּ ווי ביי אַ העלפאַנט. אין בית־מדרש איז געוואָרן ווי צו שמונה עשרה. דאָס איז געווען בענטקע אהרן־וועלוול׳ס, דער קונדס, דעם גביר׳ס אַ זון וואָס האָט דעם טאַטן מיט דער גאַנצער משפּחה שיינע יידן פאַרשעמט מיט זיינע שטיק.

מ׳האָט אַלע צוגעקוקט, ווי האָט עס אַ העזה דער לץ בענטקע אהרן־וועלוול׳ס אַרויף צום אויבנאָן ביי אַן אסיפה אין בית־מדרש. דאָס איז דער בחור וואָס האָט די באָרד פונעם מלמד צוגעקלעפּט צום טיש אַז יענער האָט געכאַפּט נאָך מנחה אַ דרעמל. דער בחור וואָס האָט געוואוסט ווי מ׳שניידט אינמיטן נאַכט אַ שויב אַז ניט מ׳זאָל הערן, ניט מ׳זאָל זען די שפּאַלטן, נאָר מאָרגן ביים אָנבייסן, ווערט עס צעשמעטערט ווי פון זיך אַליין אויף הונדערט שטיק. דער סוף איז געווען, אַז ס׳איז געשטאָרבן לאָזער דער בעקער, האָט זיך אין דריי טעג אַרום באַוויזן פאַר דער אלמנה אַ שד מיט אַ ווייסן ליילעך וואָס האָט איר געזאָגט: „דאָס בין איך, לאָזער! איך בין צוריק אין דער היים! אויפן בית־עולם איז קאַלט, אַ שרעק!״ די אלמנה האָט אַלץ געגלייבט מחמת דער שד האָט גערעדט פון דברים שבצנעא צווישן מאַן און ווייב. זי׳ט ניט געוואוסט אַז דער בענטקע האָט זיך אונטערגעהערט ביים פענצטער ביינאַכט די גאַנצע וואָך פון

דער גסיסה. זי האָט גענומען רעווען און גראַגערן. אינמיטן נאַכט איז זי אַוועק צום רב. פּאַסירט האָט די מעשה מיט אַ וואָך פֿריער נאָר פֿון זינט ציזע לאָקשנדריי איז אין אַ קלאָרן דאָנערשטיק אָנגעקומען אין שטאָט האָט מען אין אַלע אַנדערע מעשיות פֿאַרגעסן. דער רב האָט באַלד פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז בענטקע אהרן־וועלוול׳ס, דער „שד“. דאָסמאָל האָט דער טאַטע ניט געקענט איבערטראָגן די שאַנדע און צומאָרגנס ט׳ער דעם ליץ זיינעם אין ווילנע געקויפט אַ בילעט אויף אַמעריקע, וואו עס האָט זיך שוין געפֿונען אַן עלטערער זון, הירשקע. „זאָל אַמעריקע פֿון אים אויסליידן, ניט מיכאַלישעק“, ט׳ער געזאָגט, און דער רב האָט זיך דערפֿרייט אַז סוף כל סוף ווערט מען פֿון דעם בענטקע׳ן פּטור.

אין דריי טעג אַרום האָט זיך בענטקע געדאַרפֿט לאָזן אין וועג אַריין. טאָ וואָס איז ער דאָ געקומען דרשענען אין בית־מדרש? מ׳האָט געמיינט אַז ער גייט גאָר אָפּטאָן נאָך אַ שפּיצל. כאָטש ער איז געווען יינגער מיט אַ פּאָר יאָר פֿאַרן ישיבה בחור, האָט ער גערעדט מיטן קול פֿון אַ דורכגעטריבענעם חברהמאַן.

— יידן, מיט קאָפּ הערט אויס! מיט קאָפּ! דאָס רעדט צו אייך בענדע אהרן־וועלוול׳ס. אַ מאַן האָט זיך פֿון קבר אויפֿגעכאַפּט ריידן אַ פּאָר ווערטער מיט דער אלמנה און פֿאַר דעריין איז בענדע אויכעט שולדיק. אין אַלצדינג איז בענדע שולדיק. אַ נס וואָס מ׳האָט אויף מיר ניט אַרויפֿגעוואָרפֿן די מעשה מיט דער לאָקשנדרייערין. איך מיט מיינע חברים, מיר זיינען דאָרטן געווען אין וואַלד אַ פּולע מאָל, ניטאָ וואָס מורא צו האָבן. ניט אין דעם גייט עס. איך פֿאָר אָפּעט אין אַמעריקע. דאָרטן וועל איך ווערן אַ גביר גרעסער פֿאַרן טאַטן, איכ׳ל אייך אַלעמען שיקן פּעקלעך פֿון אַמעריקע. נאָר דערווייַלע איז אָט וואָס: ביי אייך איז ביטערע

צרות. שיקט איר די ציזע צוריק אין וואַלד אַריין זיינט איר מערדער, ווער וויס וואָס מ׳עט איר דאָרטן אָפּטאָן. בלייבט זי דאָ אָדער אַפילו אַנדערשטוואו, ׳לן די מכשפות שוין טרעפן. פאַרלאָזט זיך אויף מיר, אַ מכשפה טרעפט שוין! נאָר אין אַמעריקע וועלן זיי ניט זוכן. אין דריי טעג אַרומעט פאָר איך אָפּ צום ברודער הירשקע אין נעוו־האַוון. טאָמער ווילט איר, וועל איך אייך טאָן אַ טובה און מיטנעמען די מיידל, איר דאָרטן ווי ניט איז איינאָרדענען. דער טאַטע דאַרף נאָר צאָלן דעם בילעט און די נייטאָרין ׳עט איר אויסקליידן ווי אַ מענטש. איכ׳ל ניט אַרויף אויף קיין שיף מיט קיין בלויען לייעך. — —

מער ט׳ער ניט גערעדט. יעדערער האָט זיך פאַרמאָסטן דעם יונגנמאַן, וואָס אַלע האָבן אָקערשט פיינט געהאַט ווי אַ שפּין, אָפּצוגעבן יישר־כח וואָס שענער און וואָס בעסער. גאָט איז אַ פאָטער. מ׳ווערט פּטור פון בענטקע אהרן־ווועלוול׳ס מיט ציזע לאָקשנדריי אינאיינעם! חנוכה מיט פּורים אין איין טאָג! וואָס דער אייבערשטער קען!

— די הענט דאַרף מען עם אויסקושן!

— אַ מעדאַל! אַ מעדאַל!

— פּיפּקע פון זיי אַלעמען געמאַכט! פּיפּקע פון אַלעמען מיטן ישיבה בחור פאַר אַ צולאָג!

גאַנצע דריי טעג האָבן מיכאַלישקער ציזע לאָקשנדריי׳ען צוגעטראָגן וואָליקעס, זאָקן, שיך, קייטעלעך, בראָנזעלעטן. ווי אַ בת מלכה האָט מען איר אויסגעשטאַט. די בלאַטע יונגען וואָס האָבן די וואַכן איינגעאָרדנט האָבן דעם וואָגן מיט בענטקע׳ן און ציזע׳ן באַגלייט ביז צו דער אייזנבאַן אין סווינציאַנקע, אַ צען וויאָרסט הינטער סווינציאַן.

און דאָס אַלץ וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן מיט די לאָקשנדרייער

אין גאַנג פון די דורות, דאָס אַלץ איז אויפגעשריבן געוואָרן אינעם גרויסן פּנקס וואָס אין מיכאַלישקער בית־מדרש. און אָט דעם פּרק האָט צוגעשריבן מיט אַלע פּרטים און פּרטי פּרטים אַפּראָימאָרע דער סופר. און דאָס אַלץ וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין אַמעריקע מיט בענטקע אהרן־וועלוול׳ס, ער׳ט זיך דאָרטן גערופן באַרני גובערסקי, און מיט ציזע לאָקשנדריי, איר׳ט מען דאָרטן גערופן שילאַ לאַקוואוד, דאָס אַלץ איז אַן אַנדער מעשה.

# דער פלאַכער שפּיץ

# דער פלאַכער שפּיץ

אין אַ לינדן ערב יום־כיפּור, האָט זיך דער בין־השמשות פּלוצלונג געשטעלט מיט עטלעכע שעה פריער ווי אַלעמאָל. אין אַ קיילעכדיקער מינוט האָט אַ פון־ערגעץ־ניט־געקומענער וואָיענדיקער ווינט געגומען טרייבן אַ גאַלאָפּירנדיקן גוס רעגן וואָס איז געווען ניט־פון־דער־וועלט. וואַסערדיקע שפּיזן זיינען געפלויגן אין דער ברייט ווי פיילן. אַז דער עולם איז צו כל־נדרי אָנגעקומען אין סווירער בית־מדרש, האָט מען גערעדט אַז דאָס איז ניט קיין רעגן, נאָר אַ פאַרכטצומער סימן פונעם רבונו של עולמ׳ס גרימצאָרן אויף סוויר.

די כלי־קודש, וואָס זיינען אין בית־מדרש געזעסן נאָך פון פאַרן רעגן, און האָבן אינעם „חדר שני" די סעודה המפסקת אָפּגעפּראַוועט, זיינען געווען פונקט אַזוי פאַרציטערט ווי דער אויסגענעצטער עולם וואָס האָט זיך ביסלעכווייז גענומען אַריינרוקן אין שול. סיי די סיי די האָבן געקוקט אין הויכן פענצטער און געזען ניט אַנדערש, דער ווינט שעפּט וואַסער פון דער סווירער אָזערע אונטן — סווירער האָבן עם אָנגערופן „דער טייך" — און טוט שלאָגן דעם סווירער באַרג וואָס אויבן. אין הויכן אלכסונדיקן דאַך פון בית־מדרש האָבן די וואַסער קלעפּ אויסגעקלאַפּט אַ הימלדיקע „בישיבה של מעלה" אייביק־לאַנגע

מינוטן פאַר דעם ווי דער חזן האָט דערביי געהאַלטן.

ביי ליצנים מחוצפים האָבן זיך די אויגן אויסגעקיילעכט מיט בעל־תשובהדיקער תמימות. ביי גבירים גרויסהאַלטער האָט זיך באַוויזן אַ הכנעהדיק פּנים. ווייבער מיט אַרויסשטאַרצנדיקע פֿאַרפֿרעסטע ליפּן האָבן די טייטש־מחזורים צוגעטוליעט צו דער ברוסט ווי פֿאַנצערס צום געוויטער. חיים־מאיר וואָס גייט איבער די הייזער האָט כמעט בלחש אונטערגעברומט, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל:

> חן זאָל מען אַלע אויף יענער וועלט האָבן
> ווי היינט איז קיין חן אויף דער וועלט ניטאָ.

בלויז דער סווירער רב ר׳ בנימין־מלך, אַ קליינינקער ייד מיט אַ ברייטער, פּירקאַנטיקער ווייסער באָרד און קרומע גרשיים־פּיסלעך איז רואיק געזעסן אויבנאָן. ער האָט די קאָפּ מיט אימפּעט געשאָקלט, פֿאָראויס און אויף הינטערווייַלעכץ, מיטן קליפּ־קלאַפּ פֿון אַ פּסחדיקן „און איינער איז דאָך גאָט״, גאָרניט יום־כּיפּורדיק. ביי די ווינקלעך פֿון די דינע ליפּן האָט זיך אָנגעזעצן אַ מין שמייכל. דעם רב׳ס אויסטערלישע זענפטיקייט האָט קהל נאָך מער אומרואיק געמאַכט, עלעהיי דער גשם הגשמים גופא וואָלט אַ שפּיצל זיין וואָס ער, סווירער רב, האָט אָפּגעטאָן, קהל זאָל וויסן אַז אין סוויר איז דאָ אַ רב און אין די הויכע היכלות אַ גאָט.

ר׳ בנימין־מלך האָט זיך דערמאָנט אין דעם אַז דער „עץ חיים״ ברענגט פֿונעם אר״י הקדוש די נפקא־מינה פֿון אַ שד ביז אַלדאָס איבעריקע. אין אַלדאָס איבעריקע, אין יעדן דומם, צומח, חי און מדבר, ווערן צונויפֿגעפּלאָכטן און אויסגעמישט אַלע פֿיר

יסודות: פייער, ווינט, וואַסער און שטויב, אויף אַזויפל אַז קיין איינער פון די יסודות איז ניט צום דערקענען, ס׳איז אַלץ גוף אחד, בשעת ווען ביי די שדים איז דער חומר נאָר פון פייער מיט לופט, מחמת דעם זעט מען זיי ניט, להיפּוך צו די גשמיותן אויף דער וועלט וואָס מ׳זעט מיט די אויגן. און די צורה פון יעדן שד איז די צורה פון אַן אַנדער יסוד. די וואָס זייער צורה איז די צורה פון פייער, שטעקן אין פייער. פון ווינט, שטעקן אין ווינט. פון וואַסער, שטעקן אין וואַסער. און פון שטויב, שטעקן אין שטויב. עד כאן, האָט בנימין־מלך ביי זיך געטראַכט, אר״י הקדוש. דער רב האָט דעם וואַסערדיקן געוויטער אָנגעקוקט אין פענצטער, און דעם שטומען עולם ט׳ער באַטראַכט, אין בית־מדרש. ביי אים איז געווען אַ פּשיטא, אַז דאָס איז ניט אַנדערש נאָר די אַרבעט פון אַ שד וואָס איז איינגעשפּאַנט אינעם אייבערשטנ׳ס געשפּאַן, אַ שד וואָס איז געקומען מיט אַזאַ מין שליחות וואָס עס פלעגן אַמאָל אויספירן גוטע מלאכים, דאַמאָלסט ווען דער בית־המקדש איז אויפן הר הבית געשטאַנען און קיין שנאת חינם האָט דעם עולם נאָך ניט אָנגעכאַפּט.

דער עלטסטער בית־מדרש ייד, ער איז אויך געווען מזכיר ביים רב, איז געווען בער־זאַנע לאָם, אַזוי׳ט מען אים גערופן פון זינט די בחורשע יאָרן ווען ער פלעגט אַרומגיין מיט אַ לאָם קעגן ניטגוטע. ער האָט דעם רב אָנגעקוקט און איז מיט שטילע, שקאַרפּעטענע טריט צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, ער זאָל דעם רב אין די מחשבות ניט מפסיק זיין. פונדעסטוועגן האָט בער־זאַנע מיטן בלויזן צוגיין דעם רב געגעבן צו פאַרשטיין אויפן וואונק, אַז ער איז אויסן דער רב זאָל אים באַשיידן די טואונג פון דער העכערער האַנט, אַ טואונג וואָס סווירער האָבן זינט דאַמאָלסט פאַרגעדענקט אינעם ווערטל

„מיט אַ רציחה פון כל־נדרי". דעם רב האָט באַנג געטאָן וואָס די פּרוכפּערדיקע מחשבות דאַרף ער איבעררייסן. דער אַלטער בער־זאַנע זאָל שטיין און אַליין זאָל ער ווייטער שאָקלען וואָלט געווען פּחיתות הכבוד. ער האָט גענומען ריידן, און בשעת מעשה ביי זיך אָפּגעמאַכט אַז אין שמועס וועט ער די רעיונות דערפירן צו אַ גמר.

— ר' בער־זאַנע! פון אַ גוס רעגן גייט מען ניט אויסעט! אַפילו אַזאַ רעגן ווי היינט. נאָר וואָס דען, פון אַלצדינג וואָס איז שטאַרק יוצא דופן שרעקט מען זיך איבער. וואַסערן פליען פון טייך אין באַרג אַריין. זאָגן אַז דאָס האָט צו יום־כיפּור איז דאָך וואַסער איז נאַס. ניט דאָס איז די קשיא. צו וואָס האָט דער אייבערשטער געשיקט גראַדע היינט, און ניט, כ'וויס, פאַראַיאָרן יום־כיפּור אָדער איבעראַיאָר תשעה־באב? אָ' דאָס איז די קשיא!

— איז פאַרוואָס טאַקע, ר' בנימין־מלך?

— פאַרוואָס פאַרוואָס. סתם אָנשרעקן קהל צו יום־כיפּור איז דעם רבונו של עולם קיין עסק ניט. ביי די גויים און ביי אונדזערע פּראָסטאַקעס גייט אַלץ אַריין אין תחום פון „אַזוי האָט זיך געטראָפן און שוין". ביי ווילנער אפּיקורסים רופט מען עס אָנעט „אַ צופאַל".

— וואָס קען אין דעם שטעקן, ר' בנימין־מלך?

— איר געדענקט דאָך דעם בייזן סיכסוך צווישן קיווע־דן אונטערשמש מיט וועלפקע אפּיקורס, די ערשטע טעג אין תמוז.

— פאַרוואָס זאָל איך ניט געדענקען? ס'האָט דאָך געקלונגען אין שטאָט מיט דער מעשה.

— נו, קוקט זיי אָנעט. אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר גייען זיי גלייך ווי אַ סטרונע, מיט שפּאַנען פון גראַפן און שפּרייזן פון פּרינצן. איינער טראָגט דאָך גאָט אין קעשענע. דער צווייטער

סטאַרעט זיך טראָגן די סטרא אחרא אין קעשענע נאָר עס גייט אים ניט. ער איז נאָך בחורווייז קאַליע געוואָרן דאַמאָלסט אַז בערקע אפּיקורס איז געווען אויף קעסט אין מיכאַלישעק. איר ווייסט דאָך וואָס בערקע אפּיקורס האָט אָפּגעטאָן?

— ניין, רבי. דאָס איז דער וואָס איז אַוועק צו די משכילים אין ווילנע?

— זאָלט איר מיר געזונט זיין, ווער דען זאָל דאָס זיין? גאָט און לייט אויף צו להכעיס פלעגט ער אויסשטיין שמונה עשרה מיט אָפּגעזונדערטע פּיס. פון אים האָט דאָס אונדזער וועלפקע אָפּגעלערנט. לכאורה פון די קליינע עבירות, נאָר די קליינע עבירות וואָס ס׳טוט אָפּ אַ ייד וואָס ס׳גייט אים אין לעבן אַ מומר להכעיס זיין, פאַלן גלייך אויף אַן אָרט אַריינעט אין עבירה גוררת עבירה.

— איז וואָס איז געדרונגען?

— געדרונגען איז אָט וואָס: אין די היכלות רעכנט זיך הונדערט יאָר קיין רגע אויכעט ניט. אין יענעם טאָג ווען בערקע אפּיקורס האָט וועלפקע׳ן, אַז ער איז געווען אַ יונגערמאַן, פאַרדרייט די קאָפּ ער זאָל זיך נעמען פאַר אפּיקורסות, האָט מען עס פאַרשריבן אינעם ספר הזכרון אין הימל. און דער סיכסוך וועלפקע׳ס מיט אונדזער צדיק יותר מדי, קיווע־דן, ס׳דאָך געווען אַ חילול השם פון די ביידע צדדים, די גויים האָבן געהאַט וואָס אָפּצולאַכן, איז פאַרשטייט זיך אויך פאַרשריבן געוואָרן אין הימל. און איצטער, זעט איר, נאַט אייך, מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, האַרט פאַר כל־נדרי, האָט דער אייבערשטער זיינעם אַ שד אָנגעשיקט אַריינצוטאָן אַ טראָפּעלע עניוות ביי זייביידן. איי וואָס קהל האָט זיך דערוויילע איבערגעשראָקן, ס׳וועט קיינעם גאָרניט שאַטן, פאַרקערט, קוקט, מ׳בעט שוין מחילה איינער

ביים אַנדערן ריכטיק, ניט סתם פון יוצא װעגן. — — — איך גיי שלום מאַכן צווישן זיי ביידן. שטייט אָטאָ דאָ אָ און קוקט זיך צו. אַז זיי װעלן זיך איבערבעטן, זאָלט איר דעם חזן געבן אַ סימן.

דער אַלטער בער־זאַנע האָט מיט די ביידע הענט אויסגע־פּרעסט די לאַנגע צוויישפּיציקע באָרד וואָס איז געבליבן שוואַרץ ווי די קוילן. ער איז געווען מבושם און האָט ביי זיך געשפּירט, מכף רגל ועד ראש, אַ וואַרעמקייט מיט אַ דערהייבונג וואָס דער רב האָט אים דעם סוד פון גרויסן רעגן פאַרטרויט. ער האָט צוגעקוקט אין ווייטן ווינקל און דערזען ווי אַזוי דער רב האָט געריעדט צוערשט מיט וועלפקע׳ן, און באַלד אויף אַן אָרט מיט קיווע־דנ׳ען. די רייד האָט ער פון ווייטן ניט דערהערט, נאָר לויט די העוויות האָט ער באַנומען אַז דער רב האָט ביידן איינגענומען. אַוועק אַ רגע, האָבן זיך די שונאים אַרומגענומען און צעקושט. קיין „יישר כח״ װעט מען פאַר כל־נדרי ניט גיין אויסשרייען, נאָר יעדער סווירער האָט אָפּגעאָטעמט מיט אַ גרויסן זיפץ. אַלע האָבן רק געקוקט אויפן רב און די שונאים וואָס האָבן, גאָט׳ס נסים, זיך צעקושט. אַז מ׳האָט מיט אַ קאַרגער מינוט שפּעטער געקוקט אין הויכן פענצטער, איז דער רעגן געווען שוין סתם אַן אָסיענדיקער רעגן, אַ רעגן פון־דער־װעלט וואָס האָט זיך שוין געגאָסן פון אויבן אַראָפּ כדרך הגשמים.

— שמשון הגיבור נאָכן אָפּשערן! — האָט אויסגעשריען אַ זקנה פון עזרת נשים, אָנטייטנדיק מיטן פינגער אויפן פענצטער.

די וואַסערפייגל האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן מיט דער פולער פּראַכט. זיי האָבן געמאַכט וואָסאַמאָל גיכערע קאַראַהאָדן איבערן טייך אונטן, מיאַוקענדיק ווי ים־קעץ. צווישן דעם באַרג מיטן טייך האָט זיך די כל־נדרידיקע שקיעה געשפּילט אין שאָטנס פון באַרג און פון פייגל.

## ב

דער סווירער רבּ האָט זיך נאָך יום־כּיפּור פֿאַר די בני בית אויסגעפּיינט מיט דעם וואָס ער איז געווען אַ שותּף מיטן רבונו של עולם, שלום געמאַכט ביי די דם־שונאים, קיווע־דן אונטערשמש און וועלפֿקע אפּיקורס.

קיווע־דן אונטערשמש האָט מען גערופֿן „דער פֿרומער טראָפּ״. ער איז געווען אַ קליינער, ביינערדיקער ייִד מיט ברוינע אויגן, אַ גרויסן פּליך און אַ לאַנגער שיטערער באָרד וואָס האָט אויסגעזען וויים אָדער געל, וויאַמאָל. ביי אים איז כּמעט ווי ניט געווען קיין ברעמען, די ווייסלעכע ברעמען־הערעלעך האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער ווייסלעכער הויט. דעם צונאָמען האָט ער זיך יונגערהייט פֿאַרדינט דערמיט וואָס ער פֿלעגט אַ קוש טאָן יעדע מזוזה, אין אַ שטאָט וואו מ׳קושט ניט כּסדר. אַז אים האָט אַ מחשבה זרה געשטערט ביים דאַוונען, האָט ער ווידער אָפּגעדאַוונט ביחידות, אַז אַלע זיינען שוין אַוועק. די ווייב זיינע, ראַדע ט׳מען איר גערופֿן, זי איז געווען אַ פֿאַרשיין און ער׳ט איר ליב געהאַט מיט אַ שטאַרקער ליבשאַפֿט, האָט ער אָפּגעגט איבער אַן עוולה, אים האָט געדאַכט אַז זי האָט אים ניט איינמאָל געזאָגט אַז זי איז געווען אין מקווה אַז זי איז ניט געווען. ראַדע האָט זיך נאָכן גט פֿאַרסמט מיט עסיק. קיווע־דן טראָפּ האָט אַ נייע כּלה גענומען, אַ רונדע ווי אַ פֿעסל און אַ מיאוסע, סימע ט׳מען איר גערופֿן, זי האָט אים באַלד געבאָרן אַ טעכטערל. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז זי דאַרף הייסן ראַדע, אַ נאָמען נאָך דער ערשטער פֿרוי. קיין שלום בית איז פֿון דאַמאָלסט און ווייטער שוין ניט געווען.

וועלפקע אפּיקורס, פֿאַרקערט, איז געווען אַ הויכער, דיקלעכער ייד מיט שוואַרץ־גרויע האָר און אַ פּיצינקן, פֿאָרזיכטיק געשאָרענעם קמץ־בערדל וואָס האָט אויסגעזען ווי צוויי פֿאַסיקלעך וואָס מ׳האָט אָנגעריסעוועט אויפֿן פּעטלעכן פּנים פֿונעם גוואַלדאָווּנעם מאַנסביל. ער איז געגאַנגען מיט פֿאַנסנע. בחורווייז האָט ער געאַרבעט ביי יידן וואַלד סוחרים הינטער מיכאַלישעק. איינגעשטאַנען איז ער דאַמאָלסט ביים באַלעבאָס, וואָס האָט געוואוינט האַרט לעבן מיכאַלישקער מאַרק. יעדן אינדערפֿרי האָט מען אים מיט די פּויערים אָפּגעפֿירט צו דער אַרבעט. מ׳איז אַרויף מיטן וואָגן אויפֿן פּראָם, אַריבער דער ווילִיע און אַוועק אויף לינקס אויפֿן קאַמעלישקער וועג. אין זשוקוין איז מען ווידער אַוועק אויף לינקס, און אַריבער אַן אוראַלטער הילצערנער בריק. מ׳איז געפֿאָרן ביזן סאַראָטשער באַרג וואָס ביים ברעג ווילִיע פֿון יענער זייט. פֿון סאַראָטשער באַרג האָט מען די קלעצער, וואָס מ׳האָט אויף די וועגענער אַ סך מאָל אין טאָג צוגעטראָגן, אַראָפּגעקייקלט אין דער ווילִיע אַריין, דאָרטן האָבן אייזערנע פּויערים מיט הויכע שטיוול און אַ האַמער אין דער האַנט די קלעצער באַלד צונויפֿגעקלאַפּט אין פּליטן. פֿאַרנאַכט האָט מען זיך געלאָזט אין וועג אַריין אויף דער ווילִיע, קיין ווילנע, אויף פּליטן צוגעטשעפּעטע איינער צום אַנדערן מיט שטריק.

וועלפקע האָט זיך ניט איבערגעאַרבעט און איז אין ערגעץ ניט געפֿאָרן. אַ גאַנצן טאָג איז ער געזעסן ליידיק, געהיט ווי די פּויערים קלאַפּן טשוועקעס אין קלעצער און מאַכן פּליטן. זיין אַרבעט איז געווען, ער האָט געדאַרפֿט „כאַפּן" אַ קלאָץ וואָס שווימט אַוועק. דערויף האָט ער געהאַט צוויי „כאַפּערס", שטעקנס מיט אייזערנע העטלעך צום סוף, וואָס מיט זיי איז ער

אַריינגעלאָפֿן אין טייך, אויסגענעצט געוואָרן און אַ כאַפּ געטאָן דעם אַנטלויפֿנדיקן קלאָץ. די פֿויערשע אַרבעטער האָבן וואויל געוואוסט אַז מ׳דאַרף דעם בחור מיט די כאַפּערס אויף קלאָגן, נאָר וואָדען, דער באַלעבאָס שטעלט אים אָן ער זאָל היטן, יענע זאָלן זיך ניט אונטערפֿוילן, זאָלן קיין גניבֿות ניט אָפּטאָן.

זיצנדיק אַזוי, ליידיק, ביים ברעג ווילִיע אונטערן סאַראָטשער באַרג, ביי די דריי שטיינערנע טרעפּלעך וואָס האָבן אַראָפּגע־פֿירט אין טייך אַריין, איז צום יונגנמאַן אָפּטמאָל צוגעגאַנגען בערקע אפּיקורס, און גענומען ריידן מיט אים אַז אין ווילנע, פֿון וואַנען ער איז אַריינגעפֿאָרן אויף קעסט ביים מיכאַלישקער שווער, איז דאָ ליכטיקע מאָדערנע יידן, „אויפֿגעקלערטע״, וואָס ציטערן ניט איבער יעדער זאַך און וואָס לערנען זיך אָן מיט „ווּיסנשאַפֿט״ לויטן שכל הישר. בערקע מיכאַלישקער, וואָס האָט זיך שפּעטער קונה שם געווען אַלס מחבר פֿון לשון־קודשדיקע שירים אין ווילנע, האָט דעם צונאָמען „אפּיקורס״ טאַקע פֿאַרדינט דערמיט וואָס ער פֿלעגט אויף צעפּלאַצעניש אויסשטיין שמונה עשרה, „שאַמענעסרע״ ט׳מען געזאָגט, ניט אַנדערש נאָר מיט אָפּגעזונדערטע פּיס.

וועלפֿקע׳ס ייִנגלשע באַגעגענישן מיט בערקע אפּיקורס זיינען אים געבליבן פֿריש אויפֿן זכרון. נאָך אַ יידן אַזאַ ט׳ער שוין ווייטער ניט געטראָפֿן. יאָרן שפּעטער האָט ער ביי זיך אין סוויר גענומען אויסשטיין שמונה עשרה מיט אָפּגעזונדערטע פּיס. מיכאַלישעק האָט „בערקע אפּיקורס״ אָנגעוואָרן, ער איז אַוועק אין ווילנע. סוויר האָט „וועלפֿקע אפּיקורס״ צוגעוואונען.

איבער גאָט אַליין איז שוין תמיד געווען מחלוקת צווישן דעם דאַרן, קליינעם פֿרומאַק מיטן דיקן, הויכן אפּיקורס. סווירער האָבן אָבער וואויל באַנומען אַז אָט אַזאַ מין שנאה וואָס איז צווישן זיי

ביידן, נעמט זיך ניט גלאַט אַזוי, ניט פון אַן אויפגעקלערטן וואָס פאַרגינט ניט קיין כניאָק, און ניט פון אַ פרומען יידן וואָס פאַרגינט ניט קיין צולהכעיסניק. מ׳האָט גערעדט אַז בחורוויז האָבן זיי זיך איינגעליבט אין דער זעלביקער מיידל, טעמע ישראלקע׳ס. ישראלקע איז געווען אַ ייד אַ גביר, אַ קירזשנער, ער האָט געהאַנדלט מיט אויסלאַנד. אין איינעם אַ דינסטיק האָט דער קירזשנער צוגערופן די טאָכטער, געבעטן ביי איר זי זאָל אויפמישן אין נ״ך מיט עברי־טייטש אין מלכים א, צו דער מעשה מיט אליהו הנביא און די נביאי הבעל. ישראלקע קירזשנער האָט געבעטן ביי טעמע׳ן זי זאָל לייענען אויף אַ קול וואָס עס שטייט געשריבן אין פרק י״ח, פסוק כ״א, געקענט האָט ער עס פון דער הפטורה „כי תשא״.

— פאַרוואָס זאָל איך לייענען אין דער הייך, טאַטע?

— אַז דער טאַטע הייסט איז נאָך ניט גענוג?

— נו, גוט. — און זי׳ט אין פסוק אַריינגעקוקט און פאַמעלעך געלייענט. — „ויגש אליהו האָט גנעהנט אליהו צו גאָר דעם פאָלק ויאמר אונ האָט גזאָגט צוא זיי עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים ביז וויא לאַנג וועט איר שפרינגן אַף דיא צוויי מחשבות דאָס איר פר שטייט ניט צו מכריע זיין ווער עס איז איין גאָט אם ה׳ האלהים אוב גאָט איז איין גאָט לכו אחריו גייט נאָך עם ואם הבעל אוב די אָפּ גאָט בעל איז איין גאָט גייט נאָך עם״ — — נו?

— וואָס „נו״? — האָט אַ בייזער געטאָן דער טאַטע, וועלכער איז ווייטער געגאַנגען מיט דער פּאָרציע וואָס איז געווען אַ צוגעגרייטע זאַך פון פריער. — אָדער וועלפקע אָדער קיווע־דן! די מינוט זאָג און נאָך היינט ׳עט מען שרייבן תנאים. היינט! מער׳ט מען אין סוויר ניט באַריידן די „טעמע מיט די צוויי בחורים״!

— טאַטע! וועלכע טעמע מיט די צוויי בחורים? אָטאָ די רגע באַשליסן?

— וואָדען, נאָך שבועות!

— וועלפקע! ער׳ז אַ הויכינקער! אַ שיינינקער!

— אַ געזונט דיר אין די ביינער, טעמקע! צו ירוחם סופר גיי איך שוין איצטער, מ׳עט אָפּשרייבן תנאים און זאָל זיין צו געזונט. מאַלע וואָס, מיטן טאַטן פון זייביידן האָב איך שוין גערעדט. דיין טאַטע איז ניט קיין נאַר!

— איך האָב דיר ליב, טאַטע!

— און איך האָב דיר פיינט, מיין קינד? — און ישראלקע האָט די טאָכטער זיינע אַרומגענומען מיט גרוים ליבשאַפט.

ראשי פּרקים האָט מען פּאַרנאַכט געחתמעט, און די זאַך האָט זיך גענומען אין וועג אַריין. די טעמע האָט פאַר די חברטאָרינס אויסגעפּלאַפּלט די מעשה, ווי אַזוי דער טאַטע האָט איר אויפגעמישט דעם טייטש־נ״ך, געהייסן זי זאָל לייענען אין דער הייך די רייד פון אליהו הנביא׳ן. דעם אייגענעם טאָג, אַז וועלפקע האָט מיט טעמע׳ן חתונה געהאַט, האָט קיווע־דן „נוקם געווען״, ער׳ט חתונה געהאַט מיט דער יפהפיה ראַדע, די שטעטלשע שיינהייט, וועלכע האָט אויף גאָט׳ס בורר אין סוויר סיי ווי סיי אַ גניבהש אויג געהאַלטן נאָך פון לאַנג.

קיווע־דנ׳ס נקמה האָט אים קיין גליק ניט געבראַכט. ביים סאַמע באַהעפטן זיך מיט זיין פרוי, האָט ער זיך נאָר פאָרגע־שטעלט אין דמיון ווי אַזוי טעמע, ביי זיך אין בעט מיטן מאַן, מיט זיין שונא וועלפקע׳ן, האָט חרטה אויף איר ענטפער אויף אליהו הנביא׳ס פראַגע; ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַזוי זי זעט אין א י ר דמיון אַז לעבן איר איז דאָ ניט קיין אַנדערער — קיווע־דן.

די יאָרן האָבן גענומען לויפן מיט אימפּעט. ביי וועלפקע׳ן האָט מען אַלע יאָר אַ ברית געפּראַוועט, קיין איין מיידל איז אים ניט געבאָרן געוואָרן. ביי קיווע־דנ׳ען זיינען געווען מערניט צוויי קינדער, אַ זון מיט אַ טאָכטער. דערנאָך איז געווען די מעשה מיט די שגעונדיקע טענות צו ראַדע׳ן אַז זי נאַרט אָפּעט דעם מאַן אין טהרת המשפחה, דער גט, ראַדע׳ס פאַרסמען זיך מיט עסיק, די צווייטע חופּה און די קריגערייען אַלמאַי ער׳ט די בכורטע ביי דער צווייטער ווייב אַ נאָמען געגעבן: ראַדע. פון אונטערשמשות האָט ער קאַם אויף חיונה פאַרדינט.

וועלפקע פאַרקערט האָט אין פריידן געלעבט. ער איז געווען אַ האָפּערדיקער, אַ פריילעכער. ער האָט אויסגעדונגען שיפעלעך ביים ברעג פון סווירער אָזערע — „דער טייך״, און די זומערדיקע טעג ט׳ער פאַרבראַכט ביים וואַסער, פּונקט ווי בחורווייז ביי דער ווילי̇ע אונטערן סאַראָטשער באַרג הינטער זשוקוין. די ווייב זיינע, טעמע, אין שטאָט ט׳מען איר גערופן „די פּיקעיריסטע״, האָט געהאַלטן אַ קרעמל וואו זי האָט ווינטערצייט פאַרקויפט וואָליקעס, הענטשקעס, מאַנטלען. די וואַרעמע חדשים האָט ער זיך אָנגעאַרבעט ביים וואַסער. די קאַלטע חדשים האָט זי זיך אין קרעמל אָנגעהאָרעוועט. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר „שותפים״.

בעת דעם צונאָמען „אפּיקורס״ האָט מען באַנומען סתם, אָדער אַפילו מיט אַ וואוילערישן שמייכל, האָט זיך דער „אונטערשמש״ צוגעקלעפּט צו קיווע־דנ׳ען עלעהיי מ׳וואָלט אים אַ גאַנץ לעבן אָנגערופן „שיק־יינגל״ אָדער „ניט־דערבאַקענער״. און דאָס איז אויכעט געווען מיטן מידת הרחמים. מער פון אַלץ האָט מען דעם יידן וואָס עסט ניט איבער אַ שאלה אַפילו אַז דער רב פּסקנט אַז מ׳מעג, אָנגערופן ניט אַנדערש: דער פרומער טראָפּ. ער׳ט שוין מורא געהאַט זיצן אין דער היים, די ווייב האָט

אָפּט געשלאָגן דאָס טעכטערל ראַדקע, ווען זי האָט פּיינט געהאַט. אין איר אומשולדיקן פּנים האָט זי געזען נאָר און בלויז ווי עס קוקט צו איר אַרויס מיט קללות און חרמות דעם מאַנ׳ס ערשטע ווייב ראַדע, צי פֿון גן־עדן צי פֿונעם קבר ביים פּאַרקן אויפֿן סווירער בית־עולם. דיביידע קינדער פֿון דער ערשטער ווייב האָבן די שטיפֿמוטער אָנגערופֿן „די רונדע מכשפֿהלע״.

ג

עטלעכע מאָל אין יאָר האָט זיך קיווע־דן אונטערשמש געסטאַרעט צוריידן דעם רב, ער זאָל ווערלפּקע אפּיקורס רופֿן אויף אַ דין־תורה אַלמאַי ער שטייט אויס שמונה עשרה מיט אָפּגעזונדערטע פּיס, איז חוטא ומחטיא. דער רב ט׳אים אַלעמאָל אָפּגעפּטרט מיט דער אייגענער תשובה:

— לעבן זאָלט איר, ר׳ קיווע־דן! דערווייַלע האָט ער נאָך קיינעם ניט פֿאַרפּירט! נאָך פֿאַר דער עבירה ווילט איר אים שטראָפֿן! שנאת חינם, אונטערשמש, איז אַ גרעסערע עבירה! קען מען דאָך טייטשן פֿאַרקערט: פֿון זינט ס׳איז אים אַריין אין קאָפּ די משוגעת מיט די פּיס איז די גאַנצע שטאָט נאָכמער מקפּיד די עמידה אויסצושטיין מיט די פּיס צוזאַמען. איז איינמאָל אַוועק. און וואָס, ס׳גייט דאָך אַריין אין חשבון ניט בין אדם לחבירו, נאָר בין אדם למקום. אים שיקן אַ הזמנה, דאָס איז סתם שנאת חינם. איר הערט, ר׳ עקיבא־דן? און צו די אַלע זיבן זאַכן איז דאָ ניטאָ קיין בית־דין. אין סווינציאַן איז דאָ אַ בית־דין! לאָמיר בעסער דאַווענען מיט כוונה, אויף אַזויפֿל אַז מ׳ווייס גאָרניט וואָס עס טוט זיך ביי יענעם! לאָזט אָפּ דעם יידן! דיינו!

ווסיאָ!

קיווע־דן איז אין גאַס אַרויס. ער איז געבליבן שטיין אויף אַ רגע לעבן בית־מדרש, און האָט אונטערגעהערט ווי עס ריידן צוויי בית־מדרש ייִדן.

— האָס׳ ני׳ געהערט ווי דער רב ט׳עם אַריינגעזאָגט? לכאורה דאַוונט ער אַליין ניט מיט קאַ׳ איבעריקער כוונה, אַניט וואָלט ער זיך ניט אַריינגעטאָן אין אַנדערע פּיס! און היינט די רייד וועגן שנאת חינם! ניט איבער די פּיס נאָר איבער דער מעשה מיט טעמע ישראלקע׳ס גייט ער עם אָנלאָדן! דאָס ליגט עם אַפּן קאָפּ נאָך די אַלע יאָר! זאָכנאַזוויי! אַ פיינער אונטער־שמש!

קיווע־דנ׳ס שטילע שנאה צום ר ב האָט ביסלעכווייז אָנגעיאָגט דעם האַס צו וועלפקע׳ן. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אַז דער רב האָט א י ם פיינט שנאת מות, מיט אַ פיינטשאַפט וואָס איז בחינם שבחינם, והראיה — אַז איצע־מיכל שמש איז צו די ניין און נײַנציק נפטר געוואָרן, האָט דער רב געשטעלט אַן אַנדער שמש און אים, קיווע־דנ׳ען, פאַרן אייביקן אונטערשמש געהאַלטן. פונעם גנאָד פון די בעלי־בתים האָט גענאָסן מערניט דער שמש. איינמאָל אין אַ יובל זיינען שיריים פון שיריים דעם אונטערשמש געבליבן.

אָנגעזאַמלטע רוגזא מוז סוף כל סוף אַ פּלאַץ טאָן. אין אַ הייסן טאָג אין די ערשטע טעג אין תמוז, אין יאָר פון גרויסן יום־כיפּורדיקן געוויטער, זיינען חדר־ייִנגלעך געלאָפן צום ברעג פון „דעם טייך" — סווירער אָזערע, זיי האָבן זיך געשפּילט אין „ים־שטיינדלעך". וועלפקע איז געשטאַנען דערלעבן און האָט זיך געפּאָרעט מיט זיינע שיפעלעך. דערהערט ווי די ייִנגלעך ריידן פון סמבטיון, ירושלים עיר הקודש און גן־עדן, האָט זיי וועלפקע

אויפגעקלערט אַז די דריי זאַכן זיינען גאָרניט געגליכן מחמת סמבטיון מיט גן־עדן זיינען בנמצא אין די ספרים, בעת ירושלים איז אַ שטאָט אין ארץ ישראל וואו עס לעבן נאָך אַ ביסל יידן.

אין סוויר זיינען קיין סודות ניט פאַראַן געווען. וועלפּקע׳ם רייד זיינען צו קיווע־דנ׳ען דערגאַנגען. ער איז געלאָפן צום רב, צום ערשטן מאָל מיט אַ שפּאָגל־נייער קריוודע. דער רב, בנימין־מלך, האָט אים געענטפערט לויט זיין שטייגער.

— אונטערשמש־לעבן! זאָלט איר געזונט זיין! אין די ספרים איז טאַקע דאָ וועגן סמבטיון און גן־עדן. און אַז יענער האָט די קינדער געגעבן צו וויסן אַז ירושלים איז היינט אַ שטאָט אין ארץ ישראל וואו עס לעבן אַ ביסל יידן, איז וואָס איז די גאַנצע עבירה? מחלוקת דאַרף מען אויסמיידן! אויסמיידן!

קיווע־דן איז האַסטיק אַוועק. דעם רב׳ס ענטפער האָט אים אַ ווילדן כעס אָנגעטאָן. ער׳ט זיך משער געווען אַז דער סמך־מם האָט געמאַכט יד־אחת, מיטן אפּיקורס בפרהסיא און מיטן סווירער רב בסתר.

אויף מאָרגן איז צו וועלפּקע׳ן דערגאַנגען קיווע־דנ׳ס שמועס מיטן רב. ס׳האָט אין אים געברענט אַ תאווה דעם „פרומען טראָפּ" אויפצוברענגען, אים דערפירן צו אַן אש־להבהדיקן כעס מיט וועלכן ער וועט זיך אַליין באַגראָבן. אַז ער האָט זיך געפּאָרעט ביי די שיפעלעך און ווידער אונטערגעהערט ווי די יינגלעך שפּילן זיך, האָט ער דערהערט אַז דער רבי׳ט מיט זיי געלערנט, אַז דער סווירער באַרג, דער משונה־הויכער באַרג וואָס שפּראָצט אַרויס פון סאַמע מיטן שטאָט, איז איבער־געבליבן פון די הרי אררט וואו נח׳ס תיבה איז געקומען צו רו, אַז „דער טייך" איז איבערגעבליבן פון מבול ווי גאָט׳ס אַ סימן לנצח נצחים.

וועלפקע פלעגט פֿאָרן עטלעכע מאָל אין יאָר קיין ווילנע, ער איז דאָרטן איינגעשטאַנען ביי בערקע אפּיקורס׳ס זון אין ווילנע (בערקע איז שוין לאַנג געווען אויפֿן משכּילישן הימל). ביי אים האָט וועלפּקע געהערט אַז סווירער באַרג האָבן אויפֿגעשטעלט נאַפּאָלעאָנ׳ס חיילות פֿון מלחמה וועגן, זיי זאָלן קענען אַראָפּ־שיסן אויף די רוסישע סאָלדאַטן אַרום און אַרום, זיי זאָלן קענען זען ווי ווייט נאָר אַ ווייט־גלאָז וועט באַווייזן. שוין לאַנג וואָס וועלפקע האָט זיך פֿון ווילנע אומגעקערט מיט אַ רוסישן בוך איבער נאַפּאָלעאָנ׳ס מלחמה אויף רוסלאַנד וואו ס׳איז געווען אויפֿגעשריבן די גאַנצע מעשה מיטן סווירער באַרג. אין בוך זיינען געווען פּראַכטפֿולע האָלצשניטן וואָס האָבן באַוויזן ווי אַזוי סאָלדאַטן טראָגן ערד מיט שטיינער עמערוויז און שטעלן אויף דעם באַרג. וועלפקע האָט די חדר־יינגלעך אַ זאָג געטאָן:

— דער רבי אייערער רעדט אין דער וועלט אַריין! דעם באַרג האָט נאַפּאָלעאָן געמאַכט! נאַפּאָלעאָן ט׳איר ניט געהערט? אַ פֿראַנצייזישער מלך, ער איז דאָ געווען אַז ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט רוסלאַנד, אַן ערך מיט הונדערט יאָר צוריק. נאַפּאָלעאָן און ניט קיין נח! סוויר און ניט קיין אררט! ס׳אַ נפקא־מינה! כ׳ל דאָ מאָרגן צוטראָגן דעם בוך מיט די בילדער, ט׳איר אַליין זען! נאַפּאָלעאָן! נאַפּאָלעאָן!

אַז די נייסטע „פּראָוואָקאַציע” איז יענע נאַכט נאָך מעריב דערגאַנגען, האָט זיך קיווע־דן אָפּגעטעמט. געוואַרט און זיך דערוואַרט. דעם אפּיקורס געפּאַקט! חדר־יינגלעך אָנגעזאָגט אַז דער רבי רעדט אין דער וועלט אַריין. אַ פֿיינע מעשה! קינדער לתרבות רעה פֿאַרפֿירט. זיי געבראַכט „ראיות” פֿון אַ פּאַסקוד־נעם גויאישקן בוך!

קיווע־דן איז געלאָפֿן צום רב אין שטוב. שוין ביים אָנקוקן

דעם אומגעריכטן גאַסט האָט דער רב באַנומען אַז יענער איז ווידער געקומען אים דערגיין די יאָרן וועגן דעם אפּיקורס.

— נו? — האָט דער רב קאַלטבלוטיק דעם אונטערשמש אויפגענומען.

קיווע־דן האָט אַלצדינג אויסדערציילט מיטן נצחון פון אַן אויסשפּירער וואָס ברענגט סודות המלכות פון שונא: חדר־יינגלעך, באַרג, נאַפּאָלעאָן, די רייד וועגן רבין. דער רב האָט הין און צוריק געשפּאַנט, קלערנדיק פון איין זאַך מערניט, ווי מ׳פּטרט אָפּ דעם נודניק.

— אונטערשמש טייערער! איר זיינט צו דעם אַלעמען אַן עדות? אַן עד ראיה?

— ניין, ביי זאַלמע דעם בעקער געהערט, זיין יינגעלע — —

— געזונט זאָלט איר זיין! חמיץ אי׳ דאָס! חמיץ! איר הערט? דער זעלבער וועלפקע ׳עט א י י ך נאָך רופן אויף אַ דין־תורה וואָס איר זיינט אויף אים מוציא שם רע! דער בעקער איז דאָך אויך ניט קיין עדות, ער׳ט געהערט ביי זיין יינגעלע, אַ קטן. ער ווייס דאָך אַליין וואו עס וואוינט דער סווירער רב! ער ווייס אַליין! דער בעקער ווייס! אַ גוטע נאַכט, אונטערשמש! אַ גוטן!

— אַ גוטע נאַכט, — האָט קיווע־דן געענטפערט מיט אַ פּיפּס פון אַ געשלאָגענעם הונט, און איז מיט געאיילטע טריט אין גאַס אַרויס.

ד

צומאָרגנס, אַז דער קליינער אונטערשמש האָט דעם הויכן וועלפקע׳ן אינמיטן שטאָט דערזען אויפן גאַס, האָט ער זיך ניט

געקענט איינהאַלטן. ער איז צו אים צוגעגאַנגען און אים אָנגענומען פאַר דער פּאָלע:

— אַ פינצטערער יאָר אויף דיר! אין גיהנום 'עסטע ברענען! אַז אונדזער מלמד האָט מיט די קינדערלעך געלערנט וועגן באַרג, האָט ער געלערנט. קומט דער פּושע ישראל וועלוועלע אפּיקורס און לערנט תורה פון אַ גויאישקן שמעיפער! דיר מיטן שמעיפער אינאיינעם 'עט מען אין גיהנום בראָטן! בראָטן!

— אָ־האָ־אָ! — האָט זיך וועלפּקע אָפּגערופן, מיט ביטול און ניט מיט קיין כעס, — דער אייביקער אונטערשמש האַלט זיך שוין פאַרן שטאָט דיין! וואָ־האָ! אַז טעמע וואָלט מיט דיר החתונה געהאַט וואָלטסטו קיין מלחמות מיט מיר ניט געפירט! האָסט עס מיר קיינמאָל ניט מוחל געווען און אָט קומסטו מיט דיין פרומאַקישן צבועטסווע זיך אויספּיינען פאַר אַ גאַנצן צדיק. ביסט גאָר אַ קטלן! האָסט דיין ראַדע'ן אַוועקגעהרגעט! און איצטער הרגעסטו אַוועק די נייע ווייב! הורג! דו ביסט אַ הורג! דיר קומט — —

וועלפּקע האָט זיין תוכחה ניט באַוויזן פאַרענדיקן, מחמת דער קליינער אונטערשמש האָט אים אָפּגעלאָזן די פּאָלע און גענומען שלאָגן מיט אַ שטעקעלע וואָס ער האָט אויפגעהויבן פון דר'ערד. וועלפּקע האָט פון די קלעפּלעך געמאַכט אַ פּירוש:

— אַז איר זיינט פון גאָט'ס סטראָפּטשעס האַלט עס אין הימל שמאָל! איר זיינט אַ וויסטער אונטערשמש! אַן עם־הארץ דאורייתא! יידן! — האָט ער זיך אומגעדרייט צום געזעמל וואָס האָט זיך שוין צונויפגעקליבן אויף די לופטענע גאַס, ביים ראָג פיש־געסל, פּונקט אינמיטן שטאָט, — יידן! קוקט אים נאָר אָנעט, גאָט'ס אונטערשמש דרשנט אין סוויר מיט כעלמער חכמה! קוקט אים אָנעט!

דער קליינער קיווע⸗דן איז געוואָרן נאָך מער ווילד, ער׳ט וועלפּקע׳ן די באָרד אַ צי געטאָן מיט אַלע כוחות, אַז ער׳ט דערזען דעם זיבעטן הימל און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פאַר גרויס ווייטיק. ער האָט אַ ריס געטאָן ביים אונטערשמש די באָרד און מ׳האָט זיך גענומען שלאָגן וואָס שלאָגן קען זיין.

פון שטיבלעך און פון געסלעך, האָבן זיך אַ שאָט אַרויס געגעבן מענטשן, יידן מיט גויים. מ׳האָט זיך געקייקלט פאַר געלעכטער, איינער דעם אַנדערן מיט ליבע⸗קלעפּ געשלאָגן, אַלץ פון ווייסטן בייזוואונדער. איבערן גאַנצן טומל האָט מען ביי די בעלי⸗מלחמה גופא געהערט מערניט צוויי ווערטער:

— טראָפּ!

— טרייפניאַק!

— ט—ר—אָ—פּ!

— ט—ר—יי—פ—נ—י—אַ—ק!

ה

נאָכן גרויסן געשלעג, האָבן די בני⸗פּלוגתא איינער דעם אַנדערן ווי אַ קלעפּיקע חולאת אויסגעמיטן. מער איז דער אונטערשמש דעם רב ניט דערגאַנגען די יאָרן. אין גאַנצן געגנט האָט געקלונגען מיט דער מעשה פונעם געשלעג, מ׳האָט דערציילט און מגזם געווען און ס׳איז געווען וואָס צו לאַכן. און פאַר כל⸗נדרי, צום טאַקט פונעם פּאָרכטצומען, אימהדיקן רעגן, האָט דער רב ר׳ בנימין⸗מלך שלום געמאַכט.

די פרייד פונעם רב, אַז דער רבונו של עולם האָט צוגעשיקט די וואַסערדיקע זאַווערוכע צו כל⸗נדרי, בכדי ער זאָל קענען

שלום מאַכן צווישן צוויי דם־שונאים וואָס אין שטאָט, איז געווען אין לשער. גאַנץ סוויר האָט נאָכדעם גענומען קוקן אויפן רב, ר׳ בנימין־מלך סווירסקי, מיט אַנדערע אויגן. ער איז געווען אַ בעל־מופת.

נאָך יום־כיפור האָט מען געזען ווי קיווע־דן אונטערשמש מיט וועלפקע אפיקורס גייען צוזאַמען אויף לאַנגע שפּאַצירן אין וואַלד. זיי זיינען געוואָרן אַ האַרץ מיט אַ בוזעם קעשענע. אָט דאָס האָט נאָר געקענט אויפטאָן אַ ריכטיקער שליח פונעם אייבערשטן. דעם רב איז צוגעקומען אַ געזונט. ער איז געגאַנגען כמעט גלייך און מיט פלינקע טריט, גאָרניט דער זקן וואָס געווען. נאָר ביינאַכט, פאַרן לייגן זיך אין בעט שלאָפן, פלעגט אים די רביצין וואָרענען אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק.

— יאָמע, די כלה איז צו שיין. פון אַזאַ שנאה, ס׳איז דאָך פאַר אַלעמען אין די אויגן געקומען צו וויסטע קלעפּ, ביז אויף אַזויפל פּאַניבראַט, ס׳איז — — משיח איז קיין סוויר פאָרט נאָך ניט געקומען. — —

דער רב האָט זיך פאַר דער ווייב אויסגעגליכן, ניט קוקנדיק וואָס די קרומע פּיס האָבן אים שטאַרק ווי געטאָן אַז ער האָט זיי אינגאַנצן אויסגעגליכן. ער האָט געקוקט אַביסל איבער איר קאָפּ דורך אַן אייבערשטן שייבל, און געענטפערט מיט רבנישן סטאַזש:

— לעיקע־לעבן! אַז בנימין־מלך סווירסקי מאַכט שלום, נאָך בשותפות מיטן רבונא דעלמא, — דעם גרויסן רעגן האָט דאָך דער אייבערשטער געבראַכט, ניט איך — איז דאָס שוין איינמאָל אַ שלום! וואָס זוכסטו קלאָגן?

עטלעכע טעג נאָך די יום־טובים, שפּעטלעך אין אַ קאַלטער, שטערנלאָזער נאַכט, ס׳האָט זיך געשטעלט דער ערשטער

פּראָסט, האָט די רביצין געגעבן צו וויסן דעם רב אַז עס זיינען געקומען מיט אים ריידן קיווע־דן מיט וועלפּקע — — אינאיינעם. מיט האָפּערדיקע טריט איז דער רב געלאָפן זיי מקבל פּנים זיין ביי דער טיר. ער האָט זיי צוגעפירט צו זיך אין ביבליאָטעק. די רביצין האָט די אומגעריכטע געסט דערלאַנגט פיר־שפּיציקע סווירער בייגל און שטאַרקע טיי. אַוועקגעגאַנגען עטלעכע מינוט רייד פון עניני דיומא, האָט דער רב פאַרשטאַנען אַז מ׳איז אים געקומען אָפּדאַנקען, נאָר וואָס, די אַמאָליקע שונאים פעלט לשון. איז ער אַליין אַריין אינעם ענין.

— רבותי! וואו שלום דאָרטן איז ברכה! עסט! טרינקט! זאָל זיין צו געזונט!

— אמן! — האָבן בקול אחד געענטפערט די אַמאָליקע שונאים.

ביי דעם מזומן איז אַוועק אַ פריקרע מינוט פאַרשטומטקייט. וועלפּקע, שאָקלענדיק הין און צוריק אין אַלטן פּאָטעל — קיין פרומער שאָקל וואָס ביים דאַווענען צי ביים לערנען איז עס פאָרט ניט געווען — האָט גענומען מאַכן מיט די ליפּן נאָר קיין קול איז ביי אים ניט אַרויס. דער רב האָט זיי אַ זאָג געטאָן, אַז ער גייט הייצן דעם האָליץ אויוון. ער האָט אַריינגעטאָן שייטלעך וואָס זיינען געלעגן אָן אַ זייט, זיי קונציק געשטעלט צווישן די קלעצער וואָס זיינען פון פריער געווען אין אויוון. דאָס דינסטע שייטעלע האָט ער אָנגעצונדן מיט אַ גיכן מאַך מיט דער האַנט, דאָס שוועבעלע מיט שוואונג אַ וואָרף געטאָן אין אויוון אַריין, און גיך פאַרמאַכט די צוויי גלעזערנע טירן, אַלץ מיט די העוויות פון אַ פעלדשער ביים שטעלן אַ באַנקע באַלד נאָכן אָנצינדן דאָס פּאַלקעלע.

אַז אין האָליץ אויוון האָט שוין געראַשט און געשאָרכעט,

האָט וועלפקע געגומען רײדן.

— רבי! רב אונדזערער! פאַר אונדזער שטאָט איז קיין סוד ניט אַז שוין אַ סך יאָר וואָס מיר פירן זיך בײדע אויף ניט יידיש. צו כל־נדרי, אַז ס׳איז געגאַנגען דער גרויסער רעגן, האָט איר שלום געמאַכט. מעומקא דליבא זאָגן מיר אייך: יישר כח. פון זינט דאַמאָלסט, במשך פון די יום־טובים, האָבן מיר גענומען גוט מאַכן די אָנגעווערענע יאָרן. מיר זיינען דערגאַנגען, פאַר קיינעם ׳עט דאָס קיין חידוש ניט זיין, אַז די מחלוקת האָט זיך אָנגעהויבן אַז דער שווער עליו השלום האָט מיין פרוי, מיידלוויז, נו, אַלע קענען דאָך די מעשה מיט אליהו הנביא׳ס פראַגע, אַזוי צו זאָגן. פון זינט דאַמאָלסט איז געווען שנאת חינם. דאָס פאַרשטייען מיר בײדע. פון אַ שנאת חינם איז געוואָרן אַ מחלוקת איבער פרומקייט. וואָדען, איך וויים ניט אַז אין שטאָט רופט מען מיר „דער אפיקורס״ אַלמאַי איך שטיי אוים שמונה עשרה לויטן מנהג פון דוב־בער מיכאַלישקער עליו השלום? אים האָט מען דאָך אין ווילנע אָנגערופן וואָס אין דער קאָרט און ער׳ט פאָרט עולה לגדולה געווען. צו קלעפּ איז עס בעוונותינו געקומען, איר ווייסט דאָך, אין תמוז, אַז כ׳האָב געאַרבעט ביי מיינע שיפלעך ביים טייך און כ׳האָב דערהערט ביי די חדר־יינגלעך די מעשה פון דער באָבע טאָלצע אַז אונדזער באַרג איז אַ נשאר פון נח׳ן. לעת עתה זיינען מיר פריינט בר־פלוגתאס וואָס אונדזער מחלוקת, אין זכות פון אייער שלום מאַכן, רבי, איז בפירוש געוואָרן אַ מחלוקת לשם שמים. נו, אין וואָס האַנדלט זיך, ר׳ בנימין־מלך, ס׳האַנדלט זיך אינעם — — סווירער באַרג. וואָס יידענעס דערציילן פונעם פאַקנטרעגער׳ס ביכלעך איז אַראָפּ פון מאַרק. מיט קינדער דאַרף מען לערנען תורה און ניט קיין באָבע מעשיות. אַקיצור, די זאַך פון דעם איז אָט וואָס: מיר זיינען

געקומען לאָדן זיך און מיר גיבן ביידע אַ וואָרט אַז מיר וועלן האַלטן א י י ע ר פּסק פּאַר אַ גערעכטן — —

— ניטאָ וואָס צו לאָדן זיך! — האָט אים קורץ און שאַרף אָפּגעהאַקט דער רב, באַלד ווי ער׳ט וועלפּקע׳ן געכאַפּט, אַז ער אָטעמט אָפּ אויף אַ כל־שהוא פון אַ רגע. — ע ר — האָט דער רב די קאָפּ אַ שאַרפן דריי געטאָן צום שטומען אונטערשמש וואָס איז בנעימות געזעסן אַ גליקלעכער — מעג אַפילו האַלטן אַז דער באַרג שטייט פון ששת ימי בראשית, און א י ר — האָט ער זיך אומגעדרייט צו וועלפּקע׳ן — איר מעגט האַלטן אַז ער איז אַפילו היינט אויכעט ניט פאַראַן. זאָל קיין ערגערע צרות ביי יידן ניט זיין! ניטאָ וואָס צו לאָדן זיך! ניט דערפאַר רופט מען צו אַ דין־תורה!

— זייט מוחל, רב, — האָט תיכף אָפּגעענטפערט וועלפּקע, מיט אַזאַ סטאַטעטשנעם קול וואָס מ׳טרעפט נאָר ביי אפּיקורסים — אַז ביידע זיינען מסכים אָננעמען באהבה אייער פּסק — —

זאָלט איר געזונט זיין! — האָט בנימין־מלך סווירסקי אַ שאָס אוים געטאָן ווי זיין שטייגער איז געווען אַז ער׳ט זיך געבייזערט — אין הלכות דיינים אין חושן משפּט שטייט געשריבן בפירוש, שוין אין סימן א׳, אַז דאָ אין גלות קען אַ רב פּסקענען אַ דין־תורה נאָר אין דיני הודאות והלוואות, כתובות, ירושות, מתנות און מזיק ממון חבירו. וואו קיין פאַרלוסט אין געלט איז ניטאָ, קען פּסקענען נאָר אַ רב אַ מומחה מיט סמיכה פון ארץ ישראל. פון ארץ ישראל! צום טערק ׳עט איר מוזן אַוועקפאָרן, צום טערק!

אוים דרך ארץ צום רב האָט זיך וועלפּקע אַ רגע איינגע־האַלטן. אַז ער׳ט גענומען ריידן, ט׳ער גערעדט מיט גאָר אַן אַנדער שטימע, אַ קול פון אַן אַלטן רב אַ בר־סמכא וואָס פאַר

זיין וואָרט דאַרף מען ציטערן.

— זייט מוחל, ר׳ בנימין־מלך, ביים סוף פון זעלביקן סימן שטייט דאָך קלאָר, דאַכט זיך סעיף כ״ב, אַז המבייש בדברים גייט אַריינעט אין תחום פון די היינטיקע דין־תורהס דאָ אין גלות, ס׳שטייט אַז דעם וואָס מ׳האָט באַליידיקט דאַרף מען צאָלן כראוי מ׳זאָל אים מפייס זיין. לויט מיין חבר קיווע־דן, קומט אויס אַז איך האָב אומיושרדיק באַליידיקט זוסמאַן דעם מלמד דערמיט וואָס איך האָב אים אויסגעלאַכט בפרהסיא אַלמאַי ער׳ט געקנעלט אַז דער סווירער באַרג איז אַן איבערגעבליבענער פון גרויסן מבול. אויבע, נאָכן אויסהערן די ראיות, וועט דער רב פסקענען אַז איך האָב ניט קיין רעכט, וועל איך אים אויסצאָלן ביזן לעצטן שיפל.

דעם רב איז אין גאָרגל אַרויף אַ מיגלדיקע הייסע פליסיקייט. ער האָט זיך געשפּירט ווי אַ וואַלד־חיהלע אין אַ פויערשער פאַסטקע. ס׳איז אים אַריין אין קאָפּ פאַרשידענע געדאַנקען. אַן עם־הארץ קען דאָך קיין אפּיקורס ניט זיין. דער וועלפּקע האָט אַמאָל גאָר געלערנט אין ווילנער קלויז ישן ביי אַלטע רבנים, ער׳ט זיך געחברט מיט אַ פּרוש פון גאונ׳ס קלויז. אָטאָ דער כיטרער אפּיקורס האָט אין זיין שפּינוועב פאַרפלאָכטן דעם אַלטן שונא, דעם תמעוואַטן אונטערשמש, אַ פּתי. דעם אונטערשמש איז אַ מחיה וואָס ער, דער רב, וואָס האָט צום אונטערשמש קיין דרך ארץ ניט געהאַט, פאַלט אַריין טיפער און טיפער ביים זעלביקן אפּיקורס קעגן ווען ער, „דער פרומער טראָפּ״, שטורעמט שוין אַ שאָק מיט יאָרן.

דעם רב האָט אָפּגענומען דאָס לשון. ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות די פאַרשאָלטענע געסט זאָלן ניט באַמערקן. ער האָט זיך איינס און צוויי אומגעדרייט צו די פאַכן וואָס זיינען געשטאַנען הינטער אים, און האָט אַרויסגענומען איין ריזיקן ספר

נאָכן אַנדערן. דאָ אַ שיטה מקובצת, דאָ אַ מהרי״ק. דאָ דער רמב״ם, דאָ דער אלפס. אַלץ ט׳ער אַוועקגעלייגט אויפן טיש, דאָ אויפגעמישט און דאָרטן אויפגעמישט, ווי ער וואָלט עפּעס זוכן אַ געוויסן בלאַט. ער האָט וואויל פאַרשטאַנען אַז טאָמער וועט ער די זאַך אָפּלייגן, וועט גאַנץ סוויר וויסן אַז דער רב קומט ניט צום אפיקורס אין תורה. דעם לעצטן ספר וואָס ער האָט אַראָפּגענומען, אַ שאלות־ותשובות פונעם חתם סופר, האָט ער פאַמעלינקעם פאַרמאַכט און זיינע געסט אַ זאָג געטאָן:

— רבותי! אויב אַזאַ מין זאַך איז פּאָרט שייך צו אַ דין־תורה, דאַרפט איר אַוועק אין ס ו ו י נ צ י אַ ן. דאָרטן איז דאָ אַ בית־דין מיט דריי דיינים. איין רב קען ביי אַזאַ מין ענין קיין זאַך ניט מאַכן.

ער האָט ניט געוואוסט אַז אויף אַזאַ תירוץ האָט וועלפקע אַרויסגעקוקט. דאָסמאָל האָט וועלפקע ניט צוגעוואַרט, ער׳ט אַ שפּרונג געטאָן ווי אַ כיטרע קאַץ וואָס האָט לאַנג געשפּילט מיט אַ פליגל און וואָס איז סוף כל סוף גרייט אויפן פלוצעמדיקן טויט־שפּרונג.

— זייט מוחל, ר׳ בנימין־מלך, דער רב געדענקט דאָך אַוודאי אַז אין סימן ג׳, דאָרטן גופא אין הלכות דיינים, דאַכט זיך אַז סעיף ב׳, שטייט דאָך: „אלא אם כן קבלום בעלי־דינים״, אַז די בעלי־דינים נעמען אָן דעם פּסק, איז ער גילטיק, זאָל זיין ביי אַן איינאיינציקן רב. אמת, אַז דאָרטן גייט דאָך די רייד אַז ס׳איז שוין לאחר המעשה, אָבער דער ט״ז זאָגט דאָך באַלד אויף אַן אָרט: „אם קבלוהו מותר אַפילו לכתחילה לדון יחידי״ און אַפילו דער מרדכי זאָגט דאָך — —

— יע, יע, איך ווייס! — האָט אים מיט אַ בייזן קול איבערגעריסן דער רב.

— איר האָט דאָך ידין ידין פון וואַלאָזשין. מיר זיינען דאָך ביידע מוכן ומזומן אָטאָ די רגע צו התמענען אַז מיר וועלן אייער פּסק אָננעמען באהבה.

די לעצטע ווערטער האָט דער רב שוין ניט געהערט, ער האָט זיך געסטאַרעט קומען צו זיך פון יעדן שטאָך אין האַרצן וואָס עם האָט אים אָנגעטאָן דער אפּיקורס מיטן זאָגן אַלע ווײַלע „דאָך". אין יעדן „דאָך" האָט געשטעקט אַ פּחיתות הכבוד. מער האָט דער אַלטער בנימין־מלך יענע נאַכט ניט געקענט אויסהאַלטן.

— די ראיות מיט די עדות ברענגט ביידע איבעראַכטאָג מיטוואָך. פּונקט אינמיטן טאָג! אָטאָ דאָ אָ. שוין. — און ער׳ט גענומען גיך פאַרמאַכן יעדן אויפגעעפנטן ספר וואָס אויף זיין טיש, אַ סימן די אומגעוואונטשענע געסט זאָלן אַוועק.

מיט פאַרפרעסטע ליפּן און האַסטיקע טריט, ווי ביי חדר־יינגלעך קונדסים וואָס האָבן דעם רבין אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און ווילן אים נאָר ניט אויסלאַכן אין פּנים, זיינען די צוויי אַמאָליקע שונאים אַרויס אין גאַס.

בנימין־מלך איז אַריין אין קיך. די ווייב האָט זיך נאָך געפּאָרעט אַרום דעם באַק־אויוון. זי האָט זיך דערשראָקן. זיינע פּים זיינען געווען קרומער ווי ווען ניט איז. רינגלעך שוויים האָבן געגלאַנצט אויף זיין שטערן ביי דער ליכט פון נאַפט־לאָמפּ.

— וואָס איז, יאָמע?

— געדענקסט, לעיקע, דעם גרויסן רעגן פאַר כל־נדרי?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט געדענקען?

— דאָס איז געווען דעם רבונו של עולמ׳ס אַ שטראָף קעגן מ י ר, מסתמא דערפאַר וואָס איך האָב דעם אונטערשמש אַ גאַנץ לעבן שטילערהייט מבזה געווען.

— איך פֿאַרשטיי ניט גאָרניט!

— נו, זעץ זיך אַוועק, דאַמאָלסט ׳עט מען ריידן. איך קען מיט דיר ניט ריידן אַז דו לויפֿסט אַרומעט. ס׳איז געווען אַזוי — — —

ו

אין סוויר האָט געקלונגען מיט דער דין־תורה. ניט נאָר אין סוויר נאָר אַרום און אַרום. אַ דין־תורה איבערן סווירער באַרג! זאַלקע, די „מלכה פֿון הקדש״, האָט דערציילט אַז איר אַמאָליקער ליבהאָבער, אַ ציגיינער וואָס האָט איר איבערגעלאָזן אַ בלעכענע קרוין מיט אַ ממזר, האָט דעם באַרג אַליין אויפֿגעשטעלט מיט ציגיינערישן כישוף. זי האָט ווייטער געלערנט פּשט אַז אַ מלאך פֿון הימל האָט דעם ציגיינער געהייסן אויפֿשטעלן דעם באַרג כדי עס זאָל זיין מיט וואָס צו שילטן, מ׳זאָל פֿון פּאָלאָצק און ביז וואַלאָזשין אָנשילטן אַז מ׳דאַרף: „געשוואָלן זאָלסטו ווערן ווי סווירער באַרג״.

בנימין־מלך איז געווען איינגעוואוינט אויסהערן יידענעס מיט שאלות איבער אַ טאָפּ צי איז ער כשר, און ווען ניט ווען אויך ביי צוויי יידן וואָס זיינען אַריינגעפֿאַלן אין אַ סיכסוך איבער געלט זאַכן און שטרות. אַז מ׳וועט זיך פֿאַר אים לאָדן איבערן סווירער באַרג איז דעם רב, וואָס איז געווען איבער די שמונים, אין לעבן ניט איינגעפֿאַלן. מער פֿון אַלץ האָט ער געציטערט אַז דער אפּיקורס וועט זיך אַרויסווייזן פֿאַר אַ תּלמיד חכם, און דער טראָפּ — ווען עס איז גאָרניט אָנגעגאַנגען די גאַנצע מעשה מיטן באַרג — וועט זיך נוקם זיין אין אים, דעם רב! אינמיטן נאַכט האָט אים די וויַיב דערהערט ווי ער רעדט מיט זיך אַליין,

אַז ער האָט אַרומגעשפּאַנט אין שטוב. ער האָט איבערגעחזרט, ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל:

— אל תבטח בעצמך עד יום מותך.

איינמאָל אינדערפרי האָט זי דערהערט ווי ער מורמלט אונטער, האַלב צו זיך האַלב צו איר:

— כאַ וואָלטן זיי געבליבן שונאים! ווען ט'דאָס געאַרט?

די טעג זיינען ווי טשערעפּאַכעס געקראָכן, עלעהיי דער זעלביקער רבונו של עולם וואָס האָט אויף סוויר אָנגעבראַכט דעם „כל־נדרי רעגן", אַזוי'ט מען עס אָנגערופן אין שטאָט, האָט איצטער גענומען אויסציען די מינוטן מיט די שעהן; עלעהיי ס'וואָלט פון קדמונים געווען פאַרשריבן אין די הויכע היכלות, אַז אין יענעם ווייטן אָסיען וועט דער רבונא דעלמא די השגחה פּרטית אָנווענדן אויף סוויר ד'ליטא. ביי זיך אין האַרצן האָט דער רב אָפּגעפּאַרטיקט, אַז קיין ראיות צו דעם ווען אַ באַרג איז געוואָרן אַ באַרג קען קיין בשר־ודם ניט ברענגען. וועט ער זאָגן „תיקו" און אויסטרינקען מיט די בעלי־דינים אַ גלעזעלע משקה. און שוין. וואָדען? אַריינלאָזן זיך אין אַ נאַראָנסקער חקירה איבער אַ באַרג? דאָס איז פאַרן סווירער רב קיין עסק ניט. אויף דעם איז דאָ אויף דער וועלט אַ כעלם.

ז

מיטוואָך אינדערפרי האָבן קיין קרעמער ניט פאַרקויפט און קיין קונדן ניט געקויפט. איין זאַך מערניט האָט מען גערעדט. וואָס 'עט דער רב פּסקענען איבערן אורשפּרונג פון באַרג? אַז דער זייגער האָט זיך צוגערוקט צו דער מיטנטאָגדיקער

דין־תּורה, האָט זיך די גאַנצע שטאָט אָנגעזאַמלט פֿאַרן רבֿ׳ס שטוב לעבן בית־מדרש. דער מזכיר בער־זאַנע האָט פֿונדער־ווייטנס דערזען ווי די בעלי־דינים גייען אַריין אין שול געסל נאָר דער עולם לאָזט ניט אַדורך. ער איז אַרויס און האָט מיט זיין הילכיקן קול אַ שריי געטאָן מ׳זאָל מאַכן אַ וואַרע. באַלד איז אָנגעקומען אויך זוסמאַן דער מלמד. וועלפֿקע אפּיקורס האָט געטראָגן צוויי גרויסע ביכער, וואָס ס׳איז קלאָר געווען אַז קיין ספֿרים זיינען דאָס ניט.

דעם רבֿ איז ניט־גוט געוואָרן. פֿון קיווע־דנ׳ס האָפֿערדיקייט איז אים געווען קלאָר ווי דער טאָג אַז יענער איז נאָר אויסן אין אים, דעם רבֿ, צו דערלעבן אַ נקמה, אַז אים גייט ניט אָן ניט דער באַרג און ניט דער כּבֿוד פֿון דרדקי־מלמד; אַז דעם אפּיקורס גייט נאָר אָן זיך אויסצופּיינען מיט זיין לומדות און מאַכן די תּורה און אירע ערלעכע וועכטער צו שפּאָט און צו שאַנד; אַז דער איינציקער אומשולדיקער ייד וואָס איז בעל־כּרחו אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער בלאָטע איז דער מלמד, ר׳ זוסמאַן. דער מלמד האָט געציטערט אימת מוות. בער־זאַנע האָט די צוויי בעלי־דינים מיטן איינאיינציקן עדות געבעטן זעצן זיך אַרום דעם גרויסן דעמבענעם טיש וואָס אינעם רבֿ׳ס ביבליאָטעק.

כּלפּי חוץ האָט זיך ניט אָנגעזען וואָס דער רבֿ איז געווען פֿאַרציטערט, טאָמער וועט דער אפּיקורס שיטן מיט מראה־מקומות דאַוויים פֿון וואַנען. ער׳ט נעמען אויסזינגען מרדכים מיט ט״ז מיט גר״אען. ער האָט מורא געהאַט אַז אַליין וועט ער מטושטש ווערן. האָט ער מיט אַ שטרענגן קול וואָס איז געווען גאָרניט זיינער, גענומען ריידן דער ערשטער:

רבותי, איר זיצט, איז גוט. ר׳ זוסמאַן! וואָס ט׳איר געלערנט מיט די יינגלעך וועגן באַרג?

— די זעלבע זאַך וואָס כ׳האָב אַמאָל געלערנט מיט די מיידלעך אַז איך בין געווען דער מיידלשער מלמד.

— דהיינו?

— דהיינו? אַז דער סווירער באַרג איז פון די הרי אררט, דאָרטן וואו ס׳איז געקומען צו רו נח׳ס תיבה נאָכן גרויסן מבול. דער טייך איז איבערגעבליבן פונעם מבול גופא. עס שטייט דאָך געשריבן: „ותנח התיבה בחודש השביעי בשבעה עשר יום לחודש על הרי אררט. והמים היו״ — —

— געזונט זאָלט איר זיין! איך ווייס וואָס עס שטייט געשריבן! און וואו שטייט געשריבן אַז דאָס איז געווען אין סוויר? און וואו שטייט אַז אונדזער טייך איז פון מבול? וואָס איז שלעכט פּאַשקונער טייך און סטרונויצער באַרג? מיט וואָס האָב איך זיך פאַרדינט — —

— דער רב האָט זיכער רעכט. כ׳האָב געלערנט מערניט דאָס וואָס איך האָב בירושה פון טאַטן און פון זיידן. אַ סברא אַז זיי האָבן עס אויכעט בירושה. „מנהג אבותיהם בידיהם״. — —

— ר׳ זאב־וואָלף! — האָט דער רב אַ גיכן דריי געטאָן צום אפּיקורס וועמענס ליפּן עס האָבן זיך באַוועגט ווי ביי אַ מגיד וואָס גייט אויס די צוגעגרייטע דרשה צו דערלאַנגען — ר׳ זאב־וואָלף! זוסמאַן דער מלמד איז אַ בן מלמד און אַ בן בן מלמד. דאָס וואָס ער לערנט אַזאַ מין זאַך מיט די ייִנגלעך, דאָס איז שוין אַ מנהג אין שטאָט. מנהגן של ישראל תורה!

— אַזאַ מנהג שטייט דאָך נאָר אין „בבא זוסמאַן״! באַלד ט׳ער לערנען טראָפּ און טייטשן אַז „תביר״ מאַכט דאָך סוויר, ביי אים ׳עט דאָך אַ פּינטל זיין אַ באַרג און אַ האַלבע לבנה אַ טייך! און „דרגא״, פאַרשטייט איר מיר, איז ניט אַנדערש, דוגאַלישעק! — און וועלפקע אפּיקורס האָט מיט נצחון אַ לאַך

אוים געטאָן.

— וואַ! אַ הפלאהדיקער כאַפּ! ס׳אַ איינפאַל! אַ געזונט אייך אין די ביינער! וואָס איז, מ׳וויים אויף געווים אַז ניט? אַן אייזערנע קאָפּ! — האָט מיט אויפריכטיקער התפעלות אויפגע־נומען דעם פירוש דער מלמד ר׳ זוסמאַן.

— אָן קאַטאָוועס! — האָט דער רב מיט בייזן איבערגעריסן דעם שמועס מיט אַ שמיץ פון פּחד טאָמער וועט מען אים נאָך אַמאָל פאַרדרייען מיט נאָך אַ דין־תורה איבער „דרגא״ און „תביר״. — ר׳ זאב־וואָלף, איר׳ט ריידן צו דער זאַך?

— זייט מוחל, רבי. כ׳ל ריידן צו דער זאַך. היות ווי דאָס איז בפירוש ניט קיין מנהג, נאָר וואָדען סתם אַ פאַלשע זאַך, אַ מעשה פון דער באָבע טאָלצע, קען דער עולם דרינגען אַז אַליץ וואָס מ׳לערנט אין די חדרים איז פאַלש! ס׳גייט אַריין אין כלל פון עבירה גוררת עבירה. אין די גרויסע שטעט גייען אַ סך יונגעלייט אַרוים אויף תרבות רעה. דער קלות ראש איז אין לשער. פון איין פעלער וואַקסן אוים ספקות אין — —

— גוט, גוט. אַ רגע! — האָט אים איבערגעריסן דער רב, אַ פאַרחידושטער אַלמאַי דער אפּיקורס נעמט גאָר פלוידערן מיט די רייד פון אַ צדיק, און שיט גאָרנישניט אוים מיט קיין מראה־מקומות. אַ האָר פון אַ רגע האָט זיך דעם רב געגלוסט אַריינזאָגן דעם אפּיקורס, וואָס ע ר איז דאָך דער וואָס פאַר־שפּרייט אין סוויר אַלע ספקות, נאָר ער האָט זיך געכאַפּט אַז דאָס איז מן הסתם אַ פּאַסטקע, אויב ער וועט גיין מיט דעם גאַנג, דאַמאָלסט ערשט וועט אים דער אפּיקורס פאַרשעמען אין לומדות. האָט ער גענומען ריידן מיט גוטן.

— ר׳ זאב־וואָלף! דאָס וואָס ר׳ זוסמאַן לערנט מיט די קינדער, דאָס וואָס דער פאָטער זיינער עליו השלום האָט

געלערנט, וועמען האָט דאָס געשאַט?

— דערווײַלע קיינעם ניט.

— פון אַ דבר שלא בא לעולם קען מען קיין ראיה ניט ברענגען!

— אין אונדזער זינדיקן דור איז עס אַן עובדא דעם חינוך מתקן זיין!

— און אַז ר׳ זוסמאַן זאָל אויף ווייטער ניט דערציילן די מעשה מיט די הרי אררט, דאָס ׳עט ביי אייך הייסן אַ תיקון?

— ס׳קען גריילעך זיין. ס׳גייט אין דעם תוך, ניט אינעם פּרט.

— מיט אַ שפּענדל וועט איר די וויליע ניט פאַרשפּאַרן! — האָט אים דער רב סטראַק געשווינד אָפּגעווישט.

דער רב איז שוין רואיק געזעסן. די קאָפּ ט׳ער ווייטער גערדייט און די אויגן איבערגעפירט צו קיווע־דן וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שטומער.

— ר׳ עקיבא־דן! וואָס איז אייער תשובה אויף דעם וואָס ר׳ זאב־וואָלף האָט אָקערשט גערעדט?

— וואָדען, זאָל ניט זיין קיין תשובה?

— נו?

— נו, אפשר איז טאַקע ניטאָ קיין ראיה אַז אונדזער סווירער מסורה וועגן די הרי אררט איז אַ ריכטיקע. ר׳ וועלפקע האָט אָבער אויך ניט קיין ראיות אַז דער נאַפּאָלעאָן, ווי ער דערציילט, האָט דעם באַרג אָנגעשאָטן. ער ווייס דאָך אַליין אַז די אַלטע פּויערים וואָס דערציילן אַז זיי געדענקען ווי מ׳האָט עמערוויז געטראָגן זאַמד מיט שטיינער זיינען קיין באַגלייבטע עדות ניט. ווער רעדט נאָך עדים כשרים. אַכלל, די מעשה מיט דעם נאַפּאָלעאָן איז אויך אַ מסורה, און ביי די גויים איז דאָ אַ מנהג, מיט די קינדער זייערע לערנט מען י ע נ ע מעשה. טאָ וואָס

טויג אונדז זייער מנהג אַז ביי אונדז איז דאָך דאָ אונ־
דזערער אַ מנהג?

— זייער „מנהג", ווי עס הייסט ביי אייך, איז אין דעם פֿאַל
דער אמת. — האָט וועלפּקע אים געענטפֿערט, ניט וואַרטנדיק
אויפֿן רב׳ס אַ וואָרט. — נאַט אייך, טוט אַ קוק אָטאָ דאָ אָ, אין
דעם בוך וואָס איך האָב אויסגעבאָרגט ביי אַ באַקאַנטן אין
ווילנע. — און וועלפּקע האָט באַלד אויפֿגעמישט צום זייטל וואו
ס׳איז געשטאַנען אויף רוסיש אַז די חיילות פֿון דעם נאַפּאָלעאָן
האָבן דעם באַרג אויפֿגעשאָטן פֿון מלחמה וועגן. סיי קיווע־דן סיי
זוסמאַן מלמד זיינען נתפּעל געוואָרן וואָס דער „אפּיקורס" האָט
באַוויזן אויסגראָבן אַזאַ מין ראיה ווער וויים פֿון וואַנען.

אין זאַך האָט אָבער געוואוסט נאָר דער רב. איינמאָל אַ וואָך
מאָנטיק פֿלעגט ער שפּילן אין שאַך מיטן סווירער גלח, האָט ער
אים יענעם מאָנטיק אָנגעדערציילט די גאַנצע מעשה. דער גלח,
וואָס האָט אין וואַרשע שטודירט גלחות, האָט דעם יידישן
שאַך־ידיד זיינעם מוסר מודעה געווען, אַז דעם סווירער באַרג
האָט שוין גענוצט פֿון מלחמה וועגן דער פּוילישער קעניג
שטעפֿאַן באַטאָרי, מער ווי צוויי הונדערט יאָר פֿאַר דעם ווי דער
נאַפּאָלעאָן איז דאָרטן געווען. דער גלח האָט דעם רב באַוויזן אַ
בוך וואו עס שטייט אַזוי געשריבן.

וועלפּקע האָט גענומען אויפֿמישן אין צווייטן בוך וואָס איז ביי
אים געווען, און האָט גענומען ריידן.

— נאַט אייך ווידער, אָ׳ דאָ, זעט איר, נאַפּאָלע — —

— אַ רגע! — האָט אים דער רב פֿאַרשטעלט אַ וועג. — דאָ
איז ביי אייך אַ בוך און דאָרטן איז ביי אייך אַ בוך! און אין די
ביכער שטייט אַז דעם באַרג האָט מען אויפֿגעשאָטן מיט
הונדערט יאָר צוריק. און איך האָב מאָנטיק ביים גלח

אַריינגעקוקט אין אַ בוך וואו עס שטייט געשריבן בפירוש אַז דער פּוילישער קעניג שטעפאַן באַטאָרי האָט שוין דעם באַרג אויסגענוצט לשם מלחמה אין יאָר של״ג! „שלג״ מאַכט דאָך „שניי״ און שניי איז דאָך קלאָר און ווייס, ווי ס׳איז קלאָר אַז דער באַרג איז געשטאַנען העכער צוויי הונדערט יאָר פאַר אייער נאַפּאָלעאָן! אַהין מיט אַ בוך און אַהער מיט אַ בוך! איז וואָס איז ערגער ר׳ זוסמאַנ׳ס מסורה פאַר די אַלע גויאישקע ביכער, וואו איינער זאָגט אַזוי און אָט קומט דער אַנדערער און מאַכט אַן איפּכא מסתברא!

אויף דעם האָט זיך וועלפקע ניט געריכט. ער האָט גענומען זאַהיקען, געמאַכט מיט די הענט, זיך געפּאָרעט מיט די צוויי ביכער. לסוף איז ביי אים אַרויס אַן ענטפער.

— איך בין דאָ ניט געקומען איבער נאַפּאָלעאָנ׳ען! האי נוסחא צי האי נוסחא האָבן מענטשלעכע הענט דעם באַרג אויפגעשאָטן. ס׳איז ניט פון גאָט און ניט פון מבול!

— פון וואַנענט ווייסט איר דאָס? דער גלח׳ט ניט געזאָגט אַז דער שטעפאַן באַטאָרי האָט דעם באַרג געמאַכט, נאָר וואָדען אַז ער׳ט אים אויסגענוצט! ס׳אַ נפקא־מינה!

— קומט! איך בעט ביים רב, לאָמיר די רגע אַלע אַרויף אויפן באַרג, און דאָרטן ׳עט קלאָר ווערן די זאַך.

— רבונו של עולם! וואָס קען שוין דאָרטן קלאָר ווערן?

— לא דומה שמיעה לראיה.

— גוט! — האָט דער רב אַ זיפץ געטאָן און בשעת מעשה זיך אויפגעשטעלט. זאַלבעפינפט זיינען זיי אַרויס: דער רב, זיין מזכיר בער־זאַנע וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן און געשריבן, די בעלי־דינים וועלפקע מיט קיווע־דן, און זוסמאַן דער מלמד.

דער גרויסער עולם וואָס איז געשטאַנען אינדרויסן האָט זיך

ניט געריכט אַז דער רב מיטן מזכיר וועלן אַרוים מיט די בעלי־דינים. מ׳האָט געפרעגט אין דער הייך וואָס איז געווען דער פּסק. בער־זאַנע האָט דעם עולם געגעבן צו וויסן אַז קיין פּסק איז נאָך ניטאָ און מ׳גייט אַרויף אויפן באַרג און מ׳זאָל תיכף מאַכן אַ וואַרע פאַרן סווירער רב מיט די בעלי־דינים. מ׳האָט ווידער גענומען ריידן.

— ניט צום גלייבן! אַ גרעסערער נס ווי דער יום־כיפּור רעגן!

— טויזנט איין נאַכט! טויזנט איין נאַכט! דער אפּיקורס פירט דעם אַלטן רב אויפן באַרג אַרויף! אַז מ׳לעבט דערלעבט מען אַלצדינג.

ביזן באַרג איז מען מיט סאָלדאַטסקע טריט געגאַנגען, די פינף נוגע־בדברים צוערשט, און הינטער זיי אַ גאַנצע שטאָט מיט יידן. אַרויפגעקראָכן אויפן באַרג, ס׳איז געווען אַ סטעזשקע, איז דער רב מיט די גרשיים־פּים גאָר פּאַמעלעך. די פיר באַגלייטער זיינע האָבן זיך געסטאַרעט אים אונטערשפּאַרן. דעם מזכיר מיטן מלמד האָט ער עס דערלויבט. טובות פון בעלי־דינים איז ביי אים געווען „ניע גערייי״.

סוף כל סוף איז מען דערגאַנגען צום שפּיץ. דער רב האָט זיך לאַנג אָפּגעאָטעמט. ער איז דאָרטן ניט אַרויפגעקראָכן אַ יאָר פערציק. ער האָט באַטראַכט די וואונדערשיינע לאַנדשאַפט פון אַלע זייטן. פון גאָלדענעם קופּאָל פונעם קלויסטער און ביזן „פלעדערמויז וואַלד״ אויפן בית־עולם, האָט סוויר אויסגעזען ניט אַנדערש נאָר ווי ירושלים עיר הקודש בזעיר אנפּין. דער רב האָט זיין בליק פּאַמעלינקעם געצויגן פון וייטן אויף נאָענטן און האָט גענומען פּאַסמאַקען זיך מיט די האַרבסטיקע ריחות פון די רויזן וואָס זיינען געוואַקסן בלויז לעבן שפּיץ באַרג. ער האָט ביי

די באַגלייטער אַ פרעג געטאָן צי זיי דערשמעקן עס ניט אויכעט. דער גאַנצער באַרג איז שוין געווען באַדעקט מיט יידן וואָס האָבן נאָר געוועלט אויסהערן אַ דין־תורה איבער אַ באַרג וואָס מ׳פּירט מיט אים אָן ניט אין בית־דין שטיבל נאָר אויפן באַרג גופא. מ׳האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון דער מעשה וואָס האָט זיך גענומען אָפּשפּילן פאַר זיי אין די אויגן. דאָ אויפן באַרג האָט זיך געהערט „אויף בילעטן צו קוקן" און דאָרטן אויפן באַרג האָט זיך געהערט „לא יאומן כי יסופּר".

דער רב האָט דאָס מויל געעפנט און דער עולם איז שאַ־שטיל געוואָרן. ער האָט אָבער וועגן דעם סיכסוך ניט גערעדט, נאָר וואָדען, ער׳ט אַ ברכה געמאַכט איבער די זיסע ריחות:

— ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם בורא עשבי בשמים! — און דער גאַנצער עולם האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ דונערדיקן:

— אָ־אָ־אָ־מיין! — און ס׳האָט זיך געדאַכט אַז ס׳איז והקול קול הבאַרג.

וועלפקע האָט זיך דער ערשטער אומגעקערט צום ענין.

— יידן, אָט אי׳ די ראיה! קוקט און זעט! פון אויבן איז דאָך דער באַרג פלאַך! ביי אַן אמתן באַרג איז דאָך פון אויבן דאָ אַ שפּיץ! מ׳האָט עס אויפגעשאָטן סאָלדאַטן זאָלן דאָ שטיין און אַראָפּשיסן אויפן שונא וואָס אונטן, דאָ קען מען שטיין און קוקן וואָס טוט זיך ווער וויים וויפל וויאָרסט אינדערווייטנס!

— אייער ראיה הייסט דאָס איז דער פלאַכער שפּיץ, ר׳ וועלפקע? — האָט דער רב אַ פרעג געטאָן, שוין אין גוטן מוט.

— טאַקע אַזוי.

— וואָס זאָגט דערויף קיווע־דן?

— אין די בערג פאַרשטיי איך ניט.

— און דער מלמד וואָס האַלט?

— אַ סברא אַז די לעצטע וואַסערן פון מבול האָבן אַראָפּגע־שאַרט דעם שפּיץ.

אַ ווײַלינקע איז געוואָרן שטיל. דער רב איז אָפּגעטראָטן אַ פּאָר טריט, טאַקע אויפן ברייטן פלאַך וואָס פון אויבן אויפן באַרג. ער'ט שטילערהייט עפּעס וואָס גערעדט מיט בער־זאַנע'ן. בער־זאַנע, וואָס האָט שוין שטאַרק הנאה געהאַט פון גאַנצן טראַסק, האָט אַרויסגערופן בקול רם:

— דער סווירער רב וועט איצט אַרויסגעבן זיין פּסק. זאָל זיין שאַ!

אַלע שושקענישן און שאָרכענישן האָבן זיך אין איין אויגנבליק אָפּגעשטעלט. דער רב האָט לאַנג אַרומגעקוקט און האָט גענומען ריידן:

— עולם כמנהגו נוהג. זאָלן די גויים לערנען לויט זייער מנהג. און מי'לן לויט אונדזער מנהג לערנען. און זאָל אין סוויר קיין גרעסערע צרות ניט זיין!

און אַלע אַנדערע פּרטים פון דער דין־תורה האָט בער־זאַנע דער מזכיר אויפגעשריבן אין גרויסן פּנקס וואָס אין סווירער בית־מדרש.

# האָדעלקע תּרשיש

# האָדעלקע תרשיש

האָדע=עלקע תרשיש האָט זיך אויסגעטיילט פון אירע פריינדינעס אין סווינציאַן מיטן גאָרניט קינדישן הילוך און מיט אַ געלאַסענעם טאָן ביים ריידן וואָס האָט גיכער געפּאַסט אַ דערוואַקסענעם. זי איז געווען אַ דיקלעכע און האָט זיך געטראָגן אויף די פּיסלעך פּאַמעלעכער איידער אַנדערע מיידלעך. צו ניין יאָר האָט זי געדאַרפט גיין מיט ברילן. די גלאַנציקע שוואַרצע האָר האָט זי זיך פאַרקאַמט אין אַ גרעק אָנשטאָט די צוויי צעפּ וואָס ביי אַלע. גערעדט האָט זי ווי אַלטע און ניט ווי יונגע. ביי קינדער ט׳מען געזאָגט „דאַמאָלסט״ און ביי איר איז געווען „יעמאָלט״. די קינדער אויף קליין סטרונוויצער גאַס וואו זי האָט געלעבט און אין מיידלשן חדר אַנטקעגן דעם שולעף וואו זי האָט געלערנט ביי דער רביצין, האָבן רק געשפּילט און געטראַסקעט מיטן איצט=און=דאָ לויטן קינדישן שטייגער. האָדעלקע תרשיש, אַזוי׳ט מען איר גערופן, האָט וואויל באַנומען אַז זי איז אויף דער וועלט געקומען ניט סתם אַזוי. דאַמאָלסט אַז זי איז געבאָרן געוואָרן, אין אַן אסרו פּסח ווען ס׳האָט געקלאַפּט אַזאַ מין האָגל ווי אין שבט, האָט דער טאַטע, הירשע=לייב תרשיש, דער אונטערשמש אין חסידישן מנין, אַ תקיעת כף געגעבן זיין בוזעם=חבר, דעם מעל סוחר לאָקע איוואַנטער, אַז זיין ערשטגעבאָרענע, האָדע=עלקע, וועט אַ כלה זיין פאַר לאָקע׳ס

בכור בנימין־ביינוש, וואָס איז דאַמאָלסט שוין געווען אַ בר־מצווה בחורל. ביים אויסטרינקען די פלאַש וואָס איז געשטאַנען אויף הירשע־לייב׳ס וואַקלדיקן טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט צעראַטע מיט גרינע און ברוינע קעסטעלעך, האָט מען דעם שידוך אָפּגעשלאָסן. דער מיטלוואויקסיקער, מיטל־יעריקער, פליכעוואַטער מעל סוחר מיט אַ רונדן אָפּגעגאָלטן פנים און גרויסע קיילעכדיקע אויגן האָט זיך מינוטנווייז געקווענקלט איבער דעם וואָס דער זון זיינער וועט שוין האַלטן ביי די דרייסיק אַז האָדעלקע וועט ווערן אַ כלה מויד. ער האָט הירשע־לייב׳ן נאַרייעט זיינע צוויי זינדעלעך, וואָס זיינען געווען צו זיבן און ניין יאָר. הירשע־לייב האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט אַז עין תחת עין: אַ בכור פאַר אַ בכורטע און אַראָפּ־פון־מאַרק, לויט דעם ווי ס׳שטייט אינעם „תפארת למהדרין״. געשריבן איז געשריבן. דער יונגער, הויכער, ברייטביינקער אונטערשמש מיט דער גלאַנציקער שוואַרצער באָרד און די געקרייזלטע שוואַרצע האָר האָט דעם מעל סוחר, דעם נשיא פון חסידישן מנין, געגעבן צו פאַרשטיין אַז אין אָטאָ דעם שידוך שטעקט דער עיקר העיקרים. דעם אָרעמען אונטערשמש איז ניט אָנגעקומען שווער איבערצייגן דעם רייכן מעל סוחר, מחמתביידן איז געגאַנגען אין לעבן מערניט איין זאַך, אַז אין הונדערט יאָר אַרום, אַז זיי׳לן אויסטרינקען ניט דאָ נאָר אין די עולמות עליונים, זאָל אין סווינציאַן נאָך שטיין דער חסידישער מנין.

ביי לאָקע איוואַנטער׳ס פריצישן טיש, וואו הירשע־לייב תרשיש מיט זיין פרוי בתיה די תרשישקע זיינען געווען אַלע וואָך צו שלש־סעודות, איז שוין לאַנג געגאַנגען די רייד אַז טאָמער וועט מען די זאַך אָפּלאָזן, וועט קיין צוויי דורות ניט גדויערן און פון חסידישן מנין וועט קיין סימן ניט בלייבן. אין הילצערנעם

חסידישן בית־מדרש, דעם בנין גופא ט׳מען אָנגערופן „דער חסידישער מנין״, האָבן געדאַוונט וואָסאַמאָל ווינציקער יידן. קהל האָט געצויגן צו די צוויי מלכותדיקע, געמויערטע מתנגדישע שולן אויפן שולעף — דער „אַלטער בית־מדרש״ מיטן „נייעם בית־מדרש״ — מיט זייערע היכלדיקע סטעליעס און באַמאָלענע טורעם־הויכע פענצטער, וואו די צוועלף שבטים האָבן רואיק געלעבט בשכנות, אַזוי ווי דאַמאָלסט אַז שלמה המלך האָט געקיניגט איבערן פאָלק ישראל.

צו אַלע צרות זיינען אַ ביסל חסידים אַוועק אויך אין דער שניידערשער קלויז וואָס אויף יענער זייט שולעף גאַס. און אָרעמעלייט האָט געצויגן צו „דעם מנין״, אַ כאַטע סוף פּאָשמענער גאַס לעבן קונע־פייגע׳ס פאַבריק, האַרט ביים טייכל „קונע״. אין „דעם מנין״ האָט זיך יעדער מחוסר לחם ביים דאַוונען געשפּירט אַ מלך. נאָך מעריב פלעגט קונע־פייגע בכבודה ובעצמה אַרויסגיין באַגריסן זיך מיט די אָפּגעדאַוונטע דלות־יידן, זיי אָפּגעגעבן יישר־כח אַלמאַי זיי דאַוונען ביי איר אין מנין — זי האָט „דעם מנין״ אויסגעהאַלטן — און זיי דערמאָנט צום וויפלטן מאָל אַז איר האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָכן טייכל קונע. „ניין, קונע־פייגע״, האָבן די אָרעמע מתפללים איר געענטפערט לויט איר וואונטש, „די קונע האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך אייער עלטערבאָבע קונע עליה השלום״. ביי הירשע־לייב תרשיש און ביי לאָקע איוואַנטער איז קונע־פייגע געווען דעם סמך־ממ׳ס אַ שליח־מיוחדתטע וואָס איז געקומען אויף דער וועלט צאַפּן לעבעדיקע אברים פון חסידישן מנין. ריידנדיק צווישן זיך האָבן זיי איר אָנגערופן די מתנגדישע מכשפה, די שלעכטס, די קונע־קלאַפּטע.

## ב

סווינציאַנער חסידים זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַלע. גערעדט האָבן זיי אויך ניט אַנדערש איידער אַנדערע סווינציאַנער. נאָר וואָס, אין חסידישן מנין האָט מען אָפּגע־דאַוונט פונעם אר״י־הקדוש׳ס סידור לויטן נוסח ספרד. אינדער־וואָכן האָבן די מענער גענומען טאַבעק צו דער נאָז פון טאַבאַקערקעס געמאַכטע פון קאָרע, בשעת ווען סווינציאַנער סתם האָבן ציגאַרעטן גערייכערט. פונעם חסידישן טאַבעק פלעגט מען נעמען ניסן. אַ חסיד האָט מען דערקענט אין שטאָט דערמיט וואָס ער׳ט אַלע ווײַלע גענומען אַ טוך פון הינטער דער פּאָלע, צום ניסן. ניט דאָס דאַוונען און ניט דאָס שמעקן־און־ניסן האָבן סווינציאַנער חסידות ניט אָפּגעהיט לדורות. ס׳האָט געהאַלטן ביי בטל בששים. דאָס איז קיינעם ניט אָנגעגאַנגען אַחוץ הירשע־לייב תרשיש מיט לאָקע איוואַנטער. קיין דוחק אין כח גברא איז ביי זיי ניט געווען. ווייבער האָבן זיי געהאַט יונגע. אַז בתיה די תרשישקע האָט געבאָרן די בכורטע האָדע־עלקע, איז דאָס געווען דעם רבונו של עולמ׳ס סימן אַז מ׳דאַרף מאַכן אַ תקיעת כף.

פון הירשע־לייב׳ס עופעלע איז געוואָרן אַ מיידל. מער קיין קינדער זיינען אים מיט בתיה׳ן ניט געבאָרן געוואָרן, די בכורטע איז געבליבן אַ בת יחידה. פון לאָקע׳ס בר־מצווה יינגל איז דערוויילע געוואָרן אַן עלטערער בחור. בלויז צו שלש־סעודות האָבן די קינדער צווישן זיך געשמועסט. אין גאַס אַז מ׳האָט זיך אָנגעגענט, האָט מען אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף אָפּצוגעבן שלום און געגאַנגען ווייטער. נאָר אום שבת זיינען זיי געזעסן ביי

איין טיש, זיך איינגעהערט ווי די טאַטעס האָבן ביי גלעזלעך משקה דערציילט מעשיות. הירשע־לייב האָט אָפט דערציילט אַז פאַרצייטנס האָט מען חסידים געשלאָגן מיט ביטערע קלעפּ אַז זיי זיינען אַרויס אויפן גאַס נאָכן דאַווענען, און דערפאַר פלעגן שוואַכינקע אַהיימגיין ניט דורכן הויף וואָס אויף ווילנער גאַס נאָר דורכן זומפּיקן באָדן פון יענער זייט, וואו עס זיינען געוואַקסן הויכע אַיער. אַרויס איז מען אויף קליין סטרונויצער גאַס וואו ס׳איז געווען שטיל. הירשע־לייב׳ן זיינען די אַיער, מיט די זשאַבעס וואָס האָבן אויסגעקוואַקעט זייער זשאַבישן „אמן” צו די תפילות אינעם חסידישן מנין, אים איז דאָס אַלץ געווען זכר למקדש, סימנים פונעם קעניגלעכן אַמאָל ווען חסידות איז געשטאַנען ביים סווינציאַנער רומו של עולם. הירשע־לייב תרשיש, וואָס געוואוינט האָט ער במילא אויף קליין סטרונויצער גאַס, איז אַלע טאָג אַריין און אַרויס דורך דאָרטן, ניט סתם פון קפיצת הדרך וועגן, נאָר בכדי זיך צו פאַרקלערן איבער דעם, ווי אַזוי זיינע אבות, צעשראָקענע פון מתנגדישן כוליגאַנסטווע, זיינען דורך בלאָטעס געקראָכן, דורך די אַיער און אַרום די זשאַבעס, כדי אַרויס בשלום. דאַמאָלסט איז סווינציאַן געווען סווינציאַן.

דערויף האָט לאָקע געענטפערט מיט אַן אַנדער מעשה. אַז די סווינציאַנער מתנגדים האָבן אַ חסיד פאַר מלכות געמסרט, האָט אים אַ מלאך אינמיטן נאַכט על פּי נס אַרויסגעהויבן פון דער תפיסה, צוגעפלויגן מיט אים העט ווייט ביז אין אַ דאָרף אין דער אוקראַינע וואו מ׳האָט אים תיכף פאַר רבי געמאַכט. דאָס דאָרף האָט מען משנה שם געווען אויף: „סווינציאַנל”. פון יענעם אוקראַינישן סווינציאַנל האָט מען שוין דורות קיין וואָרט ניט געהערט.

## ג

האָדעלקע תרשיש האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין אַ פרילינג־פרישער, צאַפּלדיק־רייפער, שוואַרצחנעוודיקער פרויספּאַרשוין. ביי איר האָט די הויט גופא אַרויסגעלאָזן דעם רייצנדיקסטן פּאַרפום. בענע־ביינוש איוואַנטער איז אָבער געבליבן בייניק־דאַר ווי אַ בר־מצווה יינגל. פון זיין קיילעכדיקן פּנים האָבן אויסגעשפּראָצט שיטערע, לאַנגע ברוין־געלע הערעלעך ביי די וואָנצעס און אַ שפּיציק בערדעלע. דאָס פּנים ביי אים האָט גענומען אויסזען וואָסאַמאָל מער ווי דער פּרצוף פון אַ קאָטער. ער איז געבליבן אַ פאַרביסענער פון די ביטערע יאָרן אויסגע־צויגענע בחורשאַפט. פון נערוועזקייט פלעגט ער זיך אָפּבייסן די נעגל, אָפּרייסן שטיקלעך הויט פון דער אייבערשטער לופּ, און פינטלען מיט די אויגן אויף אַראָפּ, לינקס, רעכטס, וויאַמאָל, כאילו ער וואָלט וועלן באַטראַכטן מיט קאָפּ טיילן פון דער אייגענער נאָז. צוויי מאָל האָט מען אים אויך געפּאַקט אויף בליאַקיסקער גאַס, ווי ער בריקעט מיט רציחה די שטיינערנע וואַנט אַרום דעם בית־עולם.

אין די וואָכן וואָס האַרט פאַר דער חתונה האָט בענע־ביינוש גענומען גלייבן סוף כל סוף אַז אָט אָט וועט ער גוטמאַכן די פאַרלאָרענע יאָרן. די באַשערטע וועט ביי אים זיין במציאות, ניט ווי קיין שטאָף אויף בחורשע דרעמלענישן. האָדעלקע האָט וועגן איר התן וויניק וואָס געקלערט. איר איז אָנגעגאַנגען איין זאַך מערניט: דעם טאַטנ׳ס וואונטש מקיים זיין, זיך נעמען צו דער אַרבעט און קינדלען פאַר כלל ישראל.

יאָרן לאַנג האָט די שטאָט מיט וואוילערישן חשק אויסגע־

וואַרט אָטאָ די חתונה ביי די „סחידים״, אַזוי׳ט מען זיי אין סווינציאַן אָנגערופן. אַ יאָר פינף פאַר דער חתונה האָט לאָקע איוואַנטער באַשטעלט ביי חנא בער־איצע׳ם דעם סטאָליער אַ ריזיקע דעמבענע חופה־בימה. חנא בער־איצע׳ם איז געווען ניט קיין הויכער, אַ דיקער ייד מיט אַ געלער באָרד. ער האָט זיך פאַרנומען בלויז מיט ארון־קודשן און אַנדערע הייליקייטן. אַ פולע יאָרן זיינען אַריבער פון זינט מ׳האָט געדאַרפט אין סווינציאַן אַן ארון־קודש רעמאָנטירן און פון זינט ער האָט אויסגעענדיקט אַ שפּאָגל־נייעם ארון־קודש צום בית־מדרש אין פּאָדבראָדזש, איז ער געזעסן ליידיק אַ יאָר צען. אים איז בעסער געווען זיצן ליידיק איידער אָנווענדן אויף דברי חול די מייסטערישע הענט. די ווייב זיינע האָט געאַרבעט עבודת פּרך, זי איז געווען פּעקל־היטערקע אין דער פרוואַישער באָד, כדי עס זאָל זיין אויפן טיש ברויט. אין די מאָגערע יאָרן האָט ער זיך נישקשה אָנגעטרונקען מיט ספּירט. אַז מ׳האָט אים וועגן דעם אַלעמען אַ טאַפּ געטאָן דעם דפק, אים געבראַכט גלאַט סטאָליער־אַרבעט, האָט ער איין תשובה געגעבן: „פאַר אַ שפּין פּסקנט דער רב ניט קיין שאלות״.

חנא האָט די חופה־בימה צוגעשטימט צו מאַכן פאַר „דעם איוואַנטער״, אַזוי׳ט מען לאָקע איוואַנטער׳ן גערופן אין שטאָט. קיין ארון־קודש איז עס ניט געווען. ס׳איז אָבער פאָרט געגאַנגען אין אַ הייליקער זאַך און אַחוץ דעם האָט ער אין חסידישן מנין אַליין געדאַוונט. געבויט האָט ער די חופה־בימה חלקימווייז אין וואַרשטאַט וואָס ער האָט זיך איינגעסדרט אין שטאַל וואָס אין זיין הינטערהויף אויף גלעזער גאַס. קיין פענצטער זיינען ניט געווען, האָט ער איינגעבויט ריזיקע אַטעליע־מעסיקע פענצטער אין דאַך און געאַרבעט ביי דער ליכטיקער שיין פון דער סווינציאַנער זון. בשעת מעשה האָט מען ניט געקענט אַריינקוקן

אין זיין „קאַנטאָר״, אַזוי׳ט ער דעם וואַרשטאַט זיינעם אָנגערופן. פון זינט דער איוואַנטער האָט אים גענומען צאָלן שכירות אויף צו מאַכן די חופּה־בימה צו דעם זונ׳ס חתונה, האָט ער געוואָרפן די פלאַש, די ווייב אָפּגעראַטעוועט פון דער פּרוויאישער באָד און איר געמאַכט פאַר אַ פּרינצעסין אין זיין אָרעמער שטוב. ווען ניט ווען האָט ער איר פון „קאַנטאָר״ צוגעטראָגן מתנות וואָס ער האָט צוגעקלערט און פון האָלץ אויסגעפּורעמט: אַ בעראָזעווע קעסטעלע צו צירונג מיט אַן אויסגעשניצטן כותל המערבי, אַ האַלדז־שנור פון דעמבענע רינגעלעך, אַ הילצערנעם טעלער מיט אַ רחל׳ס קבר אויסגעשניצט אינמיטן.

די חלקים פון דער חופּה־בימה האָט חנא בער־איצע׳ס אויסגעפּאַרטיקט עטלעכע וואָכן פאַר דער חתונה. די וואָך פאַר דער חופּה האָט ער מעת־לעתן פאַרבראַכט אין גרויסן זאַל פון דער באַנק אויף קאַזנאַטשייסטווער גאַס, וואָס דער איוואַנטער האָט געדונגען צו דער חתונה. די באַאַמטע האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט אין יד אַריין דערלאַנגט, אין קאָלירטע קאָנ־ווערטן וואָס מ׳בינדט צו מיט אַ שטריקעלע, ביז וואַנען זיי האָבן צוגעשטימט די באַנק אַ וואָך צייט האַלטן פאַרשפּאַרט. די אַלע ברעטער און ברעטלעך, קאַסטנס און קעסטלעך, שרויפן און געשניצטע צאַצקעס, האָט חנא בער־איצע׳ס אַרומגעבונדן אין לייוונט מ׳זאָל די באַשאַפונג זיינע ניט זען ביז ס׳וועט ניט האַלטן ביי דער חופּה. אַלצדינג האָט איבערגעפירט אַ פורמאַן וואָס דער איוואַנטער האָט צוגעשטעלט. אין באַנק האָט ער אַלצדינג צונויפגעקלאַפּט לויטן פּלאַן וואָס ער האָט אָנגעצייכנט אין אַן אַלטער שול העפט, מיט רויטע און גרינע ליניעס, קעסטעלעך, געמעלן.

ד

מ׳איז געגאַנגען אויף חתונה. אַ קלאָרער בלויער הימל האָט זיך אַזוי ברייט צעצויגן אַז מ׳האָט געקענט אַזש כאַפּן אַ בליק אין דער קײלעכדיקייט פֿונעם ערד־קוגל. אינעווייניק אין באַנק האָבן שוין די ערשטע געסט געגומען נתפּעל ווערן פֿון חנא בער־איצע׳ס וואונדערפּולער חופּה־בימה. אין איטלעכן פֿון די פיר ווינקלען איז געווען טרעפּ אויף אַרויפֿגיין. אויף יעדער איינער פֿון די פיר זייטן איז געווען אויסגעשניצט די בילדער פֿון דריי שבטים. פיר גרויסע סלופּעס האָבן דערגרייכט כמעט ביז צו דער הויכער געשניצטער סטעליע פֿון באַנק. אינמיטן זײַנען געשטאַנען די פיר קליינע סלופּעס פֿון דער חופּה גופֿא. זיי זײַנען געווען באַקרוינט מיט ארון־קודש לײבעלעך. זיי זײַנען געווען אַקעגן די פיר גרויסע הילצערנע לײבן מיט געפֿאַרבטע אויגן און צינגער, וואָס זײַנען געשטאַנען איטלעכער אויף איין הינטערשטן פֿוס, אויף די שפּיצן פֿון די פיר גרויסע סלופּעס. די רײצנדיקע גערוכן פֿון לײנזוימען־אייל און בינען־וואַקס וואָס אינעם געהילץ האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אָדעסער פּאַרפֿומען פֿון די סווינציאַנער פֿרויען.

די אָרעמעלײַט זײַנען, ווי דער שטייגער איז, געווען די סאַמע ערשטע געסט. געפֿירט האָט זיי דער באַליבטסטער אביון אין יענע מקומות, חיים־מאיר דער סווירער, וואָס איז ניט געווען פֿון יענע קבצנים וואָס קומען נאָר אײַנרײַבן די סעודה און אויסמאָנען נדבות. ער האָט געבראַכט פֿרייד אויף יעדער החתונה, פֿון ווידז און ביז פּאָדבראָדזש. ער איז אַרײַן אין זאַל, ער׳ט געטראָגן איין מענערשן און איין פֿרויאישן שוך, אַ פּאַטשײלע מיט ציצית און

זיין געווײַנלעכע שפּיציקע הוט. יעדן גאַסט האָט ער מקבל פּנים געווען מיט אַ זינגעוודיקן פּזמון:

חן אויף דער וועלט און חן אויף יענער וועלט
זאָלט איר אַזוי חן האָבן
ווי עס האָט חן חיים־מאיר.

יידענעם האָבן גערעדט אַז טאָמער קומט ניט חיים־מאיר דער סווירער אויף אַ חתונה, וועט קיין גליק ניט זיין. ער פלעגט זיך צושאַרן צום אויסגעשטעלטן טיש, מיט דריטל־מענערשע, דריטל־פרויאישע און דריטל שעדישע טריט, יעדן דערלאַנגט פונעם כיבוד. דעם סאַרווער האָט ניט געערגערט אַלמאַי חיים־מאיר נעמט אַ ווײַלינקע איבער זיין אַרבעט. וויפל טרויער ס׳האָט זיך ביי דעם חיים־מאיר׳ן אָנגעקליבן, אַזויפל פרייד האָט ער יענעם אויסגעטיילט.

מער פון אַלצדינג האָט מען יאָרן לאַנג אין סווינציאַן פאַרגעדענקט וואָס דער איוואַנטער האָט אַראָפּגעבראַכט פון הינטער וואַרשע צוויי חסידישע רביים זיי זאָלן האַלטן דרשות. אַז די רביים זיינען אַ טאָג פאַר דער חופּה אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל אין סווינציאַנקע, אַ מהלך צען וויאָרסט, האָבן די מחותנים זיי אָפּגעוואַרט. קיין רגע האָט ניט געדויערט און גאַנץ סווינציאַנקע האָט זיך אָנגעזאַמלט אָנקוקן אַ בייזוואונדער. קיין גאַרטלען מיט קיין פּאות מיט קיין זיידענע בעקעשעס מיט קיין ווייסע זאָקן האָט מען אין יענע מקומות אין לעבן ניט געזען. ניט מ׳האָט געלאַכט איינצלווייז נאָר די גאַנצע שטאָט האָט זיך געקייקלט פאַר געלעכטער. מ׳האָט גערעדט אַז באַרנום׳ס צירק האָט זיך אין אַ קלאָרן פרימאָרגן אַראָפּגעלאָזן אויפן

סווינציאַנקער וואָקזאַל מיט אַ לופט=באַלאָן. הירשע=לייב תרשיש מיט לאָקע איוואַנטער האָבן באַלד אויפֿן אָרט איינגעזען, אַז טאָמער וועט מען די אורחים נכבדים אַראָפּפֿירן אין סווינציאַן, אַזוי איז געווען דער פּלאַן, וועט מען די חוכא וטלולא הערן אַזש אין טראָק. די אויסגעבענקטע חתונה וועט זיין צו שאַנד און צו שפּאָט. ניט קוקנדיק וואָס ער איז אַליין געוואָרן מטושטש פֿונעם אויסזען פֿון זיינע הויכגעשעצטע געסט, האָט לאָקע איוואַנטער, בטבע אַ געניטער סוחר, באַלד אויף אַן אָרט די פּוילישע רביים אָנגעזאָגט אַז צוליב זייער אומגעהייערער חשיבות, האָט מען זיי איינגעאָרדנט אין בעסטן האָטעל, ניט ווייט פֿון וואָקזאַל אין סווינציאַנקע. אין סווינציאַן גופא דאַרפֿן אַזעלכע געסט נתגלה ווערן צו די דרשות גופא, אַניט ווערן צעטרענצלט די ניצוצות קדושה. די צוויי רביים האָבן אים אויפֿן וואָרט געגלייבט. איינער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער ייד מיט אַ שיטערער ווייסער באָרד מיט אַ סך שפּיצן. דער צווייטער איז געווען אַ קליין רונד יידעלע מיט אַ געדיכטער פּירקאַנטיקער באָרד, אויך אַ ווייסע. זיי האָבן ביידע געגעכטיקט אין סווינציאַנקע, געגעסן און געטרונקען כיד המלך אויפֿן העכסטן עטאַזש פֿון גרויסן האָטעל. מ׳האָט מיט זיי אָפּגערעדט אַז אַ קאַרעטע וועט זיי אויף מאָרגן קומען אָפּנעמען, זיי זאָלן אָנקומען אויף דער חתונה פּונקט צו די דרשות.

אויף מאָרגן איז כמדובר אָנגעקומען אַ קאַרעטע מיט צוויי קאַשטאַנעם נאַשפּיץ. אויפֿן שפּאַן זיינען געווען פֿאַרשידענע עקספּאָנאַטן, זילבערנע גלעקלעך מיט בלישטשענדיקע ניקלנע קנעפּלעך. דער פֿורמאַן איז געווען אויסגעפּוצט מיט אַ בלויען מונדיר מיט גאָלדענע פּאַסן. אַז מ׳איז אָנגעקומען אין סווינציאַן אויף דער חתונה, זיינען די ביידע חסידים אַריין אין זאַל פֿון דער

באַנק, אין דער פּולער פּראַכט, מיט שטריימלעך און זשופּיצעס. דער עולם האָט גלייך אויסגעפּלאַצט מיט אַ העלישן, שיידימדיקן געלעכטער. מ׳האָט אַנדערש ניט געהאַלטן נאָר אַז דאָס זיינען צוויי בדחנים פון אויסלאַנד וואָס דער גביר האָט אַראָפּגעבראַכט אויף דער חתונה, דעם עולם פריילעך צו מאַכן. אַלע זיינען געווען שטאַרק אָנגעשנעפּסלט. די פּוילישע געסט האָבן געמיינט אַז מ׳לאַכט אויס שיכורקייט און הולטייסטווע סתם. זיי זיינען געווען צוגעוואוינט אַז קלעזמער זאָלן שפּילן חסידישע ניגונים. דאָ איז אָבער געווען אַן אָרקעסטער מיט מאַנדאָלינעס און דער גאַנצער עולם האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אויסגעזונגען דאָס זעלביקע ליד.

אין אַ שטאָט סווינציאַן, פריילעך איז אַצינד
חתונה איז היינט ביי לאָקעלע׳ס אַ קינד
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
חתונה איז היינט ביי הירשע־לייב׳ס אַ קינד.

אויף אַ גרויסן טיש, שטייען פלעשער ווייַן
לאָקעלע דער מחותן גיסט אין האַלדז אַריין
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
הירשע־לייב דער מחותן גיסט אין האַלדז אַריין.

אין אַ לייוונט קלייד, האָדעלקע אויסגעצירט
בענע־ביינוש׳ס נייע שטיוול מיט דזשעגעכץ אויסגעשמירט
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ

טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
בענע־ביינוש׳ם נייע שטיוול מיט דזשעגעכץ אויסגעשמירט.

שטייט אַן אַלטער יידעלע, אָנגעשפּאַרט אין וואַנט
אַ מאַנדאָלינע האַלט ער, ער איז דער מוזיקאַנט
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
אַ מאַנדאָלינע האַלט ער, ער איז דער מוזיקאַנט.

ס׳איז ניטאָ קיין שטולן, שטייט מען ביי די ווענט
ס׳איז ניטאָ קיין לעפל, עסט מען מיט די הענט
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ
ס׳איז ניטאָ קיין לעפל, עסט מען מיט די הענט.

## ה

נאָך דער חתונה האָט בענע־ביינוש איוואַנטער ווייטער געאַרבעט ביים טאַטן אין די מעל געשעפטן. די איוואַנטערס איז אין מסחר געגאַנגען ווי אויף רעדלעך. זיי האָבן אָפּגעקויפט די אַלטע וואַסערמיל אין אַלשעווע, אויפן סווירער וועג, מ׳זאָל צו קיינעם ניט דאַרפן אָנקומען. ביינאַכט האָט זיך בענע־ביינוש׳ן געחלומט אַז די דערקוויקנדיקע ריחות פון די איוואַנטערס׳ מעל דערשמעקט מען אַזש אין ווילנע. דעם זון מיט דער שנור האָט דער אַלטער איוואַנטער אָפּגעגעבן אַ דירה מיט זיבן צימערן אויף אַדוטשקער גאַס, אַ סימן טוב אויף שבעה בנים. האָדעלקע

האָט געוועלט צושטעלן אַ האַנט ביי די געשעפטן נאָר מ׳האָט איר געהייסן בלייבן אין דער היים און אָפּהיטן איר געזונט, מחמת טראָגן, האָבן און האָדעווען איז די שווערסטע מלאכה.

אַז דער ביינערדיקער, אָנגעצויגענער ביינע=ביינוש האָט קיין מאַנסבילשע גבורות אין יחוד=חדר ניט באַוויזן איז אים קיין חידוש ניט געווען. מ׳האָט אים אָנגעוואָרנט אַז אַזוי׳עט זיין. גאַנצע זעקס חדשים האָט געדויערט ביז ער האָט זיך רעכט באַהאָפטן מיט זיין פרוי און דאַמאָלסט איז עס זיי ביידן קיין תענוג ניט געווען. האָדעלקע האָט פאַר די צוגעמאַכטע אויגן געזען אין דמיון נאָר דעם טאַטן ווי ער גיט דעם תקיעת כף לאָקע׳ן דאַמאָלסט אַז זי איז נאָרוואָס אויף דער וועלט געקומען. ביינע=ביינוש ווידער האָט פאַר די ברייט געעפנטע גלאָצנדיקע אויגן געזען די אייגענע סצענע, מערניט ער האָט זיין טאַטן ביים געבן תקיעת כף געזען. בייטאָג האָבן מאַן און ווייב שטיפעריש געטריבן צווישן זיך קאַטאָוועס וועגן „גאָט׳ס אַרבעט״ וואָס האָט אין זייער פריוואַטן לשון געהייסן אויך „מאַכן דעם מנין״.

שלעכטע נעכט האָבן אָבער קיין שלעכטע טעג ניט אָנגעבראַכט. האָדעלקע און בענע=ביינוש האָבן גוט צוזאַמענגעלעבט. זיי זיינען געגאַנגען שפּאַצירן איבער די גאַסן געאָרעמט, איינער דעם אַנדערן אַ גלעט געטאָן די פּלייצע בפרהסיא. אַזעלכע „פרייע שטיק״ האָט מען צווישן פרומע אין סווינציאַן זעלטן ווען געזען. אין טראָגן איז האָדעלקע אָבער פּאָרט ניט פּאַרגאַנגען און דעם פעלדשער׳ס אַלע סגולות — זאַמד=בעדער מיט בלאָטע=בעדער, פּראָשיקעס מיט שווענקעכצער — האָבן קיין פּעולה ניט געהאַט. ליצנים האָבן אָפּגעלאַכט דעם „בעזדעטניק״ מיט דער „בעזדעטניצע״. דער

סווינציאַנער בעל־עגלה מעישקע־זשוליק, אַז ער האָט זיי אָנגעגעגנט אין גאַס, זיצנדיק אויף דער סחורה, אין זייט פון זיין אָנגעלאָדענעם וואָגן — דער פערד זיינער האָט שוין געוואוסט וואוהין גיין —, פלעגט ער טאָן אַ זינג־אויס:

שרה־באַדאַנע שטייט אין שפּיגל
פאַרקעמט זיך אירע האָר
פאַר אַלעמען איז זי משוגע
פאַר זיך איז זי קלאָר.

נאָכדעם ווי זי האָט עטלעכע צענדליק מאָל אויסגעהערט מעישקע־זשוליק׳ס זינגעכץ, האָט האָדעלקע גענומען פאַרשטיין אַז דאָס זידלט מען איר אויס, מ׳נעמט איר אָן פאַר אַ משוגענער בטלנטע וואָס זיצט ליידיק אין שטוב און פּוצט זיך די גאַנצע צייט. אָנשטאָט טאָן עפּעס אַן אַרבעט וויל זי נאָר טראָגן און האָבן און צו דעם טויג זי אויך ניט. זי האָט גענומען זען אין די חלומות ביינאַכט ווי רויבער אין וואַלד שעכטן מעישקע־זשוליק מיט קצבישע מעסערס, מ׳האַקט אָפּ די קאָפּ זיינע, מ׳שטופּט אַריין אין דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ אַ שפּיז, און די שפּיז קלאַפּט מען צו צום וואָגן, און מעישקע׳ס פערד, וואָס קען אַלע וועגן, פירט אויף אייגענער אחריות דעם וואָגן אויפן סווינציאַנער מאַרק מיטן באַלעבאָס׳ס קאָפּ אויף דער שפּיז.

בענע־ביינוש׳ן האָט געערגערט וואָס חנא דער קוימענ־קערער, ער איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט פון מיכאַלישעק, פלעגט אַרומגיין איבער די גאַסן און אונטערברומען אַ לידל מיט אַ טרויעריק־זיסן קול וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַן איבערגע־צייגטקייט אַז קיינער הערט זיך ניט צו:

אַרבעט אַרבעט, געלט ניטאָ
פּיקן⸗מיקן, קינדער דאָ.

חנא איז געווען אַ הויכער דאַרער ייִד מיט אַ פֿעך⸗שוואַרצער באָרד. ער איז געווען אַן אָרעמאַן, אַ מטופּל מיט זיבן קינדער, און מ׳האָט גערעדט אַז ער האָט אָנגעמאַכט נאָך אַ פּאָר צענדליק בעתן אויסקערן קוימענס בייטאָג, אַז די ווייבער שאַפֿן מיט באַלעבאַטישקייט און די מענער זיינען ערגעץ ביי דער אַרבעט. אַנדערע האָבן חנא׳ן באַטראַכט פֿאַר סתם אַ קוימענ⸗קערער, נאָר ביי בענע⸗ביינוש׳ן איז ער געווען דער שוואַרציאָר וואָס דער רבונו של עולם שיקט אונטער אויף צו מוטשען יענע וועמענס גורל עס איז דורכפֿאַל און חרפּה. וואָס האָט אים געטויגט די גאַנצע מעל געשעפֿטן מיט דער ירושה אַז ער קען אויך איין קדיש אויף דער וועלט ניט ברענגען, ווער רעדט נאָך זיבן. ער האָט געשפּירט אַז קהל לאַכט אים אויס, האַלט אים פֿאַר אַ סרים, אַ קצר⸗כח, אַ האַלבן מאַן.

## ו

אַז ס׳האָבן זיך צוגערוקט די צען יאָר האָט מען אין שטאָט גענומען ריידן. ער׳ט איר דערלאַנגען די צוועלף שורות צי ניט? דער טאַטע ט׳זיך איינשפּאַרן? אַז ס׳איז דאָ שלום בית, דאַרף מען אַלצדינג גיין צעשטערן צוליבן נאַרישן באַגער פֿון די מחותנים: אַ רייכער וויסערחברהניק און אַן אָרעמער וויסער⸗חברהניק?

האָדעלקע׳ן איז געווען אַ טויטקלאַפּ אַז אין איינעם אַ

פֿאַרנאַכט האָט ביי איר דער מאַן געבעטן צום ערשטן מאָל, זי זאָל אים צושטעלן אַ גלעזעלע משקה. ער האָט געבעטן אַ צווייט גלעזל. אַ דריט גלעזל. אַ פֿערט גלעזל. געטרונקען האָט ער ווי מ׳טרינקט אויס אַ רפֿואה וואָס קאַם וואָס מ׳קען עס אין מויל אַריינגעמען. דער סוף איז געווען אַז די פֿלאַש איז געשטאַנען אַ ליידיקע. אַ דינער שווייס האָט בענע־ביינוש׳ן באַדעקט די קאָפּ מיט די שיטער־געוואָרענע ברוין־געלע האָר, און האָט זיך ביסלעכווייז אַראָפּגעלאָזן אויף זיין קעצישן פּנים. טראָפּנס שווייס פֿון יעדן ברעקל פֿון קאָפּ מיטן פּנים האָבן זיך סוף כל סוף אָנגעיאָגט אַרום האַלדז, און די שווייסיקע פּערל זיינען אים אַריינגעקראָכן אין צעכראַסטעטן קאָלנער. האָדעלקע איז געזעסן שטום. אירע הענט זיינען געלעגן שטאַרע אויפֿן טיש. אירע געדיכטע שוואַרצע ברעמען האָבן זיך צעבויגן און צעקרימט. אַן איינאיינציקע טרער האָט זיך פֿאַרהאַלטן ביים אונטערשטן ראַנד פֿון לינקן אויג.

בענע־ביינוש האָט גענומען ריידן מיט יענעם פּזמון מיט וועלכן עס חזרן איבער חדר־ייִנגלעך דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט פֿון אויסנווייניק.

— האָדעלקע. האָדעלקע. איך האָב דיר זייער ליב און מיר לעבן גוט. — — די זאַך פֿון דעם איז אַזוי. דער טאַטע זאָגט אַז מ׳דאַרף זיך — — ווייסט — —. מיר וועלן ביידע ווידער חתונה האָבן — — און האָבן קינדער. מיר — —

ווייטער איז אים די צונג אָפּגענומען געוואָרן ווי אויף פּאָפּלעקסיע. ער איז ראַפּטום אַרויסגעלאָפֿן צו די עלטערן דערציילן פֿון זיין גבורה ביים געבן דער ווייב צו פֿאַרשטיין דאָס וואָס מ׳דאַרף. צו דער דירה אויף אַדוטשקער גאַס האָט ער זיך מער ניט אומגעקערט. האָדעלקע האָט זיך יענע נאַכט ניט

געריַרט פון טיש. אַז דער טאָג האָט גענומען גרויען האָט זי די קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אויפן טיש און איז איינגעשלאָפן געוואָרן, מיט די מלבושים, מיטן ביטערן שווייסיקן שלאָף פון יענע וואָס האָבן אַלצדינג אָנגעוואָרן.

שעהן זיינען אַוועק און די מאַמע, בתיה די תרשישקע, איז אַריין אין דער דירה, האָדעלקע׳ן געפונען מיטן קאָפּ אויפן טיש, איר איבערגעוועקט, אויסגעטאָן און צוגעפירט אין בעט אַריין. הירשע־לייב איז געשטאַנען ביי דער טיר און געוויינט ווי אַ זויג־קינד. דעם בריוו פון מחותן, אַז מ׳גיט האָדעלקע׳ן די דירה און אַ בכבודיקע הכנסה אויפן גאַנצן לעבן, האָט ער געהאַלטן אין דער נאַסער האַנט. אַז ער האָט עס געוועלט געבן דער טאָכטער האָט ער געזען אַז ס׳איז אויסגענעצט און צערונצלט.

ז

וויפל דער גט האָט האָדעלקע׳ן ניט געשטאָכן אין האַרצן, איר געבראַכט ביז צום ראַנד פון זעלבסטמאָרד — זי האָט געהאַלטן אַ פּושקע מיט עסיק אין קיך — איז איר די זאַך קיין חידוש ניט געווען. זי האָט וואויל געקענט דעם דין מיט די צען יאָר. זי האָט געוואוסט צו וואָס מ׳האָט דעם שידוך אירן בכלל געטּ׳עדט. וויפל זי האָט די מחשבה ניט געפּרואווט פאַרשטויסן, האָט זי זיך ניט געקענט אָפּטרייסלען פונעם איינפאַל אַז איר אומגליק האָט אויף איר אָנגעבראַכט ניט קיין אַנדערער נאָר דער טאַטע אין טאָג פון איר געבאָרן ווערן. אַז זי איז אַוועק אָפּנעמען ביים מאַן דעם גט, ביים סווינציאַנער רב אין בית־דין שטוב, האָבן די אויגן אירע אַרויסגעשטאַרצט אין פענצטער אַריין

עלעהיי זי וואָלט באַקלערט סתם אַ פּונקט אינדערלופּטן, מיט יענע צעקרימטע ברעמען וואָס זיינען איר ווי פאַרגליווערט געוואָרן דעם פינצטערן מיטוואָך ווען דער מאַן האָט איר די בשורה אָנגעזאָגט. דעם גרימצאָרן וואָס האָט ביי איר אין האַרצן געברענט האָט זי אויסגעלאָזן דעם טאַטן. ביי הירשע־לייב תרשיש איז זי ניט געווען קיין טאָכטער נאָר אַ טראַכט. דער טאַטע האָט איר צוגעזאָגט אַז ער׳ט איר אַ נייעם שידוך אויסזוכן, נאָר זי האָט פעסט געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז מער וועט זי ניט חתונה האָבן. וויל מען קרבנות צום סחידישן מנין — זי האָט עס אַליין געגומען אָנרופן „סחידיש" — טאָ זאָל מען אַוועק אין ווילנע אין קינדער־היים און נעמען.

אין דער איינזאַמער זיבן־צימערדיקער דירה אויף אַדוטשקער גאַס האָט האָדעלקע געשפּירט אַז זי גייט אַראָפּ פון די רעלסן. זי האָט גענומען טראַכטן אַז זי איז אין יעדן פאַל אַ פאַרלאָרענע נשמה פאַר וועמען עס וועט דאָ אויף דער וועלט קיין תיקון ניט זיין, כאָטש זי איז געווען אַ גרושה מיט אַ הכנסה, אַ יפת תואר, און עטלעכע יאָר האָבן איר געפעלט צו די דרייסיק. ס׳האָט איר געדאַכט אַז זי געדענקט קלאָר דעם לחיים פון די צוויי טאַטעס אין טאָג פון איר געבאָרן ווערן. מ׳האָט איר אויף דער וועלט געבראַכט איבער הייליקע שליחותן און וויבאַלד ס׳איז ניט אַרויס ווי ס׳האָט באַדאַרפט צו זיין, איז זי אַ געשטאָרבענע וואָס וואַלגערט זיך נאָך אַרום אין סווינציאַן ווייל דער מלאך המות, דאַמאָלסט אַז מ׳דאַרף אים, ווייזט ער זיך אַרויס פאַר אַ לויטערן פּויליאַק. די קלערעכצער האָבן איר געפּייניקט און געמוטשעט. אינמיטן דערינען האָט זי דערהערט אין גאַס אַ קלאַפּעניש מיט אַ געשריי. דורכן פענצטער האָט זי דערזען דעם באַקאַנטן סווינציאַנער משוגענעם, „דעם טאַנגאָ". דער טאַנגאָ — אַזוי׳ט

מען אים גערופן — ער פלעגט ניט גיין נאָר ער פלעגט טאַנצן איבער די גאַסן מיט זיין פאַרדרייטן שטעקן. ער איז געווען אַ הויכער, אַ גלייכער, אַ געלער, מיט אַ לאַנגער ברייטער באָרד ווי ביי אַ רב, ער איז אַלעמאָל געגאַנגען מיט אַ קאָסטיום. ס׳איז געווען קענטיק אויפן פּנים אַז מ׳האָט צו טאָן מיט אַ ניט־דערבאַקענעם. ער פלעגט אַרומגיין מיט זיין שטעקן און קלאַפּן אָן די שילדן און אויסרופן דעם נאָמען פון יעדן געשעפט. האָדעלקע האָט אַראָפּגעקוקט אין גאַס מיט פאַרטראַכטע אויגן און מיטן ערשטן שמיץ פון אַ שמייכל פון זינט איר אומגליק. זי האָט דערהערט ווי דער טאַנגאָ האָט אַ קלאַפּ געטאָן און בשעת מעשה אַרויסגערופן אויף די העכסטע טענער:

— אָט דאָ איז לולינסקי׳ס אייזן קראָם!

אַ ביסעלע שפּעטער האָט זיך געהערט נאָך אַ שטאַרקערער קלאַפּ מיט אַ העכערן געשריי:

— און דאָס איז יאָסקע־צערנע׳ס בעקעריי!

האָדעלקע איז אַראָפּגעלאָפן אין גאַס און אַ סאָפּענדיקע פון דער לויפעניש איז זי צוגעגאַנגען צו דעם יידן.

— טאַנגאָ!

— האָדעלקע תרשיש! ווי גייט עס אייך?

— וואָס פרעגט איר נאַרישקייטן, אַז יעדערער ווייס פון מיין אומגליק. מיין לעבן איז פּוסט און ליידיק און איך האָב ניט וואָס צו — —

— איר זאָלט ניט ריידן! מיידל! מ׳דאַרף זיך פרייען אַז מ׳לעבט. קויפט זיך אַ פאַרדרייטן שטעקן ווי מיין שטעקן און קלאַפּט אָן די שילדן וואָס קלאַפּן קען זיין. און אַחוץ דעם דאַרפט איר נעמען טרינקען. איך טרינק אויסעט אַלע טאָג אַ פלעשל. ריינער ספּירט פון לינטופער ספּירט פאַבריק! סווינציאַנער זוכן

נאָר קלאָגן, האַלטן גאָט אין קעשענע און זעצן אוים חסרונות זיך און יענעם. אין לינטיפּ לעבט מען אַ טאָג!

ער האָט געגומען טאַנצן אויף אַן אָרט און האָט אויס־געקלאַפּט אַ ניגון מיט די שטיוול אויפן הילצערנעם טראָטואַר. די פּאַרצייטיקע ברעטער האָבן זיך געבויגן צום טאַקט. זייער אָנרייבן אָן די אומבאַוועגלעכע טשוועקעס האָט צוגעטראָגן אַ בת־קול צו איטלעכער נאָטע.

— לינטיפּ?! די מאַמע רופט עס אָנעט „די שיכורע שטאָט". דאָרטן איז נאָר דאָ שלעכטס. מיין מאַמע ווייס — —

— אַז אייער מאַמע זאָל זי געזונט זיין וואָלט עפּעס געוואוסט וואָלט זי ניט דערלאָזט דעם לאָבוסעוואַטן שידוך מיטן ביין!

— וואָס פּאַראַ ביין?

— וואָס מאַכט איר זיך געפּגרט? ביינע־ביינוש! אייער געוועזענער! אַז די מאַמע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס איז פאַר איר טאָכטער אַ מאַן, איז פון וואַנענט וויים זי וואָס פּאַראַ שטאָט איז לינטיפּ?

— וואָס האָט לינטיפּ צו מיין מאַן? לינטיפּ איז די שיכורע שטאָט!

— האַלט איר דאָך זיכער אַז ביסטרעץ איז „די פרומע שטאָט"?

— נו, טאַקע.

— און ביי אייך איז גלובאָק „די רייכע שטאָט"?

— נו, טאַקע, דאָרטן איז דאָ גבירים. הענדלער פון פלאַקס, תבואה, שניט — — מעל. מיין מאַן, דאָס הייסט, מיין געווע — —

— אוי! גענוג שוין מיטן מאַן! זאָלט איר געזונט זיין! לאָזט זיך אַרוים פון געשעפטן! פאָרט אין לינטיפּ אויף אַ טאָג וועט אייך

פרײַלעך װערן אױפֿן האַרצן. אַז דער טאַנגאָ הײסט גײן דאַרף מען ניט גײן, מ׳דאַרף טאַנצן!

און דער טאַנגאָ האָט אַװעקגעטאַנצט, דרײענדיק זײַן שטעקל אינדערלופֿטן.

ח

האָדעלקע האָט זיך דערװאוסט אַז בענע־בײנוש איז װידער געװאָרן אַ חתן. זי האָט אים אָנגעשריבן אַ מזל־טוב, האַלב אױף ייִדיש האַלב אױף דײַטשמעריש. איר איז געלעגן אין קאָפּ גאָר עפּעס אַנדערש — לינטיפּ, און דערװײַלע האָט זי גענומען באַטראַכטן סװינציאַן גופֿא. איר איז די שטאָט געװען געגליכן צו דער שענסטער װאַלד בלום, מיט איר מיטן און אירע אַרוים־שטראַלנדיקע גאַסן. אין סאַמע צענטער איז געשטאַנען דער מאַרק מיטן קלױסטער מיטן שולעף. פּאָשמענער גאַס האָט געפֿירט אין פּאָשמענע, אַדוטשקער גאַס אין הײדוציטשעק, לינטופּער גאַס אין לינטיפּ, װידזער גאַס אין װידז. הינטערן שטאָט איז פֿון יעדער „גאַס״ געװאָרן אַ „װעג״. פֿון פּאָשמענער גאַס — פּאָשמענער װעג. פֿון אַדוטשקער גאַס — אַדוטשקער װעג. נאָר פֿון לינטופּער גאַס איז געװאָרן ניט לינטופּער װעג, אלא װאָדען: „די שיכורע װעג״.

האָדעלקע האָט גענומען אַלע טאָג גײן אױף לאַנגע שפּאַצירן. נאָך די יאָרן זיצן אין שטוב, לױט דער עצה פֿון דער מַאַמען אַז פֿון זיצן אױף אַן אָרט פֿאַרגײט מען גיכער אין טראָגן, האָבן די שפּאַצירן אין איר אַרײַנגעטאָן אַ פֿלינקײט. אַװעק אַ פּאָר װאָכן האָבן סװינציאַנער איר אָנגערופֿן מיט אַ נײַער צונעמעניש: „די

גייערין״. אין די זומערדיקע טעג איז זי געווען אין וועג אַכט, צען, צוועלף שעה אַ טאָג. אין דער היים איז זי געווען מערניט אַז אין גאַס איז געווען פינצטער. ווייבער האָבן גערעדט אַז דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס זי וויל ניט אָנקוקן אין גאַס דעם בענע־ביינוש׳ן, מיט זיין נייער כלה. האָדעלקע׳ס באַליבטסטער מאַרשרוט איז געווען דורך סטרונויצער גאַס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי די גרויסע בלויע קופּאָלן פון דער צערקווע. זי פלעגט פּאַמעלינקעם אַדורך די אַלע דערפער, פון סאַלאָמענקע און ביז קאָסטעווויטש. זי האָט זיך אָפּט אַוועקגעלאָזט אויף די זייטיקע וועגעלעך און סטעזשקעס פוןביידע זייטן. ווען ניט ווען איז זי דערגאַנגען אַזש ביז סטראַטשער וואַסערמיל וואו זי פלעגטריידן שעהן לאַנג מיט אַ פאַרזעסענער מיידל, ראַסע בענדע־גד׳ס ט׳מען איר גערופן, זי׳ט דאָרטן געאַרבעט. האָדעלקע מיט ראַסע זיינען געזעסן אויף דער בריק וואָס פירט צו צו דער מיל, און קוקנדיק אויף די איילנדיקע וואַסערן פון דער סטראַטשע, האָבן זיי שוין געפונען וואָס צו ריידן. מער פון אַלצדינג האָבן זיי גערעדט פון לעבן און פון טויט. פון בחורים און פון מענער, פון ליבע און פון קינדער, האָט זיך זיי ביידן ניט פאַרגלוסט ריידן. אַחוץ דעם בערגל ביים סטרונויצער קלויסטער איז דער גאַנצער שפּאַציר געווען אויף אַ פלאַכן באָדן וואָס פלאַך קען זיין. אַרום און אַרום זיינען געווען סאָפלאָזע פעלדער מיט הימלען וואָס האָבן זיך אינדערוויטנס צונויפגעגאָסן אין אַן איינאייניקן גרין־בלויען ווען. גייענדיק האָט זיך האָדעלקע׳ן אָפּגעדאַכט אַז זי איז די מלכה איבער די ליטווישע פלאַכן. זי האָט זיך געגריסט מיט פּויערים וואָס זיינען פרילינגצייט נאָכגעגאַנגען פערד, מיט די לייצעס אין די הענט, פאַרזייענדיק די פעלדער.

ניט איינמאָל איז האָדעלקע, די גייערין, אַוועק אויף לינטופּער

גאָם מיט אָ פּלאַן אַז זי וועט די גאַנצע צוועלף וויאָרסט ביז קיין לינטיפּ צופוס גיין. ביי איר האָבן די צוועלף וויאָרסט קיין ווערדע ניט געהאַט, זי האָט שוין באַוויזן מער. די זאַך איז אָבער ניט געווען פּשוט. מ׳האָט איר געקענט דערזען און ס׳וואָלט טאַטע=מאַמע אָנגעמאַכט אַ בושה. אַ חרם איז אַ חרם. איר איז איינגעפאַלן צוכאַפּן זיך מיטן „קליינבאַן”, אַ באַנעלע מיט דריי געזעסן אין דער ברייט — צוויי צוזאַמען און איינע פאַר זיך. דער קליינבאַן איז דאַמאָלסט געפאָרן פון סווינציאַנקע און ביז קאַבילניק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין סווינציאַן, לינטיפּ, אַלשעווע, קאָנסטאַנטינאָוו. צוליב דער סטאַנציע לינטיפּ האָבן סווינציאַנער יידן אויסגעמיטן דעם גאַנצן קליינבאַן פאָרנדיק צו מזרח צו. מ׳איז געפאָרן בלויז אויף מערב קיין סווינציאַנקע. אַז מ׳האָט גערדאַרפט פאָרן אויפן קאַבילניקער וועג, האָט מען איינגעשפּאַנט אַ פערד, און מ׳איז אַוועק מיטן צפונדיקן וועג דורך קאַמאַי, צי מיטן דרומדיקן וועג וואָס דורך שימעני־שעק.

אַז זי איז אָנגעקומען אין סווינציאַן אין איינעם אַ שפּעטן פאַרנאַכט, האָט זיך האָדעלקע אַ רגע אָפּגעשטעלט ביי אַ ציגלנעם בנין אויף סטרונויצער גאַס, וואו ס׳האָבן זיך געפונען די צימערן פון דעם באַקאַנטן יידישן דאָקטער איגנאַץ אַלשעווסקי, וועמען סווינציאַנער יידן האָבן אָנגערופן איצקע אפּיקורס. האָדעלקע׳ס מחשבות זיינען אַריין אין אַן אימפּעטיקן שוואונג, ווי זיי וואָלטן פון עמעצן אויסער איר געפירט געוואָרן לויט אַ פאָראויסיקן פּלאַן. אַלע האָבן געוואוסט פון סקאַנדאַל וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן דאַמאָלסט אַז דער דר. אַלשעווסקי האָט זיך אומגעקערט קיין סווינציאַן נאָך אַ יאָר צוואַנציק אין אויסלאַנד. ער איז געווען דער זון פון וואַלד סוחר אַלשעווסקי, אַ גביר אדיר, וואָס האָט אים געשיקט ענדיקן מעדיצין אין באַזעל. דאָרטן ט׳ער

חתונה געהאַט מיט אַ רייכער יידישער מיידל פון ענגלאַנד וועמענס עלטערן האָבן געשטאַמט פון דייטשלאַנד. איגנאַץ אַלשעווסקי מיט זיין פרוי האָבן געלעבט אין באַזעל, אין לאָנדאָן און אַ יאָר צען אין עגיפּטן. פּוילישע פּריצים, רייכע רוסן פון פּאָלעסיע און יידן משכילים פון ווילנע האָבן גענומען אויספּאָרן לאַנגע וועגן אין סווינציאַן אַריין, אויסזוכן דעם ניי־מאָדישן דאָקטער מיט זיינע אויסטערליש־וואונדערלעכע רפואות.

דער טומל ביי יידן האָט זיך גענומען פון זיינע „גייענדיקע רפואות". צו אים אין קאַבינעט איז אַריין סאָניע קאָוואַרסקי, די ווייב פון אַ גביר לאָזער קאָוואַרסקי, יאָרן לאַנג ט'זי געליטן אויף קאַטאַר. זי האָט זיך געריכט אַז ער וועט איר נאַרייען טאַב־לעטקעס פון אויסלאַנד. דער דאַמאָלסט פערציק יאָריקער דאָקטער אַלשעווסקי, אַ מיטלוואוקסיקער מיט אַ שפּיציקן קין, ער איז געגאַנגען מיט רונדע דוע־וואָנצעס, האָט איר געגעבן ניט קיין רעצעפּט נאָר צוויי תרופות וואָס קאָסטן קיין געלט ניט. ערשטנס, האָט ער איר געהייסן גיין שפּאַצירן אין וואַלד, אַ שעה אַלע טאָג — פרילינג איז דאָס געווען — און צעטרעטן די מגן־דוד בלומען, זעקס־שפּיציקע ווייסע און פּורפּורנע בלומען וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבערן באָדן פון די אַרומיקע וועלדער ווי אַן אָנגעמאָסטענער טעפּעך. ער האָט דערקלערט אַז די בלומען, אַז מ'צעטרעט זיי, לאָזן זיי אַרויס הייל־שטאָפּן, וואָס כאָטש מ'קען זיי ניט אָנשמעקן, דרינגען זיי אַריין דורך די נעזלעכער און היילן אויס אַ קאַטאַר. די צווייטע רפואה איז געווען — גיין אַ שעה אַ טאָג אויף אַ שטילן ברוקירטן וועג. די ניט־גלייכע און אַביסל שטעכיקע ברוקשטיינער מאַכן אַ מאַסאַזש די פּיאַטעס און היות ווי די אינערלעכע קאַנאַלעכלעך לאָזן זיך אַלע אויס אין די פּיס, איז דאָס אַ רפואה דעם גאַנצן גוף.

קאָוואַרסקי׳ס ווייב איז גלייך אַרויסגעלאָפן פון דאָקטער׳ס קאַבי־נעט און האָט אָנגעהויבן שרייען גוואַלדן אויף סטרונויצער גאַס:

— איצקע אפיקורס איז משוגע אויפן גאַנצן קאָפּ! פון רפואות וויים ער ניט, שיקט ער אין וואַלד אַוועק! קוועטשן שטיינער! קינדערלעך! אַ משוגענער! אַז אָך און וויי! וואָס ס׳ווערט פון סווינציאַן! גאָט!

ער האָט זיך פונדעסטוועגן געמאַכט אַ שם אַ גוטן.

ט

פון זינט דער חופּה, מ׳שטיינס געזאָגט, האָט האָדעלקע אַליין געליטן אויף אַ קאַטאַר. מ׳האָט איר עטלעכע צענדליק מאָל געשטעלט באַנקעס אויף די אָרעמס און אויפן רוקן, און ס׳האָט צייטנווייז געהאַט אַ פּעולה. פון זינט ס׳האָט מיט איר געטראָפן אַ שטיקל סיבה, ווען דאָס אָנגעצונדענע פּאַלקעלע מיט דער וואַטע מיטן אַגיקאָלאָן אינאיינעם זיינען געפאַלן אויף איר הוילן רוקן דורך די ציטערדיקע הענט פון אַן אַלטער באַנקעס־שטעלערין, און איר אָפּגעבריט, זי׳ט דערזען דעם זיבעטן הימל, האָט זי ווייטער ניט געלאָזן מ׳זאָל איר קיין באַנקעס שטעלן. פון זינט דעם גט, האָט זיך דער קאַטאַר פאַרשטאַרקט און זי האָט אָנגענומען די אָנגעשטאָפּטקייט פאַר גאָט׳ס אַ שטראָף צו דער ווידערשפּעניקער טראַכט. קלערעכצער האָבן זיך ביי איר געיאַוועט, זיי האָבן גענומען אויסמישן זיך. דער קאַטאַר. נייע רפואות. צעטרעטן וואַלד בלומען. גיין אויף לאַנגע בּרוקירטע וועגן. לינטיפּ. דער דר. אַלשעווסקי. וואָס היינט אויפן האַרצן איז מאָרגן וואָר. מיט קלאָגן צו זיך אַליין אַלמאַי זי גייט צו אַ

קעסטלעכן דאָקטער אַן אפּיקורס איבער אַ קליניקייט, איז האָדעלקע מיט שטילע טריט אַריין אין דעם דאָקטער׳ס אויפנעם־זאַל, וואו אַ מיטליעריקע פּוילישע פרוי מיט אַ ווייסן כאַלאַט, אַ קורצע און אַ דאַרע, האָט איר קאָרעקט אויפגענומען און אַריינגעשריבן אין דאָקטער׳ס באַשטעלונגס־בוך אויף מאָרגן.

יענע נאַכט איז האָדעלקע ניט איינגעשלאָפן. זי האָט ביי זיך איבערגעחזרט אַז אַ מענטש מיט אַ קאַטאַר דאַרף גיין צו אַ גוטן דאָקטער. אַ פּשוטער שכל. דאָ זיינען קיין עבירות ניטאָ. פון טיף אין אירע מחשבות נסתרות האָט זיך אָבער אַרויסגעגנבעט אַ געדאַנק, אַז אַלצדינג וואָס זי מאַכט פון זינט דעם גט, און פון זינט איר אַנטוישונג אין די עלטערן וואָס האָבן איר גענומען זען ווי אַ ניט־דערגראַנגענע טראַכט, אַ מאַכאַרייקע וואָס מ׳קויפט איין און אַז ס׳טויג ניט קען מען דעם קרעמער שוין ניט אומקערן, פון זינט דעם אַלעמען זוכט זי אַ נקמה. זי האָט גענומען גיין אויף די לאַנגע שפּאַצירן כאָטש די עלטערן האָבן איר שאַרף אָנגעוואָרנט אַז אַ פרוי אַליין טאָר ניט גיין אַזוי ווייט אין די וועגן. זייער עגמת נפש איז איר געלעגן אין דער לינקער פּיאַטע. מ׳האָט איר שוין מער ניט געזען אין חסידישן מנין אין עזרת נשים. זי האָט גענומען קלערן אַז אפשר דאַרף מען אַנטלויפן סתם, אין אַ וויטן דאָרף, צי קיין וואַרשע, אָדער גאָר אין אַמעריקע.

ניט קוקנדיק וואָס האָדעלקע האָט יענע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, איז זי אויף מאָרגן אַרויס פון בעט, קאָכיק און מונטער, באַלד ווי די פרימאָרגנדיקע זון האָט זיך פּאַסנווייז אַריינ געכאַפּט צו איר אין שלאָפשטוב דורך די ראָלעטן. זי האָט אַלעווייַלע געקוקט אויפן אַלטן וואַנט־זייגער ביז ס׳איז געקומען די שעה ווען זי האָט געדאַפט זיין ביים דאָקטער. דאָסמאָל איז זי

אַריין אין דעם דאָקטער׳ס צימערן וואָס אין אַלטן ציגלנעם בנין אויף סטרונויצער גאַס מיט זיכערע טריט ווי ביי אַ דערפאַרענער פּאַציענטקע. די פּוילישע פרוי האָט איר באַגלייט ביז צום קאַבינעט. דער דר. אַלשעווסקי האָט איר געבעטן זעצן זיך און דערציילן וואָס איר איז. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּורפּורנע פעדער און פאַרשריבן אין אַ ביכל דאָס וואָס זי האָט דערציילט. אויף דער לינקער האַנט ט׳ער אָנגעשפּאַרט די קאָפּ. האָדעלקע׳ן האָט געדאַכט אַז צום ערשטן מאָל גיט מען זיך אָפּ מיט איר גופא, זאָל זיין אויף אַ וויילינקע און פאַר גוט געלט. דער דאָקטער איז געזעסן פון יענער זייט טיש. הינטער אים איז געווען אַ הויכער פענצטער און פוןביידע זייטן זיינען אויף דעמבענע פּאָליצעם געווען ביכער מיט אַלערלייאיקע אותיות נאָר ניט קיין יידישע, ביז צו דער סטעליע. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ לייטערל מיט רעדלעך, אַפּנים צו די ביכער וואָס אין דער הייך. אויף די אַנדערע ווענט זיינען געהאַנגען בילדער פון פרעמדע שטעט. האָדעלקע, אַלע אירע יאָרן איז זי געווען אַ שווייגערין, האָט דאָ גערעדט אָן אויפהער און מיט אַ גיכקייט וואָס האָט איר אַליין איבערגעראַשט. דעם דאָקטער׳ס מינעס, זיינע סימפּאַטישע אויגן און זיין פאַרשרייבן אַלצדינג האָבן איר געגעבן מוט, געגעבן צו וויסן אַז דאָס איז אַלץ וויכטיק, זי דאַרף ריידן ווייטער, זי דאַרף איבערגעבן מיט פּיטשעווקעס.

סוף כל סוף האָט ער ביי איר געבעטן זי זאָל אים נאָכגיין אין אַ צווייטן, קלענערן צימער. דאָרטן האָט ער מיט פאַרשידענע גלאָזן אַריינגעקוקט אין מויל, אין נאָז און אין די אויגן, איר געבעטן אַ הוסט טאָן. ער האָט איר צוריקגערופן אין ערשטן צימער אַריין, צום גרויסן טיש. אַז זיי האָבן זיך ביידע אַוועק־

געזעצט, האָט דער דר. אַלשעוווסקי אַ ברייטן שמייכל געטאָן און דער נייער פּאַציענטקע אָנגעזאָגט אַז ס׳איז גאָרניט מיט גאָרניט. האַרבסט וועט ער איר פֿאַרשרייבן טאַבלעטן, פֿרילינג איז דאָ גאָט׳ס אַ רפֿואה. צום קאַטאַר האָט דער דאָקטער איר געהייסן שפּאַצירן אין וואַלד, כאָטש אַ שעה אַ טאָג, און זען וואָס מער צעטרעטן די ווייסע און פּורפּורנע מגן־דוד בלומען וואָס בליען אויף פֿרילינגצייט. צום געזונט בכלל האָט ער געהייסן גיין אויף לאַנגע שטילע ברוקירטע וועגן „ביז וואַנען עס טוען וויי די פֿיס". ער האָט איר דערקלערט די תועלתן פֿון דיביידע זאַכן מיט הויכע דייטשישע און לאַטייניש‌ע ווערטער. ניט זי האָט אַ וואָרט פֿאַרשטאַנען, ניט ס׳איז איר אָנגעגאַנגען.

זי האָט אָפּגעדאַנקט דעם דאָקטער. ער האָט איר צוגעפֿירט ביז אין אויפֿנעם־זאַל. דאָרטן האָט זי דער פּוילישער פּרוי באַצאָלט און איז גיך אַרויס, ווי אַן אומגעלומפּערטער גנב, וואָס וויים נאָך ניט אַז לאחר המעשה דאַרף מען געלאַסן און רואיק אַוועקשפּרייזן. האָדעלקע איז ביז ווילנער גאַס אין צענטער שטאָט ניט דערגאַנגען. זי האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף רעכטס אין קליין סטרונויצער גאַס אַריין, פֿאַרבייגעגאַנגען דאָס שטיבעלע וואו זי האָט ביז צו דער חופּה די קינדערשע יאָרן אויסגעלעבט, קיין קוק ניט געטאָן צי טאַטע־מאַמע זיינען דאָ, און געגאַנגען ווייטער ביז לינטופּער גאַס. זי איז אַוועק אויף רעכטס אויף לינטופּער גאַס. זי איז געגאַנגען ווי אַ נאַכטוואַנדלערין. זי האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון אַז עס זיינען פֿאַראַן אויך אַנדערע וועלדער, אַנדערע וועגן. די תאווה צו „די שיכורע וועג" און „די שיכורע שטאָט" האָט שוין געפֿירט דאָס רעדל. דער טאַנגאָ האָט געהייסן און דער דר. אַלשעוווסקי האָט אויך געהייסן. זי איז אַוועק אין וועג וואָס פֿירט אין דער פֿאַרבאָטענער שטאָט.

## י

שוין די ערשטע מינוטן הינטערן שטאָט, האָט זיך האָדעלקע געכאַפּט אַז לינטופער וועג געפינט זיך ניט דאָ אויף דער וועלט. עס געהערט די הויכע היכלות. די ברוקשטיינער זיינען געווען פון קאָלירן וואָס קענען נאָר שטאַמען פון די עולמות עליונים. ניט בלויע, רויטע, ווייסע און גרויע נאָר בלוילעכע, רויטלעכע, ווייסלעכע און גרוילעכע. אין איטלעכן שטיין איז געווען אַ כל־שהוא פון אַ וואונדערלעך־אויסטערלישן קאָליר. אויף ווי ווייט ס'האָט פאַרנומען דאָס אויג, האָט זיך די וועג ניט געדרייט און ניט געשלענגלט, נאָר געפירט די אויגן מיט די מחשבות אויף אַ ווייטער שפּאָגל־גלייכער אייביקייט פון ברוקשטיין פאָראויס און וואַלד פוןביידע זייטן. אויף לינקס און אויף רעכטס האָבן געריזט נאָדלדיקע ביימער עוג־מלך־הבשנס. די מערסטע זיינען געווען יאָלקעס, מיט אַ ביסל סאָסנעס און איינציקע נידעריקע מאַי־ביימער. קיין בעריאָזעס, די ווייסע האַרנטעס פון די וועלדער אין יענע מקומות, זיינען ניט געווען. די יאָלקעס זיינען געווען נאָך העכער ווי די צוויי שפּיצן פון סווינציאַנער קלויסטער.

אויפן וואַלדיקן באָדן אין ביידע זייטן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ סאַמעטענער מאָך. אַלע ווילדע זיינען פון מאָך אַרויסגעוואַקסן וואַלדישע טעפּעכער מיט פּורפּורנע און מיט ווייסע מגן־דוד בלומען, איטלעכער מין פאַר זיך אין אַ טעפּעך שבטעפּעך. אַז האָדעלקע'ס אויג האָט די בלומען נאָר דערבליקט, איז זי אַראָפּ פון ברוקירטן וועג און אַריין אין וואַלד. אַ ווייליקע שפּעטער איז זי צוריק אַרויף אויף די ברוקשטיינער. זייערע סענסועל־רייצנדיקע שטעכענישן האָבן איר עלית נשמה און לעבנסלוסט

פֿאַרשאַפֿן. אָטאָ דער שפּאַציר איז געווען אַנדערש איידער אַלע אַנדערע שפּאַצירן. די צרות מיט די זכרונות האָט זי איבערגע־לאָזן אין סווינציאַן. זי איז געגאַנגען אויף גאָט׳ס אַ צויבער וועג.

קיין פֿויערשע שטיבלעך און קיין דערפֿער זיינען אונטער־וועגנס ניט געווען. וועגענער ט׳מען יענעם טאָג אויך ניט געזען. געהערט האָט זי נאָר אַ שאָרכן, אַ שיידימדיקן רוישן פֿון ווינט, וואָס האָט אויסגעקלאַפּט אַ ניגון אָן די אייבערשטע צווייגעלעך פֿון די ריזן־ביימער. זי האָט דעם ניגון געפּרוואווט כאַפּן נאָר באַלד ווי זי האָט אים גענומען אויסטאַפּן מיט די פּים אויף די ברוקשטיינער איז ער ווי אויף צעפּלאַצעניש ניטגעוואָרן.

## יא

האָדעלקע תרשיש איז געגאַנגען און געגאַנגען ביז וואַנען זי איז דערגאַנגען ביזן סוף פֿון ברוקירטן וועג, ביזן סוף פֿון וואַלד. פֿאָראויס האָט מען שוין געזען כאַטעס מיט פֿעלדער און אינדערוויטנס גאַסן מיט שטיבער. די לעצטע ווינטישע נאָטן פֿון וואַלדישן ניגון זיינען הדרגהווייז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין די ערשטע מענטשלעכע נאָטן פֿון אַן אַלטן יידן, וואָס האָט זיך באַגריסט מיט דער פֿרעמדער פֿרוי מיט אַ מאַך מיטן קאָפּ, בשעת ער האָט אונטערגעברומט אַ לידל:

דאָס גלעזעלע טוט וואַנדערן
פֿון איינעם ביז דעם אַנדערן
און ארך אפּיים
לאָמיר מאַכן אַ לחיים.

פאַרן שטעטל האָבן זיך אויסגעשפּרייט גרינע פעלדער וואו בהמות האָבן זיך געפּאַשעט און העגער געקריייעט. איבער די פעלדער זיינען אַדורכגעלאָפן הילצערנע רערן מיט ברעטער פון אונטן און פון דיביידע זייטן, אויבן איז געווען אָפן. אַ קאָכעדיקע פליסיקייט, פון וועלכער עס איז אַרויף אַ פאַרעדיקער רויך, איז אַדורכגעפלאָסן די הילצערנע רערן. האָדעלקע איז נאָכגעגאַנגען די רערן ביז וואַנען זי איז זייער אורשפּרונג דערגאַנגען: אַ גרויסע ציגלנע פאַבריק מיט אַ מגדל־בבלדיקן קוימען וואָס האָט געפּאָמפּעוועט רויך אין די הימלען. אין דער לופט איז געווען אַ ריח פון גן־עדן, אַ תערובֿת פון ערשט־געבאַקן ברויט, זיסן וויין, טייערער משקה, פרישן צוקער און אויסלענדישן פּאַרפום. זי איז צוגעגאַנגען צו צוויי פרויען וואָס זיינען פונקט אַרוים אין גאַס פון דער פאַבריק און זיי אַ פרעג געטאָן וואָס דאָ איז.

— בושעווסקי׳ס ספּירט פאַבריק! איר ווייסט דען ניט? גאַנץ רוסלאַנד מיט האַלב אייראָפּע פאַרזאָרגט ער מיט ספּירט, אונדזער בושעווסקי. אָט דאָרטן וואוינט ער, — האָט איינע פון זיי מיטן וויַיז־פינגער אָנגעוויזן אויף אַ פּאַלאַץ איבערן וועג וואָס איז ווי אַרויסגעשפּרונגען פון די מעשה ביכלעך מיט וועלכע זי פלעגט זיך מיידלווייז אָנלייענען.

— בישעווסקי! — האָט איר אויסגעבעסערט איר חברטאָרן.

— בושעווסקי! — איז די ערשטע איר שטעטל באַשטאַנען.

די צוויי פרויען זיינען אַוועק, שרייענדיק „בושעווסקי" און „בישעווסקי". האָדעלקע׳ן האָט זיך בשעת מעשה פאַרגלוסט דעם פּאַלאַץ אָנקוקן. אין די גערטנער אַרום דעם פּאַלאַץ זיינען געווען קוסטעס אַרומגעשאָרענע זיי זאָלן אויסזען ווי חיות און לאַפּיטוטן. אַרום און אַרום איז געווען אַן אויסגעגראָבן טייכל מיט אַ בריק מיט קייטן. די בריק איז געשטאַנען דיבאָם, אַפּנים אַז מ׳האָט עס

אַראָפּגעלאָזן נאָר אַז די בושעוווסקים זיינען אַריין און אַרוים, צי ביים אויפנעמען זייערן אַ גאַסט. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ קוק טאָן פון יענער זייט. דאָרטן איז געווען אַן אַריינגאַנג מיט זיילן און מיט פענצטער און מיט נאָך אַ בריק מיט קייטן, אַלץ אַ געניע אָפּשפּיגלונג פון דער ערשטער זייט. זי האָט ניט געקענט דער־גיין וועלכע פון די צוויי זייטן איז פון פּאַלאַץ די פאָדערשטע זייט.

האָדעלקע איז אַרויף אויפן גאַס. זי האָט ווייטער דערזען די צוויי פרויען, זי האָט ביי זיי אַ פרעג געטאָן וואָס איז דאָס פּאַראַ רערן מיט זודיקע וואַסערן וואָס פליסן פון פאַבריק אין די פעלדער אַריין. זיי האָבן איר געגעבן צו פאַרשטיין אַז דאָס איז דער אָפּפאַל פון ספּירט פאַבריק, מיט וועלכן מ׳פיטערט די בהמות, זיי זאָלן אויך זיין פריילעך, און דערווייל ווערט די גאַנצע שטאָט גליקלעך און שיכור פון די ריחות. זיי האָבן געלאַכט דערפון וואָס די „אויסלענדערין״ האָט דאָס אַליין ניט תופס געווען.

האָדעלקע האָט זיך דערשראָקן פאַרן וואָרט „שיכור״ און איז פון זיי אַוועק. זי האָט גענומען אומגיין איבער די לינטופער גאַסן. די שטיבער זיינען געווען אויסגעפאַרבט מיט שרייענדיקע קאָלירן — גלאַנציקע רויטן, געלן, גרינען. דער באַליבטער אָראַנזש פון יענע מקומות האָט מען בכלל ניט געזען. פּלוצלונג האָט זיך געיאַווועט אַן עלטערע יידענע און האָט גענומען זינגען אַ פּורים לידל כאָטש ס׳איז געווען פאַר שבועות.

פּורים איז אַ יום־טוב אַ שיינער
און מ׳קלאַפּט המן אין די ביינער
עסן עסן מיר המן־טאַשן
און מיר טרינקען וויין פון די פלאַשן.

די גאַנצע צייט וואָס האָדעלקע איז אין לינטיפּ געווען, איז ביי איר די דערהויבנקייט געשטיגן ביז וואַנען זי האָט זיך געשפּירט צום ערשטן מאָל אין לעבן אַז זי איז שיכור, כאָטש זי האָט קיין טראָפּן משקה ניט אויסגעטרונקען. זי איז געווען אויפן ראַנד פון אַן עקסטאַז, און האָט זיך געכאַפּט אַז דאָס מוז דאָס זיין „שיכור". די ריחות פון ספּירט פאַבריק און פון די אָפּענע רערן האָבן די סאַמע לופט געמאַכט פאַר י"ש. אין לינטיפּ האָט מען געאָטעמט ספּירט אַזוי ווי אין סווינציאַן די לופט. אויך די בהמות זיינען געווען בגילופין. ביי יעדער קו איז געווען איין גרויס אויג וואָס האָט פאַראויס געקוקט, און איין קליין אויג וואָס האָט קרומלעך אַרויפצוצו געקוקט. די פּיסקעס האָבן אונטערגעשמייכלט מיט אַ קיאישן שמייכל. אינמיטן גאַס האָט אַ פּויער געטריבן אַ חזיר. דער חזיר איז כסדר געלאָפן אויף הינטערווייַלעכץ. דער פּויער מיטן חזיר האָבן אויסגעטאַנצט אַ ראָד. אַ ביסל וייטער האָבן זיך צוויי שקצים צעקריגט איבער אַ מיידל מיט אַ רויט קלייד וואָס האָט אָנגעקוואָלן פונעם טומל. דיביידע קריגער האָבן געפּאָכעט מיט פלעשלעך ספּירט. דער פלינקערער פון זיי, אַ קליינער בלאָנדער יאַט מיט אַ גרינעם היטל מיטן דאַשיק פון הינטן, האָט דעם גרעסערן באַגאָסן מיט דער קלאָרער פליסיקייט וואָס אין פלאַש. דער פאַרשפּילער האָט גענומען שרייען אַז ער ברענט לעבעדיקערהייט. ער האָט פון זיך אַראָפּגעריסן דאָס העמד, אַ שליידער געטאָן אָן דר'ערד, און איז אַנטלאָפן צום טייכל אַרום דעם פּאַלאַץ און איז אַריינגעשפּרונגען מיט אַ גרויליקן געשריי. די מיידל האָט גענומען ווילד לאַכן און האָט דעם זיגער אַ האַסטיקן קוש געטאָן, און איז מיט אים אַוועק, אַ האַנט פאַר אַ האַנט.

אַן עלטערער ייד וואָס איז ביי דער טיר פון זיין שטוב

געשטאַנען, האָט האָדעלקע׳ן אַ רוף געטאָן זי זאָל צו אים אַריינגיין. אינעווייניק איז געזעסן זיין ווייב. ביי זיי איז געווען אַן ערדענע פּאַדלאָגע און זיי האָבן געטראָגן וואָליקעס, ניט קיין שיך. באַלד ווי האָדעלקע האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט דער ייד איר דערלאַנגט אַ גלעזל.

— זעקס און ניינציקער. טרינק, מיידעלע!

— וואָס פּאַראַ מיידעלע גאָר? אַ גרושה בין איך, אַן אומגליקלעכע. וואו׳ל איך אַ גלעזל מיט זעקס און ניינציקער אויסטרינקען? מער ווי קיין קידוש וויין וואָס איז מער צוקער ווי וויין האָב איך דערווייַלע ניט געטרונקען. זייט מוחל. נאָר וואָס, איך בין געוואָרן דאַכט זיך מיר שיכור פון איינאָטעמען די לופט דאָ ביי אייך אין לינטיפּ.

— טרינק אויס, מיין קינד! נו, איז פּאַרזוך! אַז ס׳געפעלט דיר ניט ׳עסטע ווייטער ניט טרינקען! מיר זיינען אָרעמע יידן נאָר ביי אונדז איז פריילעך ווייל מיר מאַכן אַלע ווײַלע אַ לחיים!

האָדעלקע האָט ביי זיך אַ קלער געטאָן, און באַשלאָסן אַז זי׳ט אויסטרינקען דאָס גאַנצע גלעזל מיט איין שלוק, צוליב טאָן אָטאָ די שיינע מענטשן. באַלד ביים ערשטן טראָפּן, האָט איר אַ קרעל געטאָן אין האַלדז, ס׳איז איר געוואָרן געקלעמט און פייערדיק אין דער נאָז. זי האָט זיך פאַרקרימט און צעהוסט. דער בראַנפן איז איר אַריין אין דער לינקער קעל. דער ייד האָט איר אויף גיך דערלאַנגט אַ גלאָז קאַלטע וואַסער אויף צו פאַרטרינקען, ברויט מיט קעז אויף צו פאַרבייסן. די גשמיותדיקע יסורים זיינען נעלם געוואָרן, זיצנדיק לעבן אָטאָ די צוויי פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן צו איר אויסגעשטראַלט מיט ליבשאַפט.

— נישקשה, צום שידוך ׳עט עס ניט שאַטן. טרינקען דאַרף מען זיך אויסלערנען, וואָדען? איין מאָל טוט וויי און אייביק האָט

מען גליק. — האָט איר דער ייד אַ זאָג געטאָן מיט אַ קול וואָס איז געווען האַלב פּאַטערלעך, האַלב גוט־ברודעריש. ער האָט איר דערלאַנגט נאָך ספּירט, דאָסמאָל אַ קליין ביסעלע אין אַ משקה גלעזעלע, נאָך וואַסער, נאָך ברויט מיט קעז. די ווייב האָט געקוקט מיט נחת רוח וואָס זיי האָבן אַ מרה־שחורהדיקע נשמה אויסגעלייטערט.

— אַ סווינציאַנערין, אַ?

— פון וואַנענט ט׳איר געוואוסט?

— לויטן טרויעריקן פּנים! די „אומעדיקע שטאָט״ הייסט ביי אונדז סווינציאַן. אין לינטופּ איז פריילעך ווייל מ׳טרינקט. אַז מ׳טרינקט האָט מען די גאַנצע וועלט אין באָד. מ׳טראַכט נאָר פון שיינע זאַכן, ניט פון די קליינע זאַכן. אַזוי זאָגט דער לינטופּער רב.

— דער רב איז ביי אייך אויך אַ — — אַ טרינקער?

— וואָדען? ס׳איז דאָך לינטופּ און ניט נעמענטשין! ווי רופט מען אייך?

— האָדע־עלקע, האָדעלקע תרשיש. דער מאַן האָט מיר אָפּגעגט אַז קיין קינד איז נאָך די צען יאָר ניט געבאָרן געוואָרן.

— אָפּגעגט איז מזל־טוב! אַ בעסערן ט׳איר געפינען! אַליץ ׳עט זיין גוט אַז איר וועט נאָר מאַכן מיט אונדז לחיים.

— איך בין די טאָכטער פון הירשע־לייב תרשיש. ער איז דער אונטערשמש ביי אונדז אין חסידישן מנין.

— איז הערט זיך איין, האָדעלקע בת הירשע־לייב אונטער־שמש, טייערע. ביי אונדז איז דאָ אַ פערד מיט אַ וואָגן. מיר פירן קנעפּלעך מיט בענדלעך אויפן דאָרף. אַז מי׳לן אויסטרינקען די פלאַש וועלן מיר אייך אַהיימפירן אין סווינציאַן. מיר וועלן אייך געבן אַ מתנה אַ פלאַש ספּירט. איר׳ט צו אונדז ווידער קומען

אויף שבת. קומט צו אונדז צו פאָרן אַלע שבת. לאָמיר זיין אייביקע פריינט. ביי אונדז זיינען קיין קינדער אויכעט ניט געווען. אַ טאָכטער 'עט איר אונדז זיין. קומט פרייטיק אינדערפרי צו פאָרן מיטן קליינבאַן.

מ'האָט גערעדט און גערעדט. האָדעלקע האָט זיך באַלד אויף אַן אָרט פאַרליבט אין די צוויי פשוטע אַלטע מענטשן. ס'איז שוין געווען שפּעט אין בין־השמשות. דער הימל איז געווען געשפּאָלטן אין צווייען. אין איין עק האָט אומגעדולדיק געוואַרט אַ כמעט פולע לבנה. פון יענער זייט הימל האָט זיך עקשנותדיק פאַרהאַלטן אַ לעצט פּענעצל זון. די לבנהדיקע העלפּט איז גראַדע געווען העל בלוי. דער שטח פון דער זון איז געווען ווייס מיט גרוי־שוואַרצע וואָלקנס.

די ווייב, אַן איינגעבויגענע און אָן ציינער, האָט גענומען אַ פלאַש ספּירט און אַריינגעטאָן אין וואָגן וואָס איז געשטאַנען אויפן הויף. דער מאַן האָט איינגעשפּאַנט דעם גרויען פערד וואָס האָט געהאַלטן אין אויסטאַפּן אַ פערדישן ניגון מיט די פאָדערשטע פיס.

צוריקוועגס אין וואָגן, זאַלבעדריט, האָט זיך האָדעלקע געשפּירט אַליין נעענטער מיטן אַלטן פּאָרל, כאָטש זי האָט נאָך ניט געוואוסט ווי מ'רופט זיי. עלעהיי זי וואָלט אמתע טאַטע־מאַמע אויסגעזוכט אין לינטיפ. אונטערוועגנס האָט מען ווייטער געטרונקען און געזונגען „דאָס גלעזעלע טוט וואַנדערן". אַז מ'האָט זיך געזעגנט,ביים אַריינגאַנג צו איר שיינער, גרויסער טרויעריקער דירה אויף אַדוטשקער גאַס, האָט זי זיך איינגע־שפּאַרט זיי זאָלן אַרויפקומען. זיי האָבן געענטפערט אַז זיי מוזן זיך איילן אַהיים אין לינטיפ. מ'האָט געמאַכט אַ קראַנץ פון זעקס הענט און געשוואָרן אייביקע ליבשאַפט.

## יב

עטלעכע טעג האָט מען האָדעלקע׳ן אין גאַס ניט געזען. זי איז געזעסן אין שטוב און האָט צו ביסלעך אויסגעטרונקען די פלאַש. זי איז געשטאַנען פאַרן גרויסן שפּיגל וואָס אין שלאָף־שטוב און האָט גענומען ריידן אויף אַ קול:

— האָדעלקע בין איך! האָדעלקע! האָדעלקע!

אַז זי איז סוף כל סוף אַרויס אינדרויסן, האָט זי אויסגעזען גאָר אַן אַנדערע. די האָר זיינען געווען פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ, צום ערשטן מאָל. אויפן פּנים האָט זיך אָנגעזען אַ לעבנס־לוסט. זי איז געגאַנגען עטלעכע טריט און זי האָט זיך אָנגעשטויסן אין חיים־מאיר דעם סווירער, דעם באַליבטסטן בעטלער אין געגנט, וואָס האָט יעדן באַגריסט, זאָגנדיק אַז ער „האָט חן".

— איך האָב חן!

— חן האָט דאָך אַלעמאָל חיים־מאיר!

— זאָל איך אַזוי האָבן חן אויף יענער וועלט ווי איך האָב חן אויף דער וועלט!

— איר׳ט האָבן. ביז הונדערט צוואַנציק!

— איך זע אַז איר האָט זיך גענומען צו דער פלאַש.

— איך בין געווען אין לינטיפּ און — —

— איך וויים אַלצדינג, — האָט חיים־מאיר גענומען ריידן מיט אַ שחריתדיקן ניגון. — חיים־מאיר דער סווירער וויים אַלצדינג. איר זאָלט טרינקען געזונטערהייט און זיין געזונט, דאַרפט איר דאָך וויסן ווי אַזוי מ׳טרינקט. חיים־מאיר וועט מיט אייך לערנען די פינף געבאָט פון חיים־מאיר דעם סווירער. ניט טרינקען

אינדערפרי נאָר אויף דער נאַכט, איז איין מאָל אַוועק. ניט טרינקען סיידן מ׳פאַרבייסט בשעת מעשה, איז צוויי מאָל אַוועק. ניט מישן קיין צווייערליי געטראַנקען נאָר האַלטן זיך ביי איין און דער זעלביקער משקה איז דריי מאָל אַוועק. ניט טרינקען אַליין נאָר מיט אַ ליבן מענטשן וואָס איז אייך טייער, מיט וועמען עס איז גוט צו זיין, איז פיר מאָל אַוועק. און ווען נאָר מ׳גיסט צו אויפסניי, דאַרף מען דאָס גלעזעלע האַלטן פון אונטן און אַ קלאַפּ טאָן די גלעזלעך און זאָגן „לחיים״; אָט ווי איך הייס חיים־מאיר, איז פינף מאָל אַוועק. און איצטער גייט אויך חיים־מאיר אַוועק, וואוהין ער זאָל ניט גיין האָט ער חן. — און חיים־מאיר איז נעלם געוואָרן אַזוי פּלוצימדיק ווי ער׳ט זיך געיאַוועט.

האָדעלקע תרשיש איז ביי זיך דערגאַנגען אַ טאָלק. אויף קיין לאַנגע שפּאַצירן איז זי ווייטער ניט געגאַנגען. דער קאַטאַר האָט זיך פון זיך אַליין אויסגעהיילט. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק איז געקומען צו איר אויף לחיימס חיים־מאיר דער סווירער. אַלע דינסטיק, חנא בער־איצע׳ס. אַלע מיטוואָך, דער טאַנגאָ. פרייטיק ביז זונטיק איז זי געווען אין לינטיפּ וואו זי איז אַ טאָכטער געוואָרן דעם אַלטן פּאָרפּאָלק וואָס האָבן געלעבט און געלעבט. לשון־הרעניקעס האָבן בלבולים געשפּונען נאָר קיין הוריות האָט זי מיט קיינעם ניט געטריבן. פון הירשע־לייב׳ן מיט בתיה׳ן האָט זי זיך איינגאַנצן דערווייטערט, עלעהיי זיי וואָלטן ביי איר אויס טאַטע־מאַמע געוואָרן.ביידע זיינען פאַר דער צייט געשטאָרבן פון יענע קרענק וואָס דער צער טראָגט אונטער. ביי האָדעלקע׳ן איז אַלע אירע יאָרן געווען אַזאַ זאָרגלאָזע הדווה וואָס מ׳טרעפט ביי די וועמען פרייד איז די פאַרטרינקונג פון אייביקן אומעט.

# איצעלע מיטן שטעקל

# איצעלע מיטן שטעקל

אין גאַנץ ראַדין איז אַזאַ אומעדיקער ייִנגעלע ווי איצעלע מאָטל־דעם־גביר׳ס ניט געווען. ניט דער רבי ט׳אים דערלאַנגט מיטן קאַנטשיק, ניט די ייִנגלעך האָבן זיך צו אים געטשעפּעט, און דאָך זיינען אים עטלעכע מאָל אין טאָג אויפגעלאָפן טרערן אין די אויגן. מיט די קינדער ט׳ער ניט געשפּילט. אַז ער איז בעל־מצווה געוואָרן האָט אים דער חפץ־חיים אַליין אָנגעוואונטשן ער זאָל האָבן „פרייד פון חכמה״. אַז ער איז געוואָרן אַ בחור האָט זיך אים ניט געוועלט חתונה האָבן. צו די אַכצן, האָט מען אים אַוועקגעשיקט מיט זיינעם אַ פעטער אויפן קור־אָרט אין זאַקאָפּאַנע.

פון זאַקאָפּאַנע האָט זיך איצעלע אומגעקערט מיט אַ שטעקן. ניט גלאַט אַ שטעקן, נאָר אַן אויסגעשניצטער שטעקן מיט וואונדער היהלעך, פליגל, בלימעלעך, שווערדעלעך. דאָס שטעקל האָט געגלאַנצט מיטן גלאַנץ פון גוטן אַלטן האָלץ וואָס מ׳האָט דערין איינגעריבן בינען־וואַקס לדורות, אַמאָל ט׳מען געוואוסט ווי אַזוי מ׳מאַכט די זאַכן, אַז וואָס עלטער אַלץ שענער.

ער איז ניט געווען דער זעלבער איצעלע. עלעהיי ער וואָלט נאָר געוועלט גוטמאַכן די פאַרלאָרענע יאָרן מיטן אומזיסטן טרויער. ער׳ט גענומען שפּילן מיט קינדער וואָס זיינען געווען אַ סך ייִנגער פון אים, געוואָרן זייער „קאַפּיטאַן״, אַזוי האָבן זיי אים

אָנגערופן. מיט מיידלעך האָט ער אַ וואָרט געכאַפּט, געלאַכט און געחוזקט, זיך אַרומגערינגלט מיט גוטע־פריינט.

„איצעלע מיט די טרערן" האָט מען שוין אָנגערופן „איצעלע מיטן שטעקל".

וואו ער איז ניט געגאַנגען ט'ער אים מיטגענומען, ער'ט נאָר געציטערט מ'עט אים צוגנבענען, אַזוי פאַרליבט איז ער געווען אינעם שטעקן. פון איין זאַך ט'ער גערעדט מערניט: שטעקל, שטעקל, שטעקל. ער'ט געוועלט מ'זאָל אים אָנרופן „שטעקל", ניט „איצעלע מיטן שטעקל". בריוו האָט ער געחתמעט: „פון מיר, שטעקל".

איצעלע מיטן שטעקל האָט קיין זאַך ניט געאַרט. זיינער אַן עלטערער ברודער איז יענע יאָרן אומגעקומען אויף דער „טיטאַניק". מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט די מאַמען געטראָפן אַ בליץ אַז זי איז געגאַנגען אין פעלד מיט אַ סערפּ, זי איז געשטאָרבן אויף אַן אָרט. דער טאַטע זיינער, מאָטל דער גביר, ער איז געווען אַ שיינער ייד, איז פון דעם אַלעמען געבליבן אַ צעבראָכענער, ער איז געזעסן אין שטוב גאַנצענע טעג און געלייענט „איוב" פון טייטש־נ"ך.

— אייביק לעבט מען דאָך ניט, — האָט איצעלע זיין פּסק געגעבן, סיי איבערן ברודער, סיי איבער דער מאַמען. אַזוי'ט ער געזאָגט אַז מ'האָט ביי אים אַ פרעג געטאָן אַלמאַי ביי אים איז קיין סימן פון אבלות ניטאָ. ער האָט רק געגלעט דעם שטעקן, געקוקט אויפן שטעקן, געשפּילט מיטן שטעקן און אַרומ־געגאַנגען מיטן שטעקן. ער איז אַלע טאָג דורכגעגאַנגען גאַנץ ראַדין, „אַראָפּצעצו" און „אַרופצעצו", אויף טאַטאַרסקער גאַס און קלעבאַנער גאַס, אויף מאַזייקער גאַס און פּאַזע דעם טייך „ראַדין".

אַז ביי אים איז געווען דער שטעקן, איז ער אַפילו געוואָרן אַ שטיקל עזות־פּנים. איינעם אַ שבת נאָכמיטיק האָט געזאָגט אַ שיעור „עין יעקב״ איבער בבא בתרא אַ ווילנער מגיד, ער איז געווען אויף שבת צו גאַסט ביים חפץ־חיים. אים איז אויסגעקומען צו דערמאָנען אַ שטעקן.

— דאָ אין פּרק חמישי, המוכר את הספינה, ברענגט מען פון מסכת כלים: קנה מאזנים וכו׳, דאָ גייט די רייד וועגן שטעקן, וואָס אויף אים הענגען די שאָלן פון ביידע עקן. אויבע דער שטעקן איז אינעווייניק הויל — —

— מיין שטעקן איז אָבער ניט הויל אינעווייניק! — האָט איצעלע מיט אַ תמימותדיקער העזה דעם מגיד איבערגעריסן. דער מגיד האָט גערעדט ווייטער, נאָר שטעטלשע לצים האָבן הנאה געהאַט וואָס דער פריילעכער יונגערמאַן האָט זיך אַריינגעמישט, זאָל זיין ניט אויפן אָרט, אַבי מיט אַ ריכטיקן שטעקן, ניט קיין שטעקן פון דער באָבע באַסיע — —

איצעלע איז געווען אַ שיינער, איינער אין ראַדין. דער שמייכל זיינער האָט שוין פאַרכאַפּט. מ׳האָט זיך צו אים אָן אַ שיעור געשדכנט. דער טאַטע אַ גביר, דער התן אַ בילד־שיינער, וועמען אַרט עס וואָס איין זאַך מערניט גייט אים אָן, זיין שטעקל פון זאַקאָפּאַנע? ער האָט זיך געלאָזט ריידן אַ שידוך מיט אַ מיידל, דישע. זי איז געווען אַ פריילעכע, אַ שלאַנקע, די האָר זיינען געווען שאַטען, זי׳ט געאַרבעט ביי איר מאַמען אין בשמים קראָם.

די התונה איז געווען אַ טרויעריקע. די חופּה האָט מען געשטעלט אַז ס׳איז אַוועק דאָס יאָר נאָכן אומגליק מיט דער מאַמען. איצעלע האָט זיך געפרייט ווי אַלעמאָל, מיטן שטעקל און מיט דער כלה.

די ערשטע חדשים איז געגאַנגען גוט. נאָכער איז די ווייב געוואָרן ביי איצעלע׳ן אין די אויגן אַ פאַרנוצט שפּילכל. געקריגט האָט מען זיך ניט. איבער וואָס זיך צוזאַמענריידן איז אויכעט ניט געווען. איצעלע האָט ווייטער געאַרבעט ביים טאַטן אין געשעפט. אַז מ׳האָט אַראָפּגעלאָזן ביימער, האָבן זיי אָפּגעקויפט די קאָרע. זיי האָבן שוין געוואוסט וואָס צו מאַכן דערפון, פאַרקויפט האָבן זיי קיין אויסלאַנד.

איצעלע האָט פאָרט געגאָסן פון דישע׳ס גוטער באַלעבאַטישקייט בייטאָג און איר הייסן לייב ביינאַכט. אים איז ניט אָנגעגאַנגען וואָס מ׳רעדט צווישן זיך אַ רענדל אַ וואָרט. אים ט׳ניט ווי געטאָן וואָס זי איז ביסלעכווייז אַזוי טרויעריק געוואָרן ווי ער אַליין איז געווען דאַמאָלסט אַז ער איז געווען איצעלע מיט די טרערן. און אפשר איז געווען ביי אים אַ גדולה וואָס ער, דער גאַנצער קנאַקער מיט משה רבינו׳ס שטעקן, האָט געוועלטיקט איבער אַ ווייבל וואָס דאָס איז וואָס ער איז אַמאָל אַליין געווען, איידער גאָט האָט זיין תורה געגעבן אין זאַקאָפּאַנע.

די דישע איז קיין נאַר ניט געווען. לאַנג ט׳ניט געדויערט, זי האָט וואויל באַנומען וואָס דאָ טוט זיך. זי האָט פאַרשפּילט ביים ניט־דערבאַקענעם יינגעלע מיטן שטעקל.

אין איינעם אַ שפּעטביינאַכט, ס׳איז געווען פאַר פּסח, איצעלע האָט געכראָפּעט ווי אַ זעג ביי אַן איינגעניטן סטאָליער אין האַנט, האָט דישע שטילערהייט דעם שטעקן, וואָס איז געלעגן לעבן בעט, איינגעראָלט אין אַן אַלטן ליילעך און פאַררוקט טיף אין שראַנק, צווישן די וועש. קיין צוגעגרייטע זאַך איז דאָס ניט געווען. עלעהיי אַ דרויסנדיקער כח וואָלט איר ביי דער האַנט געפירט. ווייטער האָט זי קיין אויג ניט צוגעמאַכט. זי איז וואַך געלעגן אין בעט און געקוקט אויף די רייען קלעצער אין

דער סטאָלעוואַניע וואָס די לבנה האָט דורכן פּענצטער באַלויכטן. די גאַנצע נאַכט איז איר דורכגעלאָפן אַ קעלט דורך דער שדרה, ווי אַ מייזעלע וואָס לויפט האַסטיק דורך אַ צימער, כאָטש אין שלאָפשטוב איז גאָרניט קאַלט געווען. די קאַכל פון יענער זייט אויוון זיינען וואַרעם געבליבן און דאָס ווינטערדיקע בעטגעוואַנט איז געווען ניט צו פאַרזינדיקן.

איצעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט אַנדערטהאַלבן שעה פאַר דעם ווי געוויינלעך. ליגנדיק נאָך אין בעט, האָט ער אַראָפּ־געלאָזט די האַנט אַ כאַפּ צו טאָן דעם שטעקן ווי אַלע פרימאָרגן, ניט אַראָפּקוקנדיק. אָן דעם שטעקן ט׳ער די הענט ניט אָפּ־געגאָסן.

— דער שטעקן! ער אי׳ ניטאָ! וואו דער שטעקן? — האָט ער אַ רעווע געטאָן, אַזוי ווי ביי אַ מענטש וואָס פון אַלעמען איז ער מרוצה און איין קלאָרן פרימאָרגן כאַפּט ער זיך אויף און זעט איין אַז אין גאַנג פון דער נאַכט האָט מען ביי אים אַלצדינג צוגענומען. בעתן שרייען האָט ער מיט אַ פלינקן שפּרונג זיך אַוועקגעשטעלט און דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט בשעת מעשה אַראָפּגעצויגן אויף דער פּאַדלאָגע. דאָרט וואו די קאָלדרעס זיינען געווען איז געלעגן נאָר דישע, אָנגעטאָן מיט אַ וויים נאַכטקלייד. זי האָט זיך געמאַכט אַז זי וועקט זיך ערשט איבער.

— וואָס זאָגסטע? דער שטעקן דיינער? דאָרטן וואו׳סט עס אַוועקגעלייגט, דאָרטן ליגט ער! וואָדען, אַ גנב געקומען, קיין זאַך ניט צוגענומען, זיך געהיט אונדז ניט איבערוועקן און דווקא דיין שטעקן צוגענומען! טו מיר אַ טובה, רייד ניט קיין נאַרישקייטן! נאַ, אָט זעסטע, די טיר איז פאַרשפּאַרט מיטן קייטעלע פון דער זייט. דורכן קוימען איז אַריין דער גנב?

— אָ׳דאָ איז ער געשטאַנען! ביים בעט איז ער געשטאַנען!

אפשר האָסט עם ערגעץ אַוועקגעשטעלט? — האָט איצעלע ביי איר געפרעגט שוין רואיקער און צום ערשטן מאָל מיט אַ קול וואָס האָט דער ווייב אָפּגעגעבן דרך ארץ, אפשר קען זי אים אויסזוכן זיין שטעקן, דאַמאָלסט וועט זי ביי אים זיין העכער ווי בת=שבע.

— וואָס רעדסטע? וואו אַוועקגעשטעלט? כ׳האָב זיך אין בעט געלייגט פאַר דיר! — האָט אים דישע געענטפערט, צום ערשטן מאָל מיט אַ שמץ פון כעס און באַליידיקונג, וואָס דער מאַן איז איר חושד אַז אין סאַמע שלאָף האָט זי קיין בעסערן עסק ניט געהאַט ווי איינשלינגען זיין אויסגעשניצטן שטעקן פון זאַקאָפּאַנע.

— רבונו של עולם! טאָ וואו איז ער? קיין פיס אי׳ דאָך ביי אַ שטעקן ניטאָ!

— מ׳קען וויסן וואָס אַזאַ שיינער שטעקן קען אָפּטאָן? — האָט אים דישע כיטרע אַריינגערוקט אַ משונהדיקן איינפאַל, א י ם, דעם לא=יוצלח וואָס האָט ליב נאָר דעם שטעקן און ניט די ווייב.

— אַ נעכטיקער טאָג! וואו אי׳ דער שטעקן? — האָט ער אויפסניי גענומען גרילצן מיט בייזן.

— אַז ער אי׳ געגאַנגען שפּאַצירן, ט׳ער קומען ווייטער, וואָס, אינדרויסן ט׳ער בלייבן? — האָט אים אויפגעקלערט דישע, שוין מיט אַ טאָגטעגלעכן, ערנסטן טאָן, עלעהיי זי וואָלט געגלייבט אינעם שטעקן ניט ווייניקער איידער דער מאַן אירער.

— וואוהין ׳עט ער גיין און פון וואַנענט׳ער קומען? דריי מיר ניט די קאָפּ!

— וואָס איז דאָס ביי דיר „וואוהין ׳עט ער גיין״? אין פּאַפּישעק ט׳ער גיין, איך וויים, אפשר אין סטאַריי, אפשר — —

— דו לאַכסט פון מיר!
— זאָל איך צער האָבן!
— וואָדען, דו גלייבסט אַז דער שטעקן איז פון זיך אַליין אַוועק?
— ווי איך בין אַ ייד!

איצעלע איז געזעסן רואיק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ וואָס ער האָט אָנגעשפּאַרט אָן די הענט. ער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, און האָט געפּרואווט פאַרשטיקן אַ געוויין, דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט געוויינט פון זינט ער איז געווען אין זאַקאָפּאַנע.

— ווייסט וואָס כ׳ל דיר זאָגן, דישקע? דער אמת איז, אַז דעם טאָג וואָס איך האָב דעם שטעקן באַקומען אין זאַקאָפּאַנע אויפן קור־אָרט האָב איך באַלד אויף אַן אָרט געזען אַז דאָס אי׳ ניט ס ת ם אַ שטעקן! ניין, דישקע, דאָס איז ניט סתם אַ שטעקן! דעם שטעקן ט׳מיר אַוועקגעגעבן אַ מתנה אַן אַלטער רום, איך בין געווען מיטן פעטער, מ׳איז געגאַנגען אין גאַס און דער רום, ער אי׳ דאָרטן צוגעפאָרן פון טיף רוסלאַנד, ער׳ט מיר אַ זאָג געטאָן אַז לאַנג ט׳ער ניט לעבן, ער זעט ביי מיר אויפן פּנים אַז מיר אי׳ ניט גוט, נאָר וואָדען, אַז איכ׳ל אָטאָ דעם שטעקן היטן ווי דעם גרעסטן אוצר, ט׳מיר אייביק גוט זיין. כ׳האָב עם אָ׳געדאַנקט, געוועלט באַצאָלן, נאָר קיין גראָשן ט׳ער ביי מיר ניט גענומען, און ריידן ט׳ער אויכעט ניט געוועלט. ער איז געגאַנגען ווייטער אָ ן דעם שטעקן, און איך בין געבליבן שטיין מיטן פעטער מ י ט ן שטעקן. געדענקסט׳עך אַליין, מסתמא, דאָ אין שטאָט, אַ ייִנגל בין איך געווען אַן אומעדיקער, נאָר פון זינט ס׳איז ביי מיר געווען דער שטעקן אי׳ מיר גוט געוואָרן. ניין, דישקע, דאָס איז ניט גלאַט אַ שטעקן פון אַ מושב

זקנים, ניין, דאָס אַ וואונדער שטעקן! אַ וואונדער שטעקן! נאָך איידער דער זיידע איז אויף דער וועלט געווען, וואָס רייד איך נאַרישקייטן, נאָך איידער דער ע ל ט ע ר ז י י ד ע אי׳ געווען אויף דער וועלט, אי׳ געווען באַשערט אַז יענער רום ׳עט מיר אויפן קור־אָרט אין זאַקאָפּאַנע שענקען אַ מתנה דעם שטעקן. ווער קען וויסן ווען ס׳עט געהערט אַמאָל אַמאָל? ווייסט דישקע, די זאַך אי׳ גאָרניט אַזוי פּשוט. ג אָ ר נ י ט אַ ז ו י פּ ש ו ט. ג אָ ר נ י ט אַ ז ו י פּ ש ו ט. די מעשה האָב איך דיר אינגאַנצן ניט דערציילט, ס׳אי׳ ניט אויסגעקומען, כ׳האָב געטראַכט, כ׳וויים, ׳סט מיינען אַז איך בין ניט אינגאַנצן. אַ מעשה מיט אַ שטעקן. זעסטע! די טיר האָט מען דאָך ניט אויפגעפּראַלט. קיין גנב איז דאָ אין בעט ביי אונדז ניט אַריינגעקראָכן. און דער שטעקן ניטאָ. ניטאָ דער שטעקן! געווען און מער ניטאָ!

איצעלע איז לאַנג געזעסן אַ שטומער אויף אַ ברעג בעט. די אונטערשטע לופּ איז געווען ביי אים איבערגעדרייט, און מיטן קאָפּ האָט ער געמאַכט הין און צוריק. סוף כל סוף האָט ער מיט די אויגן אָנגעקוקט דישע׳ן. זי איז מיט טרויעריקע אויגן געזעסן אויף אַ בענקל און געקוקט אין פענצטער.

— איצעלע, הער אויסעט. לאָמיר אפשר צופאָרן אויפן קור־אָרט אין זאַקאָפּאַנע. אפשר איז דער שטעקן דאָרטן צוריקגע־פלויגן, געוועלט זען צי דו ביסט עם געטריי, צי דו׳סט פון זיינטוועגן אָפּפאָרן אַזש אין זאַקאָפּאַנע. טאָמער ניט, ווער אפשר דאָרטן זיין נאָך אַזאַ שטעקן.

— מ׳עט פאָרן.

אַז איצעלע איז אַוועק אויף דער אַרבעט, האָט דישע גענומען אַ זעג, דעם שטעקן צעזעגט און די שטיקלעך אַריינגערוקט אין

ברענענדיקן אויוון.

אין זאַקאָפּאַנע זײַנען זיי ניט געפֿאָרן, נאָר געלעבט האָבן זיי אין פֿריידן, אין ראַדין. אַליין האָט ער זיך שוין אָנגערופֿן „איצעלע". די ווייב זײַנע האָט בײַ אים געהייסן ניט „דישע" נאָר — שטעקל.

# טילע הנביאה

# טילע הנביאה

טילע הנביאה, אַזוי׳ט מען איר גערופן, האָבן אַלע געקענט אין געגנט. דער טאַטע אירער איז געווען ר׳ יקותיאל⸗שמאי, דער בואוויצער דיין, סיל⸗שאַמע דיין ט׳מען אים גערופן, דער עלטערזיידע זיינער איז געווען דער „מעין הברכות״. די מאַמע עטע⸗לאה איז געווען אַ נעמענטשינערין, אירער אַ זיידע איז געווען דער „אמרי אלכסנדר״. אַז דער שידוך צווישן דעם בואוויצער מיט דער נעמענטשינערין איז געווען אַ גלייכער, דאָס ט׳מען געזען פונעם שלום בית וואָס איז ביי זיי געווען, דאָס ט׳מען געזען ביי די דריי טעכטער, געראָטענע אַלע. און ביי טילע׳ן, זי איז געווען די יינגסטע, איז געווען אַ גמרא קאָפּ. אין עברי איז ניט געווען וואָס צו ריידן, זי׳ט דעם מיידלשן מלמד איבערגעיאָגט, אַ שרעק.

די קינדערשע יאָרן האָט טילע פאַרבראַכט ביי זיך אין צימערל, אויבן, „אויף דער שאַלקע״ ט׳עס געהייסן, פּונקט איבער דער קליינער ישיבה וואָס דער טאַטע׳ט מיסד געווען ביי זיי אין הויז אונטן. אַז זי איז קיין גאַנצע זיבן יאָר נאָך ניט געווען, האָט זי אַרויסגעצויגן אַ לויזע ברעט אין דער פּאַדלאָגע און זיך אונטערגעהערט ווי מ׳לערנט אונטן. יעדער וואָרט איז אַרויפגעפלויגן אויף דער שאַלקע ווי מיט גאָט׳ס פליגל, דורך דער אַלטער טינק פון דער סטאָלעוואַניע, וואו שפּינוועבישע

שפּאַלטלעך און שפּאַרונעס האָבן פּאַר די דברי תורה אַ וואַרע געמאַכט. אַז דער טאַטע האָט זיך דערוואוסט, האָט ער געזאָגט „כי טוב", אויף אַלע יידישע־קינדער געזאָגט געוואָרן, זאָל עס אים יום־כיפּור פאַררעכנט ווערן אַ זכות, דער אייבערשטער זאָל אים אָנבענטשן מיט זין בני תורה. מיט קיין אַנדערע מיידלעך האָט זיך טילקע ניט געשפּילט. געזאָגט האָט זי, אַז זייערע אַלע שפּילן, מיט קרוצעלסטווע, דאָס הייסט מיט אָפּנאַרן אין שפּילן, צי אָן קרוצעלסטווע, דאָס הייסט ערלעך געשפּילט, זיינען אַלץ קלות ראש מיט ביטול זמן. אין אירע רייד איז געווען מער לשון קודש ווערטער ווי ביי עלטערע בחורים אין שטאָט. קיין אַנדערע מיידלעך האָבן ניט גערעדט פון „קלות ראש" מיט „ביטול זמן".

צו די זעכצן האָט מען איר משדך געווען פאַר אַ ווילנער עילוי, יצחק־אייזיק קאַמין ט׳ער געהייסן. צו אַלע מעלות איז ער געווען אַ שיינער, אַ הויכער, אַ פריילעכער, ער איז געגאַנגען מיט פּאַנסנע. די חופּה האָט מען געשטעלט אין בואוויץ און זיי זיינען אַוועק וואוינען אין ווילנע אין אַ שיינער דירה אויף קוילן גאַס וואָס חתנ׳ס צד האָט איינגעסדרט, ניט ווייט פון ראַמיילעס׳ ישיבה.

באַלד נאָך דער חופּה האָט מאַן און ווייב אָנגעכאַפּט אַ קאַלטקייט. דער יונגערמאַנטשיק האָט באין אופן ניט געוועלט ריידן מיט דער ווייב פון לערנען, ווער רעדט נאָך זיצן מיט איר ביי אַ ספר. נאָר אין באַלעבאַטישקייט ט׳ער מיט איר גערעדט, און אין בעסטן פאַל ט׳ער איר צוגעוואָרפן פּשטלעך פון דער סדרה. די נשמות ערטילאין זייערע האָבן זיך געפּאָרט ווי אַ קורקולער מיט אַ לושטשיקער. קיין קיילעכדיק יאָר האָט ניט געדויערט און מ׳איז אַריינגעפאַלן אין טעגלעכע אַמפּערנישן.

גערעדט האָט מען מיט שפּיצן. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז כּלפּי חוץ וועט זי ניט אויסבאַהאַלטן וואָס זי זיצט און לערנט גמרא מיט תּוספות אַלע טאָג. אין בואוויץ האָט מען איר באַוואונדערט! מ׳האָט איר מיידלווייז גערופן „טילע די למדנטע״ און געמיינט האָט מען צום גוטן. און דאָ אויף קוילן גאַס דאַרף מען עס אויסבאַהאַלטן ווי אַ פלעק אויף דער משפּחה.

— ס׳ט מיר מוחל זיין, אייזקע, נאָר ב ו א ו ו י ץ איז גיכער ירושלים ד׳ליטא איידער ווילנע!

— איך הייס ניט קיין אייזקע! — האָט ער אַ געטראָפּענער אַ שריי געטאָן, און האָט איר צום ווייפלטן מאָל אויפגעקלערט אַז אייזקע רופט מען אין ווילנע עופּעלעך מיט קינדערלעך, ניט קיין תּלמידי חכמים.

— אַז ביי דיר הייס איך „טילקע״, און ביי מיר איז עס אָנגעלייגט, וואָס אַרט עס דיר „אייזקע״ און וואָס איז שלעכט „אייזקע״? אָט אַזוי רופט מען אַלעמען ביי אונדז אין בואוויץ. דער רב ר׳ דאָנקע, אַ גוטער בעטער זאָל ער זיין, איז נפטר געוואָרן צו הונדערט מיט צוויי יאָר! ווייסט וואָ׳ דאָ טוט זיך? דאָ אין ווילנע איז יעדער אַ פּראַנט. מ׳שטייט אין שפּיגל און מ׳פּוצט זיך אַ גאַנצן טאָג. יידן זיינען דאָ קיין יידן ניט און די גויים זיינען ניט קיין גויים. רק מ׳לויפט און מ׳שפּרינגט. ווער עס גייט מיט אַ זייגערל אויף דער האַנט און ווער עס טראָגט אין קעשענע אַ זייגערל. אָן אַ זייגערל גייט מען ניט. אַן עגל הזהב איז דאָ ביי אייך אַ מעשה מיט זייגערס! רבונו של עולם, ווער האָט עס כּח אַזויפל מענטשן אַלע טאָג אָנקוקן?

— דאָ איז ניט בואוויץ און דאָ איז ניט טראָק! אַ זכיה וואוינען אין ווילנע! ירושלים ד׳ליטא!

כאָטש ער האָט איר ניט געזאָגט אַז ער האָט איר אין טראָק,

האָט דער אָפּגעהיטער יצחק־אייזיק שוין געגעבן אַזאַ אָנהערעניש ביים ברענגען פאַר די ליפּן דאָס וואָרט „טראָק״. ער איז געוואָרן אַ ביסל אונטערטעניקער אַז אַ זונענשטראַל האָט גראַדע יענע רגע אַריינגעבויערט אין צימער אין קוילן גאַס, און טילע׳ס שיינע האָר, זיי זיינען געווען שאַטען, באַלויכטן ווי דורך דעם כביכול׳ס אַ סימן. טילע האָט אַ כאַפּ מיט דער האַנט געטאָן עטלעכע לאָקן האָר און זיי אַרומגעדרייט אַרום אַ פינגער און געלאַסן אַ זאָג געטאָן, מיט אַ טאָן פון אַן אַלטן יידן מיט אַ לאַנגער וויסער באָרד:

— אין שטאָט טויג ניט. נאָר מ׳פּוצט זיך. אין גאַס שמעקט מיט שמינקע און מיט פּאַרפום, ניט מיט גאָט׳ס לופט. ס׳איז אַלץ עניני דיומא מיט קטנות דמוחין. אין כתובות שטייט קלאָרע דיבורים: ישיבת כרכים קשה! אין אַ שטאָט איז שווער צו לעבן! די גמרא ברענגט דאָך עס פון ר׳ יוסי בר חנינא, ער׳ט׳עך עס אָפּגעלערנט פון פּסוק אין נחמיה, אַקעגן דעם וואָס די משנה זאָגט אַז אַ מאַן מעג זיין ווייב אַריבערפירן פון איין שטאָט ביז נאָך אַ שטאָט און פון איין שטעטל ביז נאָך אַ שטעטל, אָבער ניט פון אַ שטאָט אין אַ שטעטל און ניט פון קיין שטעטל אין קיין שטאָט! אבל לא מעיר לכרך ולא מכרך לעיר! פון בואוויץ ביז ווילנע איז פון שטעטל אין שטאָט אַריין! האָסט גאָרנישניט געטאָרט! די מחלוקת צווישן דעם רמב״ם דאָרטן אין הלכות אישות מיט רש״י וועגן „כרך״ און „עיר״, וועלכע הייסט „שטאָט״ און וועלכע הייסט „שטעטל״ איז דאָ ניט שייך, ס׳איז קיין נפקא־מינה ניט צום דין אַז מ׳טאָר ניט אַזוי און מ׳טאָר ניט אַזוי! פונעם רבונו של עולמ׳ס בואוויץ האָסט מיר איבערגעפירט אין דער גובערנסקער שטאָט אַריין! נאָכמער, דער טור ברענגט׳עך פון מהר״ם ראָטנבורג אַז — —

— רבונו של עולם! כ׳ל שטאַרבן פון דעם אַלעמען! מיט וואָס האָב איך געזינדיקט און מיט וואָס האָט דער טאַטע געזינדיקט אַז מיין ווייב זאָל ניט זיין קיין אשת חיל, קיין באַלעבאָסטע, נאָר אַ צעקרימעניש וואָס דערציילט מיר וואָס עס שטייט אין כתובות! אַ צעקרימעניש וואָס האָט האָלט נאָר אַ העק אויף יענער זייט סמבטיון! אַ גט! אַ גט וויל איך!

— איך נעם ביי דיר ה י י נ ט ! צום טאַטן אין בואוויץ פאָר איך. מ׳עט שוין אַלץ מאַכן ווי עס באַדאַרף צו זיין. דיין צווייטע ווייב וועט אַ פּראָסטע מיידל פון זאַוואַלנע גאַס זיין, אַ בעקער׳ס אַ טאָכטער, מיט איר וועסטו לעבן גליקלעך. זיי געזונט.

יצחק־אייזיק איז געבליבן געפּלעפּט. אין האַרצן האָט ער פון קינדווייז אָן געגאַרט נאָך ראָזע דעם בעקער׳ס, געלעבט האָט זי אויף זאַוואַלנע גאַס, נאָר דאָס ט׳ער קיינעם קיין וואָרט ניט דערציילט. ער איז געבליבן זיצן שטום. טילע האָט זיך איינגעפּאַקט די ספרים מיט די מלבושים און איז אַראָפּ צום סטראָזש בעטן ער זאָל איר אויסזוכן אַ פור אויף בואוויץ. יצחק־אייזיק האָט זיך נאָך איין מאָל מיט טילע׳ן געזעגנט, ביים גט, און שוין. באַלד נאָכדעם ט׳ער התונה געהאַט מיטן בעקער׳ס טאָכטער און האָט מיט איר במנוחה אויסגעלעבט די יאָרן. איר ניט קענען ליכטבענטשן אָן אַ גרייז איז ביי אים געווען אַ גדולה, אַ געשאַנק פונעם רבונא דעלמא׳ס גענאָד.

ב

אין דער היים ביי טאַטע־מאַמע, האָט טילע ניט געהאַט וואָס צו שעמען זיך וואָס זי איז זיך מיטן מאַן פונאַנדערגעגאַנגען. ביזן

הימל האָט מען איר אין בואוויץ געלויבט. וואָס זי איז געווען אַ גרושה האָט די גאַנצע שטאָט בפּה אחד פאַרגלעט:

— טילע לעבן! ע ר, קעגן ד י ר, אי׳ געווען אַ דרדקי מלמד. און ד ו קעגן ע ס ביסט אַ גמרא מלמד! אַ שיינע ריינע כפּרה! אויף מיר פאַרלאָז׳עך! ׳סט געפינען אַ בעסערן! אַ בעסערן און אַ שענערן!

טילקע סיל־שאַמע׳ס איז אָבער ניט אָנגעגאַנגען אויסזוכן קיין נייעם חתן. דאָס וואָס זי האָט טועם געווען פון לעבן מיט אַ מאַן צוזאַמען האָט איר געקלעקט מיט אַן עודף ביז אין יענער וועלט אַריין. כאָטש זי האָט מיטן מאַן געלעבט סך־הכל אַ פּאָר חדשים אין דער גובערנסקער שטאָט, איז דער גאַנג אירער שוין געווען ניט דער זעלביקער. דער הילוך איז געווען ביי איר פון אַ פרוי, ניט קיין מיידל. זי איז ווייטער אָפּגעזעסן גאַנצענע טעג אין איר צימערל אויף דער שאַלקע, אַרומגערינגלט מיט גרויסע, אויפגעעפנטע ספרים. זי האָט אַליין געלערנט אינעווייניק אין ספר, א ו י ב ן, אויף דער שאַלקע, דאָס וואָס דער טאַטע האָט מיט די בחורים זיינע געלערנט א ו נ ט ן אין זיין בואוויצער ישיבה.

פאַר דער חתונה פלעגט טילע ציטערן מ׳זאָל איר אונטן ניט דערהערן, זי איז אַלע יאָרן געזעסן ווי אַ סטאָלעוואַניע, ס׳זאָל קיין רויש ניט דערגיין צו די בחורשע אויערן וואָס אונטן. פון זינט זי איז פון ווילנע צוריק אַריינגעפאָרן אין בואוויץ, האָט זי זיך ווייניקער געהיט. דאָ אַ נוס און דאָ אַ הוסט. דאָ אַ שאָרך און דאָ אַ מיש אויף אַ סימן אין אַן אַנדער ספר. איין בחור האָט געדאַכט אַז צו מנחה ט׳ער דערהערט פון אויבן אויף דער שאַלקע, ווי אַ ווייבערשער קול זאָגט „אמן״ צו דער סעקונדע. די בחורים האָבן גענומען אַרויפקוקן ווען ניט ווען צו דער טינק פון

דער סטאָלעוואַניע. זיי האָבן גענומען אויך קלערן הוריות. אַ פּרויספאַרשוין איז דעם דײַנ׳ס טאָכטער געווען ניט צו פאַרזינדיקן. ס׳האָט פון איר אָפּגעגלאַנצט מיט רייפקייט אויפן אָרט פון דער אַמאָליקער מיידלשער שעמעוודיקייט. סיל־שאַמע האָט זיך מיט אַלע כוחות געסטאַרעט ריידן אַ שידוך מיט די בחורים זײַנע.

— אפשר מיטן פאַלושער, רופקע?

— גאָט באַהיט. גערענקסט ניט, טאַטע, נעכטן, האָסט עס צוויי מאָל איבערגעחזרט דעם ראַ״ש׳ס תירוץ אויף די ביידע קשיות אינאיינעם, אויפן רי״ף און אויף תוספות? אַ טעמפּע קאָפּ! אין ווילנע ט׳מען געזאָגט אַז ס׳איז אַ קאָט וואָס קוקט אין אָוונטבלאַט אַרײַן!

— איי איי איי. נו, געכאַפּט איז געכאַפּט. און וואָס איז מיט אַוורעמקע דעם לינגמיאַנער? אַ מהרש״א קאָפּ! צוויי יאָר פון היינט האָט ער מיר איבערגעיאָגט.

— אַן אײַזערנעם זכרון האָט ער. נאָר הריפות איז ביי עם קופּער. דאָס אויכעט קאָם מיט צרות. אים איז אײַערנעכטן ניט אײַנגעפאַלן אַז דער מרדכי האָט זיך דאָ אַליין פאַרפּלאָנטערט און ניט געקענט אַרויסקריכן.

— טילקעלע לעבן! וואָס׳עט מען טאָן מיט דיר? ביסט ביי אונדז די טייערסטע, אונדזער קרוין ביסטו. בלויז פון דײַנטוועגן גייט די רייד. קיין נעכט שלאָפט ניט די מאַמע. קיין נעכט! וואָס ׳עט זײַן?

— מ׳עט זיך מישב זײַן! — האָט אים די טאָכטער באַרואיקט. זי האָט אים אַ קוש געטאָן און איז אַוועק אַ האָפּערדיקע.

## ג

טילע איז יענעם פֿאַרנאַכט אַוועק שפּאַצירן הינטערן שטאָט אין זשאַרנייער וואַלד. איר האָט געדאַכט אַז פֿון די טיפֿענישן פֿון דער נשמה האָט מיט איר גערעדט גאָט, אַזוי צו זאָגן:

— תהילה בת יקותיאל שמאי הדיין אשת בואוויץ גיי ווייטער אין זשאַרנייער וואַלד און האָרך דאָס וואָרט וואָס איך בין געקומען מיט דיר ריידן: פֿאַר אַ ווייב האָב איך דיר ניט באַשאַפֿן און פֿאַר אַ מוטער ניט אויסגעפֿורעמט: אין לאַנד ליטא איז געהויבן מיין וואָרט און דאָס פֿאָלק רעכטפֿאַרטיק: נאָר קיין זעאונג איז ניטאָ און צעוואָרפֿן ליגן די ניצוצות: און אין ספר דברי הימים לארץ ליטא שטייט דען ניט היינט געשריבן: והנערה תהילה משרתת את יי לפני הדיין יקותיאל שמאי אביה ודבר יי יקר בימים האלה אין חזון נפרץ:

טילע׳ן האָט געטאָן אַ טרייסל אין דער שדרה, אַ צאַפּל אין גלייכגעוויכט. זי האָט רעכט ניט געוואוסט צי איז זי אַראָפּ פֿון זינען, צי רעדט דאָס מיט איר וואָרהאַפֿטיק דער מלך מלכי המלכים. זי האָט אין הימל געקוקט אוןביים בת־קול אויסגעבעטן ער זאָל זיך צו איר אומקערן. וכך הווה.

— הער מיין וואָרט תהילה: פֿאַר אַ נביאה האָב איך דיר געקרוינט און צו אַ וואָרזאָגערין אויסגעשטייערט: גיי אַהיים און זאָג דיין טאַטן און דיין מאַמען אַז איך האָב דיר געהייסן פֿאַרלאָזן דיין שטוב און דיין שטאָט: און אַוועק אין ביסטרעץ ניט ווייט ביי די ברעגן פֿון דער ווילייע: און דאָרטן וועט דיר קומען מיין וואָרט ביז דיין לעצטן טאָג: וואָרים אין ביסטרעץ איז די פֿאָרכצומקייט שטאַנדהאַפֿטיק:

אַלצדינג וואָס האָט פּאַסירט האָט טילע דעם טאַטן דערציילט. און אַלץ ט׳ער מקבל געווען באהבה. פון טילע׳ס וועגן איז ער געווען גרייט וועלטן איינלייגן. קיין אָרעמאַן איז ער ניט געווען. כספים מיט פּראָצענטן האָבן זיך ביי אים אָנגעזאַמלט אין ווילנער בענק, פונעם נדן מיט די ירושות. ער האָט טילע׳ן אַ הכנסה מסדר געווען, איר אָפּגעקויפט אַ שטיבל ווי איר איז געווען געפעלן, הינטער ביסטרעץ.ביים שטיבל איז געווען אַ לאַנגער גאָרטן וואָס האָט געפירט צו דער ווילִיע. זי האָט זיך דאָרטן אַריינגעקליבן שפּעט אין אב, אין טאָג ווען די גרילן האָבן גענומען גרילצן.

ביסטרעצער האָבן געוואוסט מערניט אַז עס קלייבט זיך צו זיי אַריבער אַ מלומדתטע, אַ יונגע פרוי אַ קענעריין איינע אין ליטע, דעם בואוויצער דיינ׳ס יינגסטע טאָכטער וואָס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיטן מאַן ווייל זי האָט ווילנע ניט האָלט געהאַט. מ׳האָט איר אַלע שיין אויפגענומען. מ׳האָט זיך געאַמפּערט ווער ט׳איר אויף שבת בעטן. איין מאָל אין חודש איז זי אַוועק צו דער משפּחה אין בואוויץ אויף אַ שבת.

גאַנצענע טעג האָט טילע געלערנט ביי זיך אין שטוב. זי האָט איינגעפירט שיעורים פאַר ווייבער און מיידלעך אין תחינות, חומש, נ״ך, דינים, עין יעקב, צאינה ראינה און דעם קיצור. בעל־פּה האָט זי געבראַכט ניט ווייניק פון ש״ס מיט פּוסקים.

דאַמאָלסט אַז זי איז אין ביסטרעץ אַריינגעפאָרן, האָט זי גענומען שעהן לאַנג פאַרברענגען אונטער די צווייגן פון דער אוראַלטער ווערבע וואָס איז געשטאַנען סוף גאָרטן, האַרט ביי דער ווילִיע. דער מעכטיקער בוים שטייט דאָך עד היום. פון בוים רוקן זיך אַרויס געדרייטע לאַנגע צווייגן העט וייט איבערן וואַסער, אויף צו באַשירעמען פון אַלדאָסבייז זייערע אייגענע דלד

אמות ווילינע.

אַוועק אַ פּאָר חדשים האָט זי געלאָזט פאַלן בעת אַ שיעור אין עין יעקב:

— אויפן קייסער אַ האַנט וועט דער מורד במלכות הייבן: און אָפּהאַקן וועט דער קייסער די האַנט:

אַז זי'ט געגעבן צו פאַרשטיין די שטאָטישע יידענעס אַז מורדים במלכות זיינען דאָס די בונטאָווטשטשיקעס, האָט מען איר גוטמוטיק אָפּגעענטפערט:

— וואו בונטאָווטשטשיקעס? וואָס פאַראַ בונטאָווטשטשיקעס? אין קוקישעק צי אין היידוציטשעק? און אפשר אין דראַווטשאַן? טילע לעבן! בעסער די קאָפּ אין די תחינות האַלטן! אין די תחינות!

און נאָכדעם, אַז ס'איז דערגאַנגען אַז בונטאָווטשטשיקעס האָבן מורד במלכות געווען און מ'האָט זיי עוקר מן השורש געווען, האָט מען גענומען אין ביסטרעץ אַנדערש קוקן אויף טילע'ן. מ'האָט איר גענומען רופן: טילע הנביאה. זי האָט די שטאָטלייט געזאָגט אַז גוט אַזוי ווי מ'רופט איר, מ'זאָל נאָר זיין אָפּגעהיט, אַז שבת און יום־טוב דאַרף מען איר רופן ניט אַנדערש נאָר תהילה הנביאה מיט אַ הא.

פון אַרום און אַרום איז מען געקומען פרעגן „וואָס 'עט זיין". אַ באַלעבעסל אַ גביר האָט ביי איר געוועלט געוואָר ווערן, צי זאָל ער מיטן נדן אויפשטעלן אַ ברויערײַ צי אַ בעקערייִ? אַ פרוי אין די הויכע חדשים האָט נאָר געוועלט וויסן צי ס'עט איר אָפּגליקן געבאָרן אַ ייִנגעלע. טילע האָט גוטהאַרציק יעדן אָפּגעענטפערט מיט אַן אייננאיינציקער תשובה, לויטן באַזונדערן אַרט ריידן אירן.

— קלאָרזעער גאַרן גאָלד און גאָט'ס וואָרט ניט: פון האַר פון

ישראל אַ שליחות איז נבואה און העלזעריי שקר: פון אייבערשטן אַ וואָרט איבערגעבן איז מלכות און צוקלערונג אַ פאַלשע מלאכה:

טילע הנביאה איז באַרימט געוואָרן איבער דער גובערניע. ס׳האָט זיך איינגעפירט אַז אַלע ראש חודש אלול, איז מען פון נאָענטן און פון ווייטן געקומען אויסהערן ווי זי רעדט אונטער די צווייגן פון דער ווערבע ביי דער ווילע. ניט אַלע יאָר איז געווען ביי איר נבואה. אַז גאָט׳ס וואָרט איז צו איר ניט געקומען האָט זי געדרשנט, שענער און עמקותדיקער איידער אַלע ווילנער מגידים וואָס זיינען אַרומגעפאָרן אָפּדרשענען פון פרנסה וועגן. פונדעסטוועגן פלעגט דער עולם דאַמאָלסט אַוועק אַן אַנטוישטער. פון מרחקים איז מען געקומען הערן טילע הנביאה, ניט טילע די בעל־דרשנטע.

ניט איינמאָל האָט געטראָפן אַז אירע נביאות האָבן יניקה געצויגן פון די צוויי שטעטלעך אירע. אין איינעם אַ ראש חודש אלול האָט זי דעם עולם פאָראויסגעזאָגט:

— אַצינד איז גרויס ביסטרעץ און קליין בואוויץ: וועט קומען דער טאָג און ביסטרעץ אַ דערפל וועט זיין און אַ שטאָט בואוויץ: שלאַף וועט זיין שטאַרק און מעכטיק נישטיק: און אינצווישן אַ גרעניץ פון פעלקער:

סיי געלערנטע סיי יידן פון אַ גאַנץ יאָר האָבן באַנומען אַז אין אַליץ וואָס טילע הנביאה רעדט איז דאָ אַ באַדייט. מ׳האָט גענומען זוכן פשטלעך מיט רמזים, אָפּלערנען מוסר־השכלם.

אין איינעם אַ ראש חודש אלול, אַ שטאַרקער מערבדיקער ווינט האָט געהויבן פּאַסן מיט ווילע וואַסערן אינדערלופטן, האָט טילע הנביאה, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, גענומען וויינען. און אין געוויין האָט זי גערעדט אַזוי צו זאָגן:

— ביסטרעץ מיט בואוויץ האָב איך דאָ געזען: אָשמענע מיט אייסישעק אויך סוויר מיט סמאַרגאָן: קאַמעלישעק און מיכאַלישעק היינט פּאָדבראָדזש און פּאַלוש: אין הונדערט יאָר אַרום האָב איך זיי דאָ געזען: און אין זיי קיין הויכער קדיש פון אונדז אויך ניט געבליבן: פון בית־עלמינס די מצבות אין ווענט פון הייזער זיינען פאַרמויערט זיינען פּראַכטפולסטע בוי־שטיינער: אַן אורשלעכטס פון מערב האָט געקוילעט און מיט קוילן אויסגעשאָסן: נאָר דער קול פון ווינט רוישט און שאָרכט גיט לשון עד עולם: און די ווילִיע גייט ווייטער: מיט וואַסערן פון איליע און אושע: פון אָשמיאַנקע און נאַראַטשאַנקע פון סערוואַטש און סטראַטשע: די ווילִיע גייט ווייטער: